STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06662

UNTER DI BLOYE ARGENTINER HIMLEN

Golde Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

אונטער די בלויע ארגענטינער הימלען

(יהודית)

ראָמאַן אין צוויי בענד

באַנד צוויי

בוענאָס־איירעס — 1954

קאַפּיטל אַכצן

איבערן גאָרטן האָט זיך געשאָטנט אַ מאָדנער אומעט, ווי ס'וואָלט געוועז צו כל־נדרי. אַ פּחדימדיק ווינטל האָט אומגעשפּאַנט איבער די גראָזן, באַוועגט די שווערע, אבלדיקע און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פון די רויזן. דאָס ווינטל האָט געבלאָזן און אָנגעווייעט אַן אימה אויפן אַרום.

קוקי איז געשטאָרבן! געשטאָרבן און איר טויט האָט אָנגעלייגט טונקעלע שאָטנס און אַ שווערן אומעט אויפן גאַנצן אַרום.

אין הפקרדיק־צעפּראָלטן גאָרטן־טירל איז געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער מאַן, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן, געפּאַסטן פראַק מיט אַ ווייסער, שטייפער וועסט און מיט אַ הויכן צילינדער אויפן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פון גיפּס. פון צייט צו צייט האָט ער זיך העפלעך אַ בייג־געטון און שטומערהייט באַדאַנקט פאַרן טרינקגעלט, וואָס די געסט האָבן אים אַריינגעשטופּט אין דער גרויסער האַנט.

אַרום דעם גאָרטן און ביז צו די נאָענטע געסלעך זענען געווען אויסגעשטעלט רייען טייערע, פּריוואַטע אויטאָמאָבילן. זייערע באַלעבאַטים זענען געווען דאָן פילקעס רייכע קרובים און גוטע פריינט. ס'רוב רייכע אָקסן־הענדלער. זיי זענען געקומען אָפּגעבן קוקין דעם לעצטן כבוד. אָבער אויך דאָן פילקען האָבן זיי געבראַכט כבוד און מיטגעפיל. זיי אַלע האָבן געוווסט פון זיין גרויסער ליבשאַפט צום קינד און וועגן זיין נישט גליקלעך פאַמיליע־לעבן.

דאָן פילקע, ווי אַ שווייגנדיקער מענטש, האָט זיך תמיד אויסגעהיט, אַז עמעצער פון זיינע נאָענטע זאָל אַריינקוקן אין די פאַרבאָרגענע ווינקלען פון זיין האַרץ. ער איז צו זיי געווען העפלעך, באַזוכט מיט זיי די בעסטע אָפּערעס אין טעאַטער „קאָלאָן", געשפּילט מיט זיי אין שאַך און זייער אָפט זיי אַרויסגעזאָגט זיין מבינות וועגן קונסט און מוזיק...

ווען אָבער איינער פון זיינע פריינט פלעגט אים טרעפן אין דער ווייטער פּראָווינץ אין געזעלשאַפט פון סוסין, דאַן פלעגט דאָן פילקע זייער איידל און מיט גרויס באַדויערן אויסדריקן זיין צוטרוי און זיי דערציילן וועגן זיין אומגליקלעכן פאַמיליע־צושטאַנד...

אַ סך פון זיינע פריינט האָבן מיט אים מיטגעפילט אין זיין פאַמיליע־אומגליק. אַנדערע האָבן געשמייכלט און וועגן אים פאַרשפּרייט פאַרשידענע רכילות.

אָבער אין יענעם טאָג פון דאָן פּילקעס טרויער זענען אַלע זיינע פריינט געווען אויף זיין זייט. דאָס האָט מען אויך געקאָנט זען אין זייערע גלאַט־ראַזירטע פּנימער, וועלכע האָבן אַרויסגעלויכטן פון די שוואַרצע אַנצוגן. ברייטע, צעוואַקסענע ווייבער אין שוואַרצע, שווערע קליידער זענען געשטאַנען אין גרופּעס, צעשפּרייט איבערן גאָרטן, צווישן די בלומען און אַרום דעם גאַניקל. ערנסטער טרויער האָט פאַרשלייערט זייערע געזיכטער. פון צייט צו צייט האָט איינער פון די מענער אַ קוק־געטון אויף זיין גאָלדן האַנטזייגערל און איבערגעטראָגן די אומגעדולדיקע בליקן צום אַרויסגאַנג־טירל.

— ווען וועט שוין קומען די שוואַרצע עגלה? — האָט איינער, אַ ברייטבּרוסטיקער הער אומגעדולדיק אַ וואָרטשע־געטון.

— ס'איז שוין שפּעט!... — איז געקומען אַן ענטפער.

— איך דאַרף נאָך היינט זיין אין דער „באָלסאַ"! מען האָט אַנאָנסירט, אַז די לויה וועט פאָרקומען אַרום דריי אַזייגער און איצט איז שוין דריי מיט צען מינוט!...

— וואָס מיינען זיי, די באַלעבאַטים פון די עגלות, אַז מיר זענען ליידיקגייער!

— און מיר טוען שוין ווי די פּיס פון אַזוי לאַנג שטיין.

— קומט אַריין אין אַ נאָענטן קאַפע וועלן מיר עפּעס איבערכאַפּן!...

אויך צווישן די גרופּעלעך ווייבער האָט זיך עס באַוועגט און גערודערט. דאָניאַ כערטרודעס, די מיט דעם פרומען, פאַרשנירעוועטן שנאָבעלע, יהודיתעס נאָענטע שכנה, איז אויך געשטאַנען צווישן די ווייבער און גערעדט. איר פליישיק, געלבלעך פּנים איז געווען באַזאָרגט און מיט אַ מאָדנעם אומשולדיקן אויסדרוק. אירע שמאָלע ליפּלעך זענען בלוי געוואָרן פון צופיל רעדן, איר שטים איז געווען מיד און האָט געקלונגען הייזעריק. זי האָט אַ פּאַטש געטון מיט די פינגער איבער אירע אייגענע ליפּן און אויסגערופן:

— שווייג, מויל... דו טאָרסט מער נישט רעדן, ס'איז אַ זינד...

די מענער האָבן זיך צו איר אויסגעדרייט. איינער האָט זיך צוגעשאַרט צו די ווייבער, איז געבליבן שטיין מיט די הענט פאַרלייגט אויפן בויך. דאָן האָבן זיך אַלע אַנדערע איינציקווייז דערנענטערט צו אים. כערטרודעס האָט מיטאַמאָל באַקומען העלע פייערלעך אין די שמאָלע, מוטנע אויגן און אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטון:

— דאָן פילקע איז אַ מלאך און נישט קיין שטערבלעכער. זיין ווייבעלע האָט אים אַרויסגעשטעלט הערנער... זי האָט דאָס געטריבן די טאָכטער צום טויט...

נאָכדעם האָט זי זיך ווידער אַ פּאַטש־געטון מיט די פינגער איבער די ליפּן און אויסגערופן:

— שוויג, מויל, דו טאָרסט נישט רעדן... ס׳איז אַ זינד...

אַ נייגעריקייט האָט אויפגעטויכט אין די אויגן פון דאָן פילקעס פריינט.

— אויך מיר אַ שיינקייט! — האָט איינער פון די מענער נישט אויסגעהאַלטן. — היינטיקע מענער האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם געשמאַק.

יהודית איז אַרויסגעקומען פון שטיבל און איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין מאַרטאַס צימער.

כערטרודעס האָט אַ שעפּטשע־געטון:

— איר האָט געזען דאָס „צנועהלע"? זי איז דאָס די, וואָס האָט אַראָפּגעפירט די אָרעמע מאַרטאַן פון דרך־הישר...

איינער פון די מענער האָט אַ לאַך געטון:

— אַלץ איז אַ געשמאַק־זאַך... אָבער די היינטיקע מענער האָבן פאַרלוירן דעם גוטן געשמאַק...

איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך די מענער אָנגעהויבן אַריינשאַרן אין צימער און זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם קאַסטן מיט דער לייכע. יהודית האָט אינסטינקטיוו געפילט אויף זיך די נייגעריקע בליקן זייערע. שטייענדיק אין אַ ווינקל האָט זי ווידער און ווידער איבערגעקרענקט אירע יסורים און נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך די דערינערונג פון יענער מבולדיקער נאַכט, ווען דאָס געשריי פון דער קליינער האָט זיך געטראָגן איבערן גאָרטן. זי האָט זי געזען לויפן אונטער די קאַלטע וואַסער־בייטשן, די האָר צעפלויגן און דער נאַסער וואָלענער כאַלאַט האָט געפלאַטערט אין ווינט. זי האָט נאָך געהערט דעם קינדס קולות, וועלכע זענען איר געבליבן שטעקן אין אַלע חושים און איר צוגענומען די רו און די פרייד. און ווי שטאַרק האָט זי קוקין ליב געהאַט! וואָס פאַר אַ שטאַרק געפיל פון רחמנות האָט זי צו איר געפילט! אָבער ווען די קליינע האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, האָט זי אויסגעמיטן מאַרטאַס שטוב, ווייל זי האָט נישט געקאָנט זיין נאָענט פון נאַטאַליאַן... ער פלעגט קומען צוויי מאָל אין טאָג און איז אַ סך מאָל פאַרבליבן לעבן קוקיס בעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דעמאָלט האָט יהודית אַרומגעשפּאַנט איינע אַליין איבער די זייטיקע הינטערגעסלעך און זיך דערמאָנט אינעם ריח פון זיינע געשמאַקע ליפּן. ווי שטאַרק איז די ליבע! — האָט עס אין איר געוויייטיקט פון בושה.

אין קוקיס לעצטע עטלעכע גסיסה־טעג האָט יהודית פאַרלוירן דעם קאָנ־טראָל איבער איר אייגענעם ווילן. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון קינד. זי האָט געהאָלפן נאַטאַליאַן געבן דער קליינער זויערשטאָף און ביים אָפּצאפּן פון אירע לונגען אַ גלאָז בלוט מיט מאַטעריע. אַפילו אין יענע מינוטן פון מורא פאַר דער קליינערס לעבן איז נאַטאַליאַ געווען אויסגערעכנט און געבליבן קאַלט צו יהודיתן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אַ צו פריינט־לעך וואָרט וואָלט געקאָנט אין איר דערוועקן נייע האָפענונגען, וועלכע וואָלטן ביי איר צוגענומען דעם פאַרשטאַנד... דאַן וואָלט זי אים געצוווּנגען אָנצוטון צרות זיין ווייב און דערמיט צעשטערן זייער גליקלעך פאַמיליען־לעבן.

„ווי טרויעריק איז דאָס פאַר אַ דאָקטער אַזוי צו טראַכטן! — איז יהודיתן איינגעפאַלן און ס'איז איר שווער געוואָרן אויפן האַרץ. אָבער זי האָט זיך נישט געגאַרט אין זיין מורא און דאָס האָט אַזוי באַליידיקט אירע געפילן, אַז ס'האָט זי אַזש געוואָרפן פון די פיס. ערשט דאַן האָט זי באַ־גריפן זיין פרעמד וועזן; ערשט דעמאָלט האָט זי מיטאמאָל פאַרשטאַנען, אַז איר אַמאָליקער מאַן האָט זי קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען; אַז די אַמאָליקע שטרעבונג זייערע צו בלייבן זיך אייביקע פריינט, אין פאַל זיי זאָלן זיך מוזן צעשיידן, איז אויך נישט געווען מער ווי אַ פּוסטע אילוזיע פון צוויי יונגע, אומפּראַקטישע און היפּערראָמאַנטישע מענטשן. מענטשן וואָס האָבן נישט באַגריפן די קונסט פון און צום לעבן; נישט באַנומען, אַז אַ צוזאַ־מענלעבן שטיצט זיך אויף גרויסע, קעגנזייטיקע קרבנות...

זינט קוקי האָט פאַרמאַכט די אויגן, איז נאַטאַליאַ טאַקע מער נישט געקומען. אָבער יהודית איז נישט פּטור געוואָרן פון פאַרגעפּיל, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער דאָך קומען און מיטברענגען דאָס ווייב. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער באַגעגעניש, אָבער איר איז שווער געווען זיך אָפּצוזוו־נ־דערן פון מאַרטאַן אין איר גרויסן טרויער. זי איז געווען צעבראָכן פון די גרויסע צרות און די שלאָפלאָזע נעכט. דאָך האָט זי מיט איר קרענקלעכער פילפאַרביקייט אויפגענומען אין זיך די שטימונג און די באַוועגונגען אין צימער. זי האָט מיט אַלע אירע אָנגעשפּאַנטע חושים באַנומען, אַז מיט קוקיס טויט האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט די דראַמע. זי האָט זיך גע־שראָקן פאַר גומערסינדאָן, פאַר זיין פריי אַרומבאַלעבאַטעווען און נאָך מער פאַר זיין חברן זיך מיט סוסין, וועלכע האָט זיך אין די לעצטע צוויי טעג געפונען ביי מאַרטאַן און אינאיינעם מיט גומערסינדאָן באַדינט די געסט און קאָנדאָלענטן, וועלכע זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דער פאַרשטאָרבענער.

גומערסינדאָ איז אריינגעקומען אין צימער אַן אויסגעפּוצטער אין זיין

ברוינעם, זונטיקדיקן אָנצוג. די ברייטע שפּיצן פון דער שוואַרצער פּאַ־טשיילע אַרום דעם האַלדז האָבן אים צוגעגעבן אַ חשובערן אויסזען. ער האָט פאַר זיך געטראָגן אַ גרויסע ניקעלנע טאַץ מיט קליינע, ווייסינקע טע־פּעלעך שוואַרצע קאַווע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן יהודיתן און צווישן די ליפּן געזייעט:

— דאָניאַ כודיט, נעמט אַ טעפּעלע קאַווע. נעמט, ס׳וועט אייך מאַכן גוט. אַ מענטש טאָר נישט ווערן אַזוי דערשלאָגן.

ער האָט פריינטלעך אַריינגעקוקט אין דער לויטערקייט פון אירע אויסגעקלאָגטע, אין טרערן געוואַשענע אויגן און צוגעגעבן:

— יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל און זיין מזל.

די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצווינקען און אַ שטיל געמורמל האָט זיך ווי שפּיזיקע נעדעלעך אַריינגעשטאָכן אין איר האַרץ.

— אָט דאָס איז זי!

אין דער מבולדיקער נאַכט האָט מאַרטאַ געהוליעט ביי איר אין שטוב.

— דער גראָבינקער פּירט זיי ביידע ביי די נעזן!...

— ער שאַרט זיך שוין צו סוסין אויך!

— ששש, זי הערט, איר זעט דאָך אַז זי קוקט אַהער צו אונדז...

גומערסינדאָ האָט זיי צוגעוואָרפן אַ שפּיציקן בליק, זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס אַריינברענגען נאָך קאַווע. סוסי איז געשטאַנען ביים טישל און צוגעגרייט די טעפּעלעך. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און זיך אָנגערופן מיט אַ פרום קולכל:

— וואָס דענקט דאָן גומערסינדאָ צו טון נאָך דער קבורה?...

— איך וועל מיר אַהיימנעמען מיין מאַרטיטאַן און דאָס איז אַלץ!

— און וואָס איז מיט דער גרינער? — האָט זי איבערגעפרעגט ניי־געריק. — אויך זי איז שולדיק?...

— שוויג! — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד און זיך אָנגעי־בלאָזן — די גרינע איז דאָ גאָרנישט שולדיק! יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל און זיין מזל; קוקי איז געווען קראַנק און זי איז געשטאָרבן מיט אַ נאַ־טירלעכן טויט!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אומגעדולדיק אַריינגעקוקט אין סוסיס רויקע, כמעט קינדישע אויגן, פולע מיט חוצפּה.

— הייסט עס, אַז איר פאַרטיידיקט מאַרטאַן? — האָט זי שטיל גע־פרעגט. — און איר האָט זי טאַקע ליב אויף אַן אמת?

— וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז יאָ! — האָט ער פאַרדראָסיק געענטפערט און אומגעדולדיק געדויבעט מיט אַן אָפּצאָס פון שטריקענעם שיך.

זי האָט אומשולדיק צונויפגעצויגן די ברעמען און מיט אַ לייכט־איר־ראָנישן טאָן אין איר שטימע צוגעגעבן:

— ס'איז מאָדנע! וואָס אזוינס האָט איר דערזען אין איר?...

ער האָט ווידער געדויבעט מיטן אָפּצאָס פון שוך אויפן ווייכן גראָז און אַריינגערעדט אין זיך:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו וואונדערן זיך! מאַרטיטאַ איז נאַיוו און אַ סך ערלעכער ווי אַנדערע מיידלעך...

סוסי איז רויט געוואָרן און פאַרביסן די ליפּן.

— אַלץ איז דאָך אַ זאַך פון געשמאַק, — האָט גומערסינדאָ צוגעגעבן.

— דערפאַר טאַקע וואונדערט מיך אויף דיר... דער ים־קאָטער איז אָפּשטויסנדיק...

שוואַרצע שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין אירע בליקן. זי האָט באַליידיקט און אומבאַהאָלפן געשטאַמלט.

— דאָן פּילקאָ האָט מיך אָבער ליב... ער האָט מיך... ער זאָגט, אַז מאַרטאַ אַליין האָט אים געטריבן צו מיר אין די אָרעמס. זי איז אָפּשטויסנדיק...

גומערסינדאָ האָט אַ קוועטש־געטון מיטן רעכטן אויגווינקל און אַריינגעשמייכלט אין דער אונטערגעהויבענער וואָנצע.

— ערשט אין מיינע אָרימס האָט זי זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט! אָרימענקע מיינע, אָרימענקע! זאָל מען נאָר פון דאַנען אַוועקנעמען דאָס מתל, וועט מאַרטיטאַ קיין איין מינוט נישט לענגער בלייבן מיט דעם ים־קאָטער.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַנגעשטעלט אויף איר אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק.

סוסי האָט צוריקגעגאָסן די קאַלט־געוואָרענע קאווע אין ניקלנעם טשייניק און אַרויפגעשטעלט אויפן פייער אַנצעוואַרעמען. אירע בליקן האָבן תאווהדיק געגליווערט איבער זיין ברייטער ברוסט און די פעסטע לאַפּעס, גרייטע צו צערייסן אייזערנע קייטן און נעמען פאַר זיך וואָס דאָס האַרץ גלוסט...

— דו דאַרפסט, פונדעסטוועגן, מאַכן אַ סוף צו דיין עקלהאַפטן לעבן מיט אים! — האָט ער אַ זאָג געטון. — אין מיינע אויגן זעט אויס אַזאַ מיידל נאָך ערגער ווי אַ גאַסנפּרוי... יענע, אַז עס פאַרגליסט זיך איר, קען זי דעם קליענט פאַרטרייבן אָדער זי קען זיך נעמען וואַקאַציעס ווען זי וויל. דו אָבער ביסט אַ שקלאַף.

זיין שטים איז געווען ערנסט און פול מיט מיטגעפיל צו איר.

— איך האָב אים אָבער ליב, שטאַרק ליב!...

— זאָל דיר גאָט העלפן! — האָט ער גלייכגילטיק אָפּגעענטפערט און שמייכלענדיק צוגעגעבן: — ביי דער נאַטור האָט נאָך קיינער קיין מציאות נישט געכאַפּט.

ער האָט געזען, ווי סוסיס פנים האָט אויפגעפלאַמט פון בושה און פון פאַרדרוס. האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ געניטן בליק און געזאָגט:

— נישטאָ וואָס צו טרויערן צוליב געמאַכטע פעלערן, וועלכע מען קען שוין נישט גוטמאַכן... ביסט נאָך אַ קינד. אָבער דו האָסט נאָך פאַר דיר דאָס גאַנצע לעבן. טאָ הערזשע מיין עצה און גיי אַרבעטן. דו וועסט זיך באַקענען מיט אַן ארבעטער, אַ יונג ווי אַ טיגער און נישט אַזאַ ים־קאָטער... — האָט ער געפירט פאַר זיך מיט די הענט.

זי האָט געהאַלטן אויף אים די צעמישטע בליקן, פולע מיט טרערן; ס׳האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— איך בין אָבער נישט געוווינט צו ארבעטן... איך בין זייער דעלי־קאַט. וווהין זאָל איך גיין? איך האָב דאָך קיינעם נישט, וואָס זאָל מיך פּראָ־טעזשירן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

ער האָט ערנסט געקנייטשט דעם שטערן און פאַרטראַכט געדויבעט מיטן אפצאָס אויפן גראָז. אַ געפיל פון רחמנות צו איר האָט אים באַ־הערשט. ער האָט איר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. האָט ער אַ נעם־גע־טון פון טישל די טאַץ מיט די טעפּעלעך קאַווע און איז אַוועק אין צימער. זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

שכנים און געסט האָבן זיי נאָכגעשיפּעט:

— זעט נאָר ווי אומפאַרשעמט זיי זענען. אַפילו פאַרן טויטן מלאכל האָבן זיי נישט קיין רעספּעקט.

— הייליקע מאַמעלע!

דאָן פּילקע האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן ווי אָנגעגליטע שפּיזלעך און זיי אַריינגעשטאָכן אין סוסין. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק און טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אויסטיילנדיק די טעפּעלעך מיט קאַווע צו די געסט. גומערסינדאָ האָט זיך איר געשיקט נאָכגעדרייט מיט דער טאַץ, וועלכע ער האָט געהאַלטן ווייט פון זיך, כדי נישט צו צעקנייטשן דעם זונ־טיקדיקן אָנצוג...

פּילקע איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון דער טרומנע און כסדר געקוקט אויף דעם קליינעם מת. דאָס פּנימל אירס איז געווען שרעקלעך שמאָל און אויסגעצויגן. דאָס ווייס־זיידענע קלייד מיט דעם קרענצל בלומען אַרום פּנים האָבן איר צוגעגעבן פייערלעכקייט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ כלה,

וואָס וויל אייביק שלאָפן און אויסשפּינען דעם זיסן חלום פון דערוואַרטונג צו זיין די אייביק באַגערטע און אייביק נישט דערגרייכטע...

אין צימער האָט זיך געפילט אַ ריח פון אַלערליי רפואות און אַ פייכטקייט האָט זיך צעלייגט אויף די פיל־קאָלירנדיקע גרויסע און קליינע בלומען־קרענץ און בוקעטן.

יהודית איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין ווינקל הינטער דער טיר און אירע בליקן האָבן גערוט אויפן קאסטן. אַט האָבן זיי געזעען דעם בלומען־קראַנץ פון נאַטאַליאַן און אַט דער קליינערס פאַרשטומט מיילעכל. אין איר האָט זיך אָפּגעזעצט אַ שטומער ווייטיק. זי האָט אַריינגעוויינט אין זיך און נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. זי האָט געפילט, אַז די קליינע האָט ביי איר צוגענומען אַ שטיק געזונט און דאָס לעצטע ביסל פרייד.

אויך מאַרטאַס צעבראָכנקייט האָט יהודיתן צענומען ביזן מארך פון די ביינער. אַ טויטלעכע פינצטערקייט האָט זיך געהאַמערט אויף איר אָפּגעצערט, פאַרוויינט פּנים. דאָס געפיל פון שולדיקייט אין איר טאָכטערס טויט האָט אין איר אָפּגעטעמפּט דעם לעבנס־ווילן און פאַרשטאַרקט איר רעזיגנאַציע. זי האָט בלויז געוואַרט אויף אַ שטראָף און איז גרייט געווען זי אויפצונעמען באהבה.

נישט געקוקט דערויף האָט זי אָבער געזען, ווי סוסי האָט זיך גע־הנדלט צו גומערסינדאָן, און זי האָט נישט געהאַט קיין שום געפיל פון איפערזוכט. איר האַרץ איז געווען ווי פאַרשטיינערט. מיט ביטערניש האָט זי געוואַרט, אַז די באַגראָבער זאָלן קומען צונעמען איר קינד און אויך מיטנעמען איר נשמה, וועלכע וועט באַגראָבן ווערן מיט דער טאָכטער אין קבר. ס'איז איר שוין קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען, זי האָט מער קיין כוח נישט געהאַט, נישט צו ליידן און נישט עמיצן ליב צו האָבן אָדער צו האַסן.

גומערסינדא האָט איר דערלאַנגט אַ טעפּעלע קאַווע; ער האָט אַריינ־געקוקט אין איר פאַרפינצטערט פּנים און האָט טרויעריק געזאָגט:

— נעם, נעם, מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס, אַ מענטש טאָר נישט אַזוי טיף אַראָפּפאַלן ביי זיך. דער מענטש, זיס הערצעלע מיינס, האָט זיך זיין גורל און זיין שטערן.

זי האָט מיט אַ האַנט־באַוועגונג אָפּגערוקט פון זיך זיין האַנט מיטן טעפּעלע קאַווע. איר אויבערשטע ליפּ האָט זיך אַ פּאַמעלכן באַוועג־געטון און איז באַלד אַראָפּגעפאַלן אויף דער אונטערשטער ליפּ און ביידע ליפּן האָבן זיך פעסט פאַרשלאָסן.

די געסט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו שושקען. עמעצער האָט אַפילו אַ לאַך געטון.

— ער איז דאָך אַן אָרעמער טייוול, דער דאָן פּילקע... ער זעט גאָר־נישט, וואָס אַרום אים טוט זיך!...

אָבער יהודית האָט יאָ געזען, וואָס ס'וועט פּאַרקומען.

זי האָט אַ ציטער־געטון. שרעק האָט זיך געריסן פון אירע אויגן. טיף אין האַרצן האָט זי געבעטן, אַז קוקיס לוויה זאָל וואָס גיכער פּאַרקומען און מאַרטאַ מיטן מאַן און זייער זון זאָלן אַוועקפאָרן צוריק אין זייער היים. די מורא פאַר גומערסינדאָן האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. אין די טעג און נעכט פון קינדס גסיסה איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון מאַרטאַס שטוב. ער האָט זיך מער נישט גערעכנט מיט מאַרטאַס בעטן זיך און נישט מיט די באַפּע־לערישע בליקן פון דאָן פּילקען, אַז ער זאָל זיי פאַרלאָזן. און ווען דער דאָקטער איז אַרויס פון צימער, איז ער אים תמיד פאַרלאָפן דעם וועג און אים אויסגעפרעגט וואָס די קליינע מאַכט.

און אַצינד איז נאָך צוגעקומען גומערסינדאָס נאָענטקייט צו סוסין. דאָס האָט נאָך מער באַאומרויִקט יהודיתן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָן פּילקעס געדולד וועט מוזן פּלאַצן. אָנגעפילט מיט מורא און וואָרענונג האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער, כדי זיך פון אַלעם צו דערווייטערן.

ביי דער טיר זענען איר אנטקעגנגעקומען דער דאָקטער מיטן ווייב. זייער כיטרע האָט ער אויסגעמיטן יהודיתעס אויפגעריסענע בליקן. זיין ווייב איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער פּעלערינע און אַ שוואַרצן הוט אויפן שיין פאַרקעמטן קאָפּ. זי האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון אַלע געסט. יהודית האָט זי געזען אין איר גאַנצער ווייבערישער פּראַכט. אַ געפיל פון פאַרשעמונג האָט זיך אין איר צעיאַמערט. זי האָט טיפער אַראָפּגעבויגן דעם פאַרשעמטן קאָפּ און שווייגנדיק געגאַנגען צו זיך אין שטיבל. דאָרט האָט זי זיך אַ וואָרף־געטון אויפן בעטל און שטיל אַריינגעהעשעט אין קישן. די טרערן האָבן זיך געריסן פון אַלע אירע אבֿ־רים, געוואַשן דאָס שוואַכע, באַליידיקטע האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט. זי האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פיש אויף דער ווענדקע און נישט געקענט האַ־מעווען דאָס געוויין.

נאַטאַליאַ און זיין ווייב האָבן אויסגעדריקט זייער טרויער־מיטגעפיל דאָן פּילקען און מאַרטאַן, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע צוקאָפּנס פון קליינעם מתל און זענען ווידער אַרויס פון צימער. נאַטאַליאַ איז געווען זייער ערנסט און צוגעלאָזן צו זיין ווייב.

— קום אַרויס פון דאַנען, דאָ איז די לופט אַ שווערע, — האָט זיך גו־מערסינדאָ געווענדט צו סוסין און איר צוגעוואָרפן אַ פריינטלעכן שמייכל.

דאָן פּילקע האָט עס געהערט און עס האָט אין אים אויפגעקאָכט. ער

האָט אַפילו נישט צוגעלאָזט דעם געדאנק, אַז מאַרטאַ זאָל אים האָבן פאַר־ראַטן, אָבער דער האַס צו גומערסינדאַן האָט אין אים געשרפט. דערצו האָט ער געפילט מיט אַלע זיינע חושים, וואָס די ארומשטייענדיקע געסט האָבן פון אים געטראַכט. זיין מענערישע אייגנליבע האָט זיך צעבראָכן. גלייכצייטיק האָט עס אים הנאה געטון, וואָס אַלע באַשולדיקן מאַרטאַן אין טויט פון זיין קינד און אין פאַרראַטן דעם מאַן... די האָפענונג, אַז ער וועט זי ענדלעך קענען פאַרלאָזן נישט באַשולדיקט ווערנדיק פון קיינעם, האָט אים געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַלע צרות און באַליידיקונגען. דערפילנדיק אָבער סוסיס דאָרשט נאָך גומערסינדאָס געזונטקייט און שטאַרקייט, האָט אַ נייע אייפערזוכט אָנגעצונדן זיין בלוט. נישט צוליב דעם מת, נאָר צוליב די געסט האָט ער זיך באַהערשט. באַלד אָבער האָט אים דאָס בלוט אַ זעץ־געטון אין קאָפּ און ס'האָט פון אים אַרויסגעברומט:

— סוסי, שטעל דיך אַוועק אָט־אָ־דאָ און גיב אָפּ דעם מלאכל דעם לעצטן כבוד!

גומערסינדא האָט איר אַ טאָרע־געטון מיטן אַקסל און צווידייטיק אַריינגעשמייכלט אין זיינע אונטערגעהויבענע וואָנצעס:

— קום, וואָס וויל ער פון דיר, דער דאַרער ים־קאָטער, דער...

דאָן פילקעס זון האָט זיך אַרויסגערוקט פון ווינקל. זיינע קויל־שוואַר־צע, פרומע אויגן האָבן אַ שרפה־געטון איבער זיין טויט שוועסטערל. דאָן פילקע אָבער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט זיינע אָנגעצונדענע אויגן פון סוסין. זיין זון האָט זיך אָנגעבויגן איבער אַן אָפן געבעט־בוך און אָנגעהויבן צו זאָגן די הייליקע ווערטער:

— „גיט אָפּ אַ דאנק צו גאָט, וואָרים ער איז גוט, וואָרים אייביק איז זיין חסד, גיט אָפּ אַ דאנק צו גאָט, וואָרום אייביק איז זיין חסד. גיט אַ דאנק דעם האַר פון די האַרן, וואָרום אייביק איז זיין חסד. צו דעם, וואָס האָט געמאַכט די הימלען מיט פאַרשטענדעניש, וואָרום אויף אייביק איז זיין חסד. די לבנה און די שטערן געוועלטיקן ביינאַכט, וואָרים אויף אייביק איז זיין חסד“.

קליינע טראָפּנדלעך שוויס האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף זיין בלייך, אַס־קעטיש פּנים. ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַביסל סלינע און אויפגעהויבן צום טאַטן אַ פלאַמענדיקן בליק.

דאָן פילקע האָט גאָרנישט געזען. אַלץ אַרום אים האָט זיך פאַר־וואָנדלט אין גומערסינדאָס פאַרשייטע, בחוריש אויף אַרויף פאַרדרייטע וואָנצעלעך...

דער זון האָט זיך ווידער צעהוידעט און אָנגעהויבן פונדאָסניי צו בעטן און דאָס מאָל מיט מער ברען און באַצווינגערישקייט:

— „די חכמה פון וואנען קען געפינען ווערן? און ווו איז דאָס אָרט פון פאַרשטענדעניש? קיין מענטש ווייסט נישט איר ווירדע און זי געפינט זיך אין לאנד פון די לעבעדיקע. דער ים זאָגט: נישט אין מיר. מער פון קאָרעלן איז דער באַטרעף פון חכמה. ווער מאַכט מיך אַזוי ווי אין די חדשים פון אַמאָל? אין די טעג ווען גאָט האָט מיך אָפּגעהיט, ווען זיין ליכט האָט געשיינט איבער מיין קאָפּ, ווען די פאַרטרויטקייט פון גאָט איז געווען איבער מיין געצעלט.“

מאַרטא האָט אויפגעהויבן די שווארצע פיבערן פון אירע אויגן און זיי אַראָפּגעלאָזט אויפן זונס געבויגענעם קאָפּ. אַלץ אין איר האָט געוויינט.

אויף דאָן פּילקען האָבן די הייליקע ווערטער אָנגעוואָרפן אַן אימה. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן טרויער, וואָס קען נאָך פאַרבלייבן אין זיין האַרץ. זיין איינציקער געדאנק, אַן וועלכן ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ווי אַ טרינקנדיקער אַן אַ רעטונגס־גאַרטל, איז געווען: סוסי. און די שרעק, אַז גומערסינדא וועט זי ביי אים צונעמען, האָט אַריבערגעשטיגן זיין אומגליק וועגן דער קליינערס טויט און האָט אין אים דערשטיקט דאָס געפיל פון בושה פאַר לייטן און פאַרן זון, דעם צוקונפטיקן גלחל.

אין צימער האָט זיך אָפּגעזעצט אַן אימהדיקע שטומקייט. די ווייבער האָבן געהאט טרערן אין די אויגן און די מענער האָבן אומגעדולדיק גע־קוקט אויף די האנט־זייגערלעך...

גומערסינדאַ האָט אַ שווערן זיפץ־געטון און ווידער אַ טאָרקע־געטון סוסין:

— קום אַרויס, איך בעט דיך! מיר זענען נאָך צו יונג און מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַרן טויט! מיר האָבן דאָך קיינעם נישט פאַרראטן.

דאָן פּילקע האָט אים דורכגעשפּיזלט מיט די שפּיציקע אויגן.

— גיי אַרויס פון דאנען! — האָט ער געברומט שטיל און אים אָנגעקוקט פול מיט פאַראכטונג, — און פאַרשווער נישט דעם מת.

גומערסינדא האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ רויקן בליק:

— שוויג, דו ים־קאָטער! דו הערנערדיקער!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט, אָנגענומען סוסין ביי אַ האנט און זיך גע־לאָזט צו דער טיר.

פּילקע האָט געפילט אויף זיך די פאַרחידושטע בליקן פון זיינע פריינט. זיי האָבן געשטוינט און פון אים אָפּגעחוזקט. ער האָט אַ ציטער־געטון און אַן אויפגעפלאמטער פון צאָרן און נקמה־דורשט מעכאניש אַרויסגעצויגן אַ קליין רעוואָלווערל פון קעשענע און אָפּגעפייערט אויף גו־מערסינדאן אין דער פּלייצע אַריין. גומערסינדא האָט זיך ראפּטאָם אויס־

געדרייט און ער האָט באַקומען אַ צווייטע קויל אין דער ברוסט. אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך צוגעוואַקלט צו דער טיר, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, נאָך באַוויזן ארויסצוציען פון גאַרטל אַרום די לענדן זיין גרויס, שאַרף מעסער און עס געשיקט אַ שליידער געטון אויף זיין מערדער. דאָס מעסער איז טיף אַריין און שטעקן געבליבן אין דאָן פּילקעס גאָרגל. דער געטראָפענער האָט זיך אַ וואַקל־געטון און איז אַריינגעפאַלן אין זיין זונס אויסגעשפּרייטע הענט. דער לעצטער אין בלוט־געוואַשענער קוויטש פון דאָן פּילקע איז פאַרלוירן געגאַנגען אין די אויסגעבראָכענע קולות פון די געסט, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער טיר, ווי יעדער פון זיי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער דאָזיקער אומגליק וועט מיט עפּעס אָנרירן די רויִקייט פון זייערע לעבנס, און זיי מוזן וואָס גיכער אַנטלויפן אַהיים.

יהודית איז געקומען צולויפן; זי האָט געציטערט ווי אַ בלאַט און מיט אירע לעצטע שוואַכע כוחות געפּרוווט אויפהייבן מאַרטאַן. יענע האָט זיך אָבער געקלאַמערט אָן קאַסטן מיט דער לייכע און זיך נישט געלאָזט אָפּ־רייסן פון דאָרטן. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן דעם קאָפּ; מורא געהאַט פאַר דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר. איז יהו־דית ווי אַ צעמישטע געלאָפן צוריק צו זיך אין שטיבל און ווידער געוויינט און ווידער געליטן.

קאַפּיטל ניינצן

איבער דעם געסל האָט ווידער געשיינט די זון. די ווערבע־ביימער ביים טראָטואַר אַרום יהודיתעס גאָרטן האָבן געשימערט ווי סאַמעט. דינע פעדימלעך זון, ווי רויטע, גאָלדענע און זיידענע פּאַסיקלעך, האָבן זיך פלאַטערנדיק געשפּילט און פאַרשייט אַרומגעשוווּמען צווישן די צווייַעטע, לאַנגע צווייגן־פלאַכטעס פון די ווערבעס. זומערפייגעלעך מיט געלע, גע־פלעקטע און דיבינקע פליגעלעך האָבן אַרומגעשוועבט אין אַ ווילדן קאַראַ־האָד אַרום די צעפלאָשעטע קרוינען און זיי באַשיינט מיט אַלערליי פאַרבן.

דאָן פּופּיק האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אַ זייטיק געסל. ער האָט גע־געטראָגן זיינע צוויי פּרנסה־קוישן מיט אַ לעצט ביסל פאַרבליבן געבעקס, זיינע מידע פיס האָבן אים קוים צוגעשלעפּט צום פאַרשלאָסענעם טירל פון יהודיתעס גאָרטן. דאָרט האָט ער אַראָפּגעשטעלט די קוישן און שווער אָפּגעזיפצט. עפּעס אין אים האָט געברויזט און געמאָנט גערעכטיקייט. מיט

אַ פאַרחידושטן בליק האָט ער אַריינגעקוקט אין גאָרטן, פון וואַנען ס׳איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ טויטע שטילקייט. די רויזן־קעפּ און די צאַרטע בלעטעלעך פון די יונגע ביימלעך זענען געווען פאַרשרפט פון דער סמאָ־ליענדיקער זון. אַלץ האָט אויף אים אָנגעווייעט מיט אומעט און מיט אומ־היימלעכקייט.

ס׳זענען צו אים צוגעקומען עטלעכע שכנים, איבערגעטאָפּט דאָס רעשט געבעקס אין די קיישלעך און אים געפרעגט:

— זאָגט מיר נאָר, בעקערל, אפשר ווייסט איר וואָס ס׳הערט זיך מיט דער אָרעמער כודיט?...

— בעקערל, מען זאָגט, אַז די פּאָליציי באַשולדיקט זיי אין נישט מאָראַלישקייט.

— בעקערל, און וואָס טוען די אייעריקע פאַר אירעטוועגן? איר זענט דאָך אַזוי פאַראייניקט צווישן זיך און איינער האַלט פאַרן צווייטן.

— בעקערל, בעקער; בעקערל, בעקער! — האָט ער זיך אויסגעע־בייכלט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט. — פּריִער באַצאָלט מיר פאַר מיין געבעקס... דערנאָך וועלן מיר ווייטער רעדן. פאַר כודיטן זאָלט איר אייך נישט זאָרגן. זי איז גאָר ביי מיר אין שטוב...

ער האָט ווידער געציילט דאָס געבעקס אין זייערע פאַרטעכער און גענומען ביי זיי געלט. אָבער די ווייבער האָבן זיך נישט גערירט פון זייערע ערטער. כערטרודעס, די, וואָס מען האָט אין געסל גערופן „דאָס גיהנומדיקע צינגל״, האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פּרום שמייכעלע.

— פאַרוואָס איז דאָס בעקערל אַזוי ערנסט? אויך דו האָסט אַ לאַנג שנעבעלע! גיב מיר אַביסל געבעקס און גיי דיר צום טייוול אינאיינעם מיט דיינע לאַנדסלייט!

— וועל איך פּרווון פאַריכטן מיינע פעלערן! — האָט ער געענטפערט

— און דו גיי אין אַפּטייק און קויף דיר סם און נישט קיין געבעקס!

ער האָט אַ כאַפּ געטון די קוישן און איז אַריבערגעלאָפן צו דאָן קראָכמעלס פאַבריק. דאָרט האָט ער אַ שטויס־געטון מיטן פיס אין טירל און אויסגעשריען:

— עפנט אויף!

כערטרודעס האָט צו אים אַריבערגעשריען:

— וואַרט, וואַרט, דו קאַרליק, דו פליאָטקע־מאַכער! זאָל נאָר די דאָניאַ כודיט צוריקקומען, וועלן מיר שוין זען, צו זי וועט דיך אַריינלאָזן אין שטוב!...

ער האָט אָפּגעזיפצט און ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— טאָקיש ניש באַדאַרפט וואַרפן קאַ בלאָטע אויף דעם אָרעמען

וואָבל נעבעך!... על יאַך טאַקיש העלפן דעם בידנעם מענטש אַרויסצו־קריכן פון דער בלאָטע...

אַן עלטערער, טונקלהויטיקער מענטש אין אָפּגעטראָגענע אַרבעטס־קליידער איז צו אים אַרויסגעקומען:

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפרעגט אין אַ שטרענגן טאָן.

— זאָג דיין באַלעבאָס, אַז דאָס בעקערל וויל אים זען, און שוין, טאַקע די מינוט!

דער נייער אויפזעער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צו קראָכמעלס שרייבצימער. פּופּיק האָט אַראָפּגעשטעלט די צוויי קוישן, איז אַריין אין הויף און איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. די פּאָלעס פון זיין לאַנגן, ווייסן אַרבעטס־כאַלאַט זענען אים נאָכגעפלויגן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די קוישן הינטער דער טיר, געגעבן דעם אויפזעער צוויי זיסע בוימל־בולקעס און אים געווונטשן אַ גוטן אַפּעטיט.

— טויזנט מיליאָן דאַנק גיב איך דיר! — האָט זיך דער אַלטער אַ בויג־געטון פאַר אים. פּופּיק האָט אָנגעקלאַפּט אין טירל פון שרייב־צימערל.

— וואַרט אַ ווײלע! — איז געקומען קראָכמעלס ענטפער.

אין פּופּיקן האָט געברענט אַ רחמנות צו יהודיתן. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מען זאָל זי וואָס גיכער און טאַקע אין דעם זעלבן טאָג אַרויסלאָזן פון תפיסה. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען אַזאַ אומגערעכ־טיקייט. ס׳האָט אים ווײ־געטון ביזן מאַרך פון די ביינער, פאַרוואָס מען האַלט זי דאָרטן אינאיינעם מיט מאַרטאַן און סוסין. ער איז געווען זיכער, אַז בייזע שכנים האָבן איר אונטערגעשטעלט אַ פּיסל. ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביים קאָמיסאַר און פון יענעמס ענטפער האָט ער פאַרשטאַ־נען, אַז יהודית איז געוואָרן אַ קרבן פון עמעצנס רכילותן. ער האָט יהו־דיתן צוויי מאָל אין טאָג געבראַכט עסן און זיך אויסגעהיט פון זיין ווייב. זי האָט וועגן דעם נישט געטאָרט וויסן.

דאַן קראָכמעלס שוויגן האָט פּופּיקן אויפגעבראַזט ביזן מאַרך פון די ביינער. יהודית האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט לויפן נאָך קיין רעקאָמענדאַציעס: „בעט נישט ביי קיינעם, בעט נישט ביי מיין לאַנדסמאַן, ער זאָל מיר העלפן. מען וועט דאָך איינמאָל מיך ווערן פון אויספרעגן אַזוי פיל און דאַן וועט מען מיך ווידער אָפּשיקן אַהיים״.

ער האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט. אָנצילנדיק דאָס רעכטע אויגווינקל אין טיר־שלאָס האָט ער אויסגערופן:

— דאַן קראָכמעל, עץ עט קענען רעדן מיט די אַריילים אַביסל שפּע־טער... נישקאָשע, עץ עט, חלילה, ניש קלענער ווערן! עפנץ!

אינעווייניק אין שרייבצימערל האָט מען געטרונקען לחיים, געקלאַפּט גלעזער אָן גלעזער. האָט זיך דאָן פּופּיק אויסגעגלייכט און אומגעשפּאַנט אַהין און אַהער. ער האָט אַ קוק־געטון אויפן האַנט־זייגערל. ס'איז שוין געווען פיר. ער האָט זיך פאַרעקשנט: ניין! נישט אַוועקגיין פון דאַנעט אָן דאָן קראָכמעלן. יאָך וועל אים נעמען מיט געוואַלד! יאָך בין שוין מיד פון היטן זיין טיר.

אַלץ אין אים האָט געפיבערט פון אומגעדולד און פון כעס. אַ מענטש זאָל דאָס האָבן אַזאַ ווייסע לעבער! — האָט עס אין אים געטרויערט. — וואָס קען מען מאָנען ביי שונאי־ישראל, אַז דאָס אייגענע בלוט און פלייש האָט אויף דיר קיין ביסל רחמנות נישט. און וואָס האָט מען געלערנט פון דעם גרויסן אומגליק? אוי, גאָט אין הימל, אוי!

און ווידער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טירל:

— הערן זי, דאָן קראָכמעל, אַז עץ עט ניש אויפמאַכן מיט קאַ גוטן, על יאָך מאַכן אַ געוואַלד און זאָל כאָטש די וועלט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר.

דאָס טירל האָט זיך געעפנט און אַ טונקלהויטיקער מאַן פון אַ יאָר פערציק האָט צו אים אַרויסגערעדט:

— שריי נישט אַזוי! האָב נאָך אַ ביסל געדולד! דאָן קראָכמעל איז נאָך פאַרנומען! — און ער האָט צוריק פאַרמאַכט דאָס טירל.

פּופּיק האָט ווידער אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים, זיך איבערגע־שטעלט פון איין פוס אויפן אַנדערן און ווייטער געוואַרט. באַלד האָט זיך אין אים אַ הייב־געטון אַ ווילדער כעס און ער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פויסטן אין דער טיר און געשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— דאָן קראָכמעל, אַ האַרץ האָט עץ צי אַ שטיין? ווי איז מיר נע־באָך, ביז ווען עלן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע אויסמאָרדעווען? ווי איז מיר, ידן בני רחמנים!...

ער האָט אַריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און זיך צעקלאָגט.

קראָכמעל האָט צעפּראַלט דאָס טירל און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. ער איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט:

— וואָס געוואַלדעוועט איר אַזוי ווי אַ היסטערישע ידענע? ווער האָט אייך דערלויבט קומען אַהער מאַכן סקאַנדאַלן?

דאָן פּופּיק האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס פאַרוויינטע פּנים און גערופן:

— גאָט אין הימל, אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר? איז ענק קאַרג געווען היטלערס רציחות?... ווי איז מיר נעבעך! דאָס בידנע וואַבל וועט אומקומען!

— אָבער וואָס ווילט איר? — האָט אים דאָן קראָכמעל געפרעגט.

— וואָס הייסט, וואָס איך וויל? עץ ווייסט גאָר ניש אַז דאָס אָרימע מענטש איז נעבעך פאַרשעמט געוואָרן? שוין דריי טעג, אַז יאַך לויף אַרום ענק זוכן און עץ זענט ווי אין קבר אַריינגעפאַלן.

ער האָט מיטן אַרבל געווישט די טרערן פון די אויגן.

קראָכמעל האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין שרייבצימערל.

— זיצט אַ ווײַלע, — האָט ער אים בייזלעך אָנגעוויזן אויף אַ דיוואַן און אים דערלאַנגט אַ גלאָז קאַלט ביר.

פופיק האָט אומניחהדיק געזיפּט דאָס ביר צו־ביסלעך און ביטער געזיפצט. קראָכמעלס געסט, עטלעכע מענער פון געסל, האָבן זיך גע־כאַפּט צו די קעשענעס. זיי האָבן געמיינט, אַז פופיק איז דאָ אַריינגעקומען בעטלען נדבות. אָבער קראָכמעל האָט זיי באַרויקט.

— מען דאַרף נישט קיין געלט! ער וויל, אַז איך זאָל עפּעס טון פאַר באַפרייען מיין שכנה.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן אומרויק שויבערן די בלע־טער פון אַן אָפן בוך אויפן שרייבטיש. די געסט האָבן זיך איבערגעקוקט און מאָדנע געשמייכלט. אַ קורצע ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. אַרום זיי האָט זיך אָפּגעזעצט עפּעס נישט דערזאָגטס. באַלד האָט דאַן קראָכמעל צוגעגאָסן פריש ביר אין די האַלב־ליידיקע גלעזער און אויפגעהויבן זיין גלאָז אין דער לופטן:

— און איצט טרינקען מיר צום לעצטן מאָל פאַרן אָרעמען גומער־סינדאָ!

אין פופיקן האָט עס געזאָטן פון פאַרדרוס. אין געסל האָט מען דער־ציילט, אַז קראָכמעל האָט געמאַכט גומערסינדאָן אַ שיינע לוויה, צעטיילט געלט צו אָרעמע־לייט און אויך מנדר געווען עטלעכע טויזנט פעזעס פאַר אַ נאָענט קלויסטערל, און געטון האָט ער דאָס אין אָנדענק פון זיין גע־טרייען דינער גומערסינדאָ.

פופיק ווידער איז געווען זיכער, אַז קראָכמעל האָט זיך געוואָלט אויסשטעלן מיט זיין ברייטהאַרציקייט, זיך באַרימען פאַר די שכנים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אויף יידיש:

— דעם טויטן האָט עץ שוין באַוואָרנט, איצט אָבער דאַרף מען אַ טראַכט־טון וועגן דעם אָרעמען וואַבל, נעבעך.

קראָכמעל האָט אים צוגעוואָרפן אַ נאָכגיביקן בליק, האָט אַרויפגע־שטעלט אַ פוס אויף אַ בענקל און זיך אָנגערופן אין שפּאַניש:

— אַ שאָד, אויף מיין וואָרט, וואָס איך האָב פריער נישט געוווסט וועגן דעם. פאַרוואָס האָט מען זי געהאַט צו אַרעסטירן?

— עמעצער האָט איר אונטערגעשטעלט אַ פיסל!... דאָס בידנע מענטש איז דאָך נעבעך גאָט די נשמה שולדיק! — האָט פופיק געבראָכן פיסקעס.

קראָכמעל האָט ברייטהאַרציק אַרויפגעלייגט די הענט איבער דער ברוסט און אים אָפּגעענטפערט אין שפּאַניש:

— גייט און פאַרקויפט די בייגל, גייט און מאַכט אייך נישט שלעכט דאָס בלוט, יהודית וועט באַלד זיין אין דער היים.

— אָסור, צי יאָך על מיך רירן פון אָרט! — האָט זיך פופיק גע־עקשנט. — יאָך האָב ענק קוים געפונען, ווי מע געפינט אַ זיסע ראָזשינקע אין אַ פורים־קוילעטש, על יאָך ענק מער ניש אָפּלאָזן פון אויג! — און ער האָט זיך באַקוועם אַריינגערוקט אין ווייכן שטול. — דאָ על יאָך נעכטיקן, דאָ!

קראָכמעלס געסט האָבן געשמייכלט. איינער, אַ דאָן סעגונדאָ, וואָס האָט געהאָלפן איינאָרדענען די לוויה, האָט זיך אָנגערופן:

— נו גוט, טוט אים צוליב, דעם אָרעמען בעקערל, זאָל ער גיין אין גאַס און פאַרקויפן זיין סחורה און זיך נישט מאַכן קיין שלעכט בלוט.

קראָכמעל האָט זיך ברייטלעך אַראָפּגעלאָזט אין ווייכן שטול, אַרויפּ־געלייגט ביידע פיס אויפן ברעג פון שרייבטיש און אַ נעם געטון דאָס טרייבל פון טעלעפאָן. ער האָט אָנגעקלונגען צום קאָמיסאַר.

פופיק האָט געהאַלטן אויף אים די ברייט־צעעפנטע אויגן און גע־שלונגען יעדעס וואָרט. זיין טאָן איז געווען אַ היימישער און אַ לייכטער. באַלד האָט קראָכמעל ווידער אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און זיך געווענדט צו זיינע געסט:

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? עמעצער האָט געשיקט צום קאָ־מיסאַר אַן אַנאָנימען בריוו, אַז די אָרעמע פרוי גיט זיך אָפּ מיט נישט קיין אָנשטענדיקער אַרבעט.

— האָב יאָך ענק ניש געזאָגט?! — האָט זיך פופיק ראַפּטום אויפגע־שטעלט — עץ עט שוין גאַין מיט מיאָ! הערן זי — האָט ער אים געוואָרנט מיטן פינגער.

— איך האָב שוין מיינס געטון! — האָט קראָכמעל אויסגערופן מיט אַ זיכערן טאָן און דערביי צוגעגעבן: — ס'איז נישטאָ דער טאָג, אַז איך זאָל קענען רויִק לעבן נאָר פאַר מיר אַליין...

פופיק האָט אים נאָכגעגעבן:

— געבן זי מיר אייער וויזיטן־קאַרטל. לאָזן זי מיך ניש אויף חוזק! הערן זי צי ניש? ווי איז מיאָ נאַבעך.

קראָכמעל האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ נייע וויזיט־קאַרטע

און האָט אָנגעשריבן אויף איר עטלעכע ווערטער. דאַן האָט ער זי דער־לאַנגט פּופּיקן.

פּופּיק האָט איבערגעלייענט די ווערטער: „הער קאָמיסאַר, נעמט צו די האַרציקע גרוסן פון אייער איבערגעגעבענעם פריינט. היינט אָוונט וואַרט איך אויף אייך ביי מיר אין הויז. אייער עמיליאָ".

— עמיליאָ, עמיליאָ! — האָט פּופּיק אַלע מאָל איבערגעחזרט און חידושדיק געהויבן מיט די אַקסלען. — גיי ווייס, אַז עץ הייסט גאָר עמיליאָ, ווי איז מיאָ נעבאַך...

ער האָט פּאָרזיכטיק אַריינגעלייגט די וויזיט־קאַרטע אין קעשענע פון קאַפּאָטקעלע, צורעכט געמאַכט דאָס ווייסע קיילעכדיקע היטעלע אויפן קאָפּ און איז אַרויס פון שטיבל. און ווידער האָט ער אַרויסגענומען פון קויש עטלעכע ציבעלע־פּלעצלעך און קיילעכדיקע לעקעכלעך און זיי דערלאַנגט דעם אויפזעער:

— עס און זאָל דיר ווויל באַקומען; סאַווי האָט מען היינט אַריינגע־דאָסט אין מיינע געשעפטן.

ער האָט אַ כאַפּ־געטון די קוישן און געלאָפן צום טויער, שרייענדיק מיט פרייד:

— דאָן עמיליאָ, גאָט עט ענק ניש פאַרלאָזן! הערן זי קיינמאָל ניש, וואָס לאַטישע מאַלער עלן זאָגן אויפן אָרימען וואַבל נעבעך!

פלינק ווי אַ יונג בחורל איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויף, זיך געלאָזט איבער די הינטערשטע, איבערגעשניטענע נייע געסלעך און איז אַריבער־געשפרונגען איבער די נידעריקע פּלויטלעך פון פרעמדע גערטנער און איבער בערגלעך מיסט און שטיינער באַוואַקסענע מיט גראָז. כאַפּטעס קלייִנגוואַרג האָבן אויפגעהויבן אַן „אפרא" און געקייכט פון געלעכטער:

— זעט, זעט ווי דער אַלטער בעקערל פּליט! זעט, ער איז משוגע געוואָרן!

ווייבער, וועלכע זענען גרופּעסווייז געזעסן אַרום פייערן און גע־טרונקען מאַטע, האָבן צו אים געפּאַכעט מיט די הענט און זיך געבייזערט:

— פּעטיסאָ, בעקערל, וווהין לויפטסו אַזוי? ברענג אַהער דאָס גע־בעקס! זעסטו נישט אַז מיר וואַרטן אויף דיר?

פּופּיק האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעכאַפּט זשמעניעס לעקעכ־לעך פון קויש און זיי אַריינגעשטיפּט אין די אויסגעשטרעקטע קינדישע הענטלעך:

— עסט, קינדערלעך, און זאָל אייך ווויל באַקומען! סאַווי האָט מען מיר היינט אריינגעדאָסט אין די געשעפטן!

לעבן פּאָליציי־צירקל האָט ער עטוואָס פאַרהאַלטן די טריט, אַראָפּ־

געשטעלט די קוישן און צוגעלייגט אַ האַנט צום האַרץ: — אָ, ס׳טיאַכקעט ווי אַ ווילד פערד מיט אַ לאַנגן ווײדל, ביש דאָ געדאַכט, ווײ איז מיר נעבעך.

דאָס פּאָליציי־צירקל האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרפישע אכסניא. פּאַרנט איז געווען אַ לאַנגער, הילצערנער גאַניק מיט צוויי ברייטע, הילצערנע טירן פון די צימערן צו דער גאַס. דאָן פּופּיק האָט זיך פאַרנויגט פאַרן פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ הויך בודקעלע. דער פּאָליציימאַן האָט אַ פאַכע־געטון מיטן פּאָליצייאישן שטעקעלע, אַ סימן אַזאַ, אַז ער מעג אַריינגיין אינעווייניק. פּופּיק האָט אַרויסגענומען אַ זיס קוילעטשל פון קויש און עס אים געגעבן מיט אַ דאַנקבאַרן זשעסט:

— נעמט, סעניאָר וויכעלאַנטע, דאָס איז גוט צו דער מאַטע!

— ס׳איז נישט נויטיק, — האָט דער פּאָליציאַנט ברוגזלעך גע־שמייכלט. — איך וויל דערמיט זאָגן, אַז דו קענסט אַזוי אויך אַריינגיין...

פּופּיק האָט זיך געעקשנט:

— דו ביסט אַ גוטער מענטש און איך וויל, אַז היינט זאָלסטו הנאה האָבן פון דער מאַטע. טו מיר אַ טובה און נעם צו!

ער האָט אים אַרונטערגערוקט דאָס קוילעטשל אונטערן אָרעם און איז אַריינגעלאָפן אין איינעם פון די צימערן. אַ טונקלהויטיקער פּאָליציאַנט האָט אַ קלונג־געטון אַן עלעקטרישן קנאָפּ און מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט אים געהייסן דורכגיין. האָט פּופּיק ווידער אַרויסגענומען פון קויש אַ זשמעניע לעקעכלעך און אָנשטעלנדיק אויף אים די צעשמייכלטע גוי־דערלעך פון אונטער זיין גאָמבעלע, האָט ער אַ זאָג געטון:

— נעמט, סעניאָר, ס׳איז גוט צו דער מאַטע.

— גיי אַריין, פּעטיסאָ! — האָט אים דער פּאָליציאַנט אַ גוטברודערישן קלאַפּ־געטון אין דער פּלייצע. — סיי־ווי דערלויבט מען דיר אַריינצוגיין זען דיין פּאַיסאַנקע. — און ער האָט אַ קוועטש־געטון מיטן אויג־ווינקל.

— אָבער היינט קום איך אַהער דאָס לעצטע מאָל, סעניאָר וויכי־לאַנטע! — האָט זיך דאָן פּופּיק געפרייט און אים געוויזן דאָן קראַכמעלס וויזיט־קאַרטל. — האָב איך אייך נישט געזאָגט אַז די אָרעמע איז אומ־שולדיק? און פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געגלויבט?

ער האָט אים אַריינגערוקט די לעקעכלעך אין דער ברייטער קעשענע און איז אַריין אין הינטערשטן הויף, זיך אויסגעדרייט, אַ קוועטש־געטון מיטן אויג־ווינקל און איז אַוועק.

שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו אַ שטיבל מיט אַ קליין, פאַרקראַטעט פענצטערל און אַהין אַרויפגעשריען אויף יידיש:

— ייִדישע קערוין, יאַך האָב ענק געבראַכט אַ גוטע נייעס. ייִדישע! — עס האָבן דערבײַ געציטערט די טרערן אין זײַן שטים.

יהודית איז צוגעקומען צום פענצטערל און געשמייכלט דורך די קראַטעס; דורכלויכטיק, בלייך איז געווען איר פּנים. נאָר אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט נײַער האָפענונג און אַ גרויסער כּוח האָט זיך געריסן פון זיי און האָבן געפרעגט די הויכע מויערן פון אַרום: פאַרוואָס? פאַאַאַר־וואָאָאָס ?

פּופּיק האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר בליק. האָט ער זיך אָנ־געבויגן און אויסגעווישט אַ טרער פון רעכטן אויגווינקל. אין דער דאָזיקער פּאָזע האָט ער אַרויסגענומען פון קויש אַ פּעקעלע, זיך אויסגעגלייכט און עס איר דערלאַנגט.

— ייִדישע, נאָט און זאָל ענק ווויל באַקומען!

— אַ דאַנק. איך האָב דאָך נאָך נישט אויפגעגעסן דאָס נעכטיקע עוף, — האָט יהודית געריגרט געשמייכלט. — אַז איר וועט מיך דאָ האַלטן אויף אַזאַ גוטע קעסט, וועל איך נאָך אָן גאָט פאַרגעסן און וועל מער נישט פאַרלאַנגען דעם דאָזיקן „גן־עדן“...

— סע מאַכט ניש, עץ מיזט זיך אין זינען האָבן. עץ עט מיט גאָטס הילף ווידער געזונטערהייט אָנהייבן צו אַרבעטן און עט באַצאָלן צו איין געראָשן!...

זי האָט צוגענומען דאָס פּעקעלע און שטיל געפרעגט:

— האָט איר געזען מײַן גאָרטן?

פּופּיק האָט זיך צעשמייכלט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— אָט באַלד, ייִדישע, על יאַך זיין צוריק, עלן מיר שוין רעדן!

זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט דאַנקבאַרע בליקן און פאַרשטאַנען, אַז דער גאָרטן אירער מוז זיכער זיין חרוב און פאַרוועלקט. זי האָט זיך שווערלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שמאָלער, הילצערנער באַנק און אָנ־געשפּאַרט דעם קין אויף די הענט, האָט זי שטום געקוקט אויף די גרויע ווענט, וועלכע זענען געווען פײַכט און אָפּגעריבן. שפּינוועבס ווי גרויסע, שלאָפנדיקע פלעדערמייז האָבן אַראָפּגעקוקט פון צווישן די בעלקעס פון סופיט. פאַרטיפט אין אירע אייגענע געדאַנקען האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק אַ מידע און באַליידיקטע. אַלץ אין איר האָט זיך געבראָכן און געמאָנט גערעכטיקייט.

שוין דרײַ טעג און דרײַ נעכט ווי זי זיצט און פינצטערט אין דאָזיקן חדרל, ווו זי האָט געהאַט צייט נאָכצוטראַכטן, וואָס דאָס הייסט אַזוינס אָפּצוקומען פאַר פרעמדע זינד...

אויך קוקי איז אָפּגעקומען — אומגעקומען — פאַר פרעמדע זינד —

האָט עס אין איר געוויטיקט. אָבער די קליינע איז געפאַלן איינמאָל און שוין. אָבער וויפל אומשולדיקע מענטשן פאַלן קרבנות אוןליידן דאָס גאַנצע לעבן פאַר פרעמדע זינד? און זי, יהודית, וועט זיך שוין אויך אַרויס־רייסן פון דאַנען. זי וועט זיך נישט לאָזן אומברענגען! זי וועט אַרויס פון דאָזיקן זומפּ אַ געלייטערטע און אָנהייבן אַ נײַ לעבן. אָנהייבן לערנען, זי וועט ווערן אַן אַדוואָקאַטן, אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן אומשולדיקע מענטשן. ניין, קיין צײַן־דאָקטערן וויל זי נישט ווערן! זי וועט זיך מפרנס זײַן פון אויסהעפטן און אויסשטיקן בלומען און פאַנטאַזיע־בילדער אויף שטאָפן און די איבעריקע פרייע צײַט וועט זי אָוועקגעבן פאַר אָרעמע און עלנטע מיט וועלכע די תפיסות זענען פול. זי וועט זיי פאַרטיידיקן. זי וועט מער נישט לעבן אין דער מורא, אַז צופיל אָנשטרענגונג קען איר נאָך שאַטן צום געזונט! אַזוי טראַכטן עגאָיסטן! וואָרום צו וואָס באַדאַרף זי דאָס לעבן, ווען נישט צו העלפן אַנדערע? מיליאָנען מענטשן שטאַרבן אַן עפּעס צו טון פאַר די מיטמענטשן! דאָס איז אַ שרעקלעכע וועלט! אָט איז איר גאַנצע משפחה אין בעסאַראַביע אומגעקומען און געבליבן זענען אפשר צוויי פּערזאָן. זיי געפינען זיך אַצינד אין ישראל. און זי האָט דאָ יאָרן לאַנג געפּלאָנטערט און געזוכט אַ ווינקל פאַר זיך און אַ נעסט פאַר איר נשמה. וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען?

נאַטאַליאַ האָט אַ פרוי מיט דריי קינדערלעך און זי איז געבליבן אַן עלנטע. נאַטאַליאַ איז גליקלעך... ער האָט אין זײַן גליק פאַרגעסן, ווער עס האָט אים געהאָלפן ווערן אַ דאָקטער, ווער עס האָט אים געהאָלפן ווערן אַ מענטש. איבערהויפּט... גינער באַשווינדלט דאָס ווייב; זי לעבט אין זכות פון זײַן שאָפן. ער איז אַן עגאָיסט און ווער ווייסט, צי ער וועט איבער־הויפּט נאָך קומען צו איר. ער איז אויך אַ פּחדן. נישט נאַטאַליאַ און נישט גינער קענען פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס גרויזאַמער עלנט און דאָס אָפּקומען פאַר נישט באַגאַנגענע זינד. זיי, די שטאַרקע און אין זיך פאַר־ליבטע, זענען געקומען צו איר זוכן טרייסט, צו איר, צו אַ פרוי, וועלכע שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר. און אַצינד, ווען זי שטעקט ביז איבערן האַלדז אין אַ זומפּ, האָט זיך קיינער פון זיי אָן איר נישט דערמאָנט; איז קיינער פון זיי צו איר נישט געקומען מיט קיין טרייסט־וואָרט... אַזוי איז די וועלט און דאָס לעבן אין דער ווירקלעכקייט.

ניין, זי דאַרף זיי נישט האָבן! זי פילט נאָך אין זיך גענוג כוחות זיך אַליין דורכצושלאָגן אַ וועג אין לעבן. צו קעמפן קעגן דעם שקר. זי וועט אַרויס פון דעם דאָזיקן זומפּ אַ געלייטערטע און געהייליקטע — האָט זי זיך געטרייסט און טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן.

אין יענע מינוטן פון באַשטימונג האָט זי זיך געפילט שטאַרקער און

דערהויבענער. זי האָט אַריינגעזיפּצט אין זיך: עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען די פאַרגליווערטע מענטשלעכע טרערן און דאָס פאַרגליווערטע מענטש־לעכע בלוט, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער שקר, וועט זיך אַ ריר־טון און פאַרפלייצן די וועלט און דערטרינקען דעם שקר...

זי האָט אויפגעהויבן די הענט און זיי באַקוקט ווי אַ פרומער ייִד ביי אַן הבדלה. איר האָט זיך געדאַכט, אַז קוקיס טויטע הענטלעך זענען אויך געווען אַזוי שמאָל, אויסגעצויגן און בלייך...

— אָרעם קינד! — האָט יהודית געזיפּצט. — דו האָסט געפונען דיין רו. אָפּגעקומען פאַר דער זינד פון דיינע טאַטע־מאַמע. איך בין נאָך פאַר די זינד פון מיינע טאַטע־מאַמע נישט אָפּגעקומען. נאָך וואָס האָבן זיי מיך געבראַכט אויף דער וועלט? — און זי איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה.

„איך האָב דיך ליב, מומעלע״ — האָבן ווי ווידער־קולות אָפּגעקלונגען קוקיס ווערטער — „און איך וועל דיך נעמען צו מיר...ביידע וועלן מיר רוען אין גן־עדן״.

באַלד אָבער האָבן פאַר איר אויפגעטויכט דעם קאָמיסאַרס גלי'ענדיקע אויגן, וועלכע האָבן זי אַדורכגעבויערט, בעת ער האָט זי אויסגעפאָרשט.

— „מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?... — פון וואָס לעבט איר?...״

די ווערטער האָבן געשטעקט אין איר האַלדז און אין האַרץ און געזויגן איר בלוט. נישט די פראַגע האָט איר וויי־געטון, נאָר דער טאָן און דאָס אָנקוקן זי מצד דעם קאָמיסאַר.. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות צו פאַרטרייבן פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון פּשיבישעווסקיס אַ העלד. זי האָט די ווערטער אַ סך מאָל שטיל איבערגעחזרט, ווי אַ פרומער ייִד אַ שיינעם פּסוק פון תהילים. און זיך מיט זיי געטרייסט.

„די געדאַנקען, וואָס זענען ווערים, זענען בכוח צו צעפרעסן דעם ווילן, האָט יהודית געמורמלט. — אַ גאָט איז נאָר דער מענטש, וועלכער פאַראַכט דאָס, פאַר וועלכן ער שרעקט זיך; פאַראַכט אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל אויפהערן פאַר אים צו עקזיסטירן״...

„האַלט דיך, יהודית, האַלט דיך! — האָט עס אין איר געהאַמערט. — דיינע שוועסטער און ברידער האָבן מער געליטן און האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן! האַלט דיך, יהודית, האַלט דיך!״.

זי האָט זיך ראַפּטום אויפגעהויבן און זיך אַנידערגעשטעלט לעבן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. די זון האָט איר געבלענדט די אויגן. פון ערגעץ נאָענט האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון אַ האַרמאָשקע. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר אייגענער האַרמאָשקע און זי האָט אָפּגעזיפּצט. אירע

בליקן האָבן נישט ווילנדיק געזוכט פּופּיקן. ענדלעך האָט זי אים דערזען אין קליינעם וואַרט־צימערל. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט זיין ווייס, קיילעכדיק היטעלע און אין דער אַנדערער דאָס וויזיט־קאַרטל.

אַ פּאָליציאַנט מיט צוויי שטערנדלעך איז אַרויסגעקומען פון צימער. האָט פּופּיק אים אַריינגערוקט אין דער האַנט דאָס וויזיט־קאַרטל און זיך אויסגעבייכלט.

— איך בעט אייך, סעניאָר, גיט דאָס איבער דעם סעניאָר קאָמיסאַריאָ.

דער פּאָליציאַנט איז אַריין אין צימער. ס׳האָט נישט געדויערט קיין דריי מינוט, איז ער ווידער אַרויסגעקומען און אַנשטעלנדיק אויף פּופּיקן אַ דערשטוינטן און צופרידענעם בליק, האָט ער פעסט געזאָגט:

— דו, פּעטיסאָ, גיי אַצינד אַרויס אין הויף און איך וועל דיר באַלד אַרויסברענגען דיין „פּאַיסאַנאַ״!

פּופּיק האָט אַרויפגערוקט דאָס צעדרייטע היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ און איז פלינק געלאָפן אין הויף, בעת דער פּאָליציאַנט איז פּאַמעלעך גע־גאַנגען מיט אַ בינט שליסלען אין האַנט אין דער אַנדערער ריכטונג. כמעט פּיירלעך איז ער צוגעגאַנגען צום שטיבל, ווו יהודית איז געזעסן, און האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

— קום אַרויס, ביסט פריי!

יהודית האָט זיך אויסגעגלעט דאָס כאַלאַטל, צורעכט־געמאַכט די צעפּ און איז אַרויסגעגאַנגען.

פּופּיק האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז איר אַנטקעגנגע־לאָפן, איר אַריינגעשמייכלט אין פּנים:

— נאָר ניש זיין געפאַלן ביי זיך, ייִדישע קערוין, נאָר ניש אָנווערן דעם בטחון!

— צום גרויסן טויער אַרויס! — האָט דער פּאָליציימאַן אַ קנאַק־געטון מיט די פינגער אין דער לופטן.

פּופּיק האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס לעצטע זיסע קוילעטשל און עס אים אַרונטערגערוקט אונטער דער פּאַכווע:

— נעמט, איך בעט אייך, ס׳איז גוט צו דער מאַטע!

ער האָט אַ כאַפּ־געטון די קוישן און איז אַרויס פון הינטערשטן הויף. אין גרויסן אויפנעם־צימער האָט ער זיך ווידער געווענדט צו אַ פּאָליציאַנט:

— האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז מיין „פּאַיסאַנאַ״ איז אומשולדיק? אָבער איר האָט עס מיר ניש געגלויבט...

ער האָט אים דערלאַנגט די סאַמע לעצטע, צעקרישלטע לעקעכלעך און זיך אָנגערופן:

— היינט איז ביי מיר אַ גליקלעכער טאָג! היינט האָט דער אמת באַזיגט דעם שקר!

— גיין, גיי, פּעטיסאָ!

אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט טרערן אין די אויגן.

פּופּיק האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ זייטיק געגנגעלע און מיט די ליידיקע קוישן און געהאַלטן דאָס ווייסע, קיילעכיקע היטעלע אין די הענט. ער האָט זיך אויסגעדרייט אָנו אָנגעוווּנטשן:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! און גאָט זאָל אייך העלפן און אייך באַצאָלן פאַר אייער גוטסקייט.

דער קאָמיסאַר האָט אָנגענומען יהודיתן פאַר אַ האַנט און זי צוגעפירט צום גרינעם שרייבטיש. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און דורכגעקוקט איי־ניקע באַשריבענע פּאַפּירן. זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ רו׳יקן בליק. ווי אַנדערש ער איז געווען איצט, ווען אַ גוטער פריינט האָט אים „באַוויזן״ איר אומשולד! זיין פּנים איז געווען רו׳יקער און מילדער ווי ביי דער ערשטער אויספאָרשונג.

ער האָט אַוועקגערוקט די פּאַפּירן אָן אַ זייט און זי ווידער באַטראַכט מיט אַ מילדן בליק:

— מען האָט מיך אינפאָרמירט וועגן אייער פּערזאָן, — האָט ער אין אַ ווייכן טאָן געזאָגט, — און איך באַדויער זייער, וואָס ס׳איז אַזוי אויס־געקומען... זאָגט מיר נאָר: צי זענט איר טאַקע אַזוי שטאַרק צעקריגט מיט אייערע שכנים?

זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק. אין צימער איז געווען זויבער, בלייכע שטיקער זון האָבן גערוט אין די טיפע ווינקלען. די רויטע צעראַטע אויפן פּאָלירטן דיל, די ווייכע דיוואַנעס ביי די ווענט, די בילדער פון פּרעזידענט און זיין ווייב און דאָס בילד פון סאַן מאַרטין האָבן צו איר גערופן: דיינע שכנים האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף דיר! שטאַרק דיך, יהודית, און וועסט בייקומען אַלע שונאים.

דער קאָמיסאַר איז געבליבן שטיין לעבן איר און זיך אָנגערופן:

— האָט איר אויף עמעצן אַ חשד?

— אויף אַ באַשטימטן מענטשן קען איך ליידער נישט אָנווייזן...

— און וואָלט איר געפאָדערט גערעכטיקייט, ווען איר ווייסט, ווער עס האָט אייך דענונסירט? — האָט ער געפרעגט און נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן.

— איך מיין אַז יאָ! — האָט זי געזאָגט נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן.

— דאָס איז גוט!

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגענומען פון שופלאָד דעם שליסל פון איר גאָרטן־טירל און אים איר איבערגעגעבן.

— איר קענט גיין אַהיים, — האָט ער געזאָגט און ער האָט איר געדריקט די האַנט. — וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן — האָט ער שטאָלץ צוגעגעבן, — ווייסט אויף יעדן פאַל, אַז ס׳איז נאָך דאָ גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

יהודית האָט אים אָנגעקוקט מיט דער ליכטיקייט פון אירע ווייט־צעעפנטע אויגן און ווי פאַרלוירן געשמייכלט.

ער האָט איר אויפגעמאַכט די טיר, אַרויסבאַגלייט און זיך אָנגערופן צום פּאָליציאַנט:

— באַגלייט אַרויס די סעניאָריטאַ!

דאַן האָט יהודית דערפילט דעם טעם פון „פרייהייט". די וועלט, די לויכטנדיקע, שיינע וועלט, איז איר אַצינד אויסגעקומען ווי ניי. דער גאַנצער אַרום האָט אויף איר אָנגעווייעט מיט פרישקייט און אַ נייע בענקשאַפט האָט זיך אין איר צעברענט. זי האָט געזוכט אַ באַקאַנט פּנים, אָבער זי האָט קיינעם נישט געזען.

עס איז צו איר אונטערגעקומען דאַן פּופּיק און ער האָט אויסגערופן מיט פרייד:

— ייִדישע קערוין, עץ זענט פראַאַאַ!

באַוווּנדערונג און ליבשאַפט האָבן אויף אים געדעגנט פון אירע גע־רירטע בליקן... זיי האָבן זיך שטום געלאָזט אין דער ריכטונג צו איר שטוב.

פּופּיק האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך אויסגעבייכלט:

— אוי האָבן זיי מיר היינט אָנגעפייפעט אין די קוילישטן!... יאַך בין עפּעס אַ גזלן? יום־טוב איז יום־טוב!...

— ווי זעט אויס מיין גאָרטן? — האָט זי נייגעריק געפרעגט.

— זאָרגן זיי ניש, ייִדישע קערוין! גאָט האָט רחמנות! ער עט שיקן אַ רייגן און די רייזעלעך עלן מיט גאָטס הילף ווידער בליִען!...

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים.

— ייִדישע קערוין, גייען זי אַליין צו אייערע שטובן... יאַך מוז גאַין אין די בעקערייען באַשטעלן אַ ביסל סחורה אויף מאָרגן.

— וואָס מאַכט אייער ווייב? — האָט אים יהודית געפרעגט.

— גאָר פאַרגעסן! מאַ געטעשי האָט ענק געלאָזט געריסן, גאָר פראַנט־לעך געריסן...

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. יהודית האָט אים נאָכגעקוקט מיט געטריישאַפט. עפּעס אין איר האָט אַ רודער־געטון. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז...

קאַפּיטל צוואַנציק

אָנגעטון אין זיין ווייסן פּריש־געפּרעסטן דאָקטערשן כאַלאַט איז נאַטאַליאַ אומגעגאַנגען איבער זיין גרויסן אויפנאַם־זאַל. ער האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, גלייך ס׳וואָלט אים געווען קאַלט. זיין גלאַט ראַזירט פּנים איז געווען ערנסט און באַזאָרגט. אַזאַ ערנסטן אויסזען האָט ער געהאַט תמיד, ווען ער האָט באַדאַרפט אויסגעפינען דעם צושטאַנד פון אַ געפערלעך קראַנקן. נאַטאַליאַס טריט זענען געווען שווערע און געמאָסטענע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַריבערצושפּרינגען איבער אַ ברייטן גרוב.

פונעם גרויסן געשניצטן שרייבטיש, אַ באַלאָדענער מיט אַלערליי מעדיצינישע זשורנאַלן, מיט ביכער און שרייב־געצייג; פון ווייסן, ניקעלנעם פּאַציענטן־בעטל, פון די בלישטשענדיקע אינסטרומענטן פון טייערן מעטאַל, פאָרצעליי און גלאָז; פון די טונקל־בלויע צעראַטענע סטעזשקעלעך אויפן פּאַרקעטענעם פּאָל; פון די פאָליצעס מיט ביכער, פון די הויכע וויטרינעס מיט אַלערליי מעדיקאַמענטן־פלעשעלעך, — פון אַלע ווינקעלעך פון זיין מאָדערנער און רייך־איינגעאָרדנטער קאָנסולטאַריע האָט עס געוויט אויף אים מיט פיינלעכער שטילקייט, מיט שטרענגער באַלעבאַטישקייט און אויך — מיט דראָענדיקן אומעט.

נאַטאַליאַ איז שטיין געבליבן אינמיטן זאַל און נישט־ווילנדיק אַ קוקגעטון אויף צוויי בילדער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן שרייב־טיש. איין בילד איז געווען פון זיין פרוי און דאָס צווייטע — פון זיינע דריי טעכטערלעך. ער האָט זיי לאַנג באַטראַכט, האָט אומעטיק געשמייכלט און האָט זיך אויסגעדרייט; דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום גרויסן פענצטער און אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין דער פאָרטקע.

פון דער גאַס האָט אויף אים אַ שלאָג־געטון מיט קילער, פרישער לופט און מיט שמעקעדיקע ריחות פון צעעפנטע און פריש־באַגאָסענע בלומען און פלאַנצן. זיינע בליקן זענען צוגעפאַלן צו אַ בלויער צעבליטער „נאַכט־דאַמע״, די דאָזיקע פלאַנץ האָט אים דערמאָנט אין דאָניאַ בערטאַס הינטערשטיקן הויף. אויך דאָרט האָט אַזאַ „נאַכט־דאַמע״ געבליט און

האָט אָנגעפילט מיט פאַרשיכורנדיקע ריחות דאָס קליינע אויבערשטע צי־מערל, ווו ער מיט יהודיתן האָבן אַמאָל געוווינט.

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און האָט זיך פאַרקוקט ווייט איבער דער גאַס, געקוקט אַזוי ערנסט און פאַרטיפט, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז אַ ליב ווענן זאָל זיך דאָרטן באַווייזן און אים ברענגען אַ ביסל רו. די גאַס איז געשטאַנען אַ שטילע און אַן איינגעוועבטע אין אַ מאָדנער סודות־דיקייט. די שורות ביימער אין בײדע זייטן פון די טראָטוארן האָבן געביל־דעט צווי הויכע, גרינע ווענט און האָבן צוגעגעבן חשיבות און רייכקייט דער לאַנגער, ריינער, אַריסטאָקראַטישער געגנט.

אַמאָל, אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין חתונה, ווען ער האָט געדונגען די דאָזיקע שטוב, איז ער געווען פאַרליבט אין דער גרינקייט און אין דער חשיבות, וואָס האָט איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום. ער האָט נאָך דאַן געפילט דעם קבצנישן ריח פון דאַניאַ בערטאַס גרויסער שטוב מיט אירע אָרעמע שכנים. האָט ער געזוכט צו באַפרייען זיך פון יעדן ניט־אָנגענעמען געפיל און אין די אויפדערנאַכטן, ווען זיין ווייב מיט דער עלטסטער טאָכ־טער זענען שוין געווען אין די שלאָפצימערן, איז ער געבליבן זיצן אין דעם דאָזיקן רחבותדיקן אויפנעם־זאַל און זיך פאַרטיפט אין די מעדיצי־נישע ביכער אָדער גלאַט אַזוי געזעסן ביים אָפענעם פענצטער און אַרויס־געקוקט אין דרויסן און ער האָט דאַן אויפגעכאַפּט אַלע טענער און קלאַנגען פון די שיין־צעוואַקסענע גערטנדלעך אַרום די נאָענטע טשאַלעטן; און אונטער דער ווירקונג פון דער גלעטנדיקער רויִקייט זיך פאַרטיפט אין מחשבות, זיך אָפּגערוט פון זיינע שווערע אַרבעטסטעג, פון אויסהערן דאָס קלאָגן זיך און דאָס יאָמערן פון זיינע פאַציענטן. ער האָט געשמייכלט און גרינגעשעצט זייערע אויסטערלישע, נאַרישע, טרויעריקע און טיילמאָל לע־כערלעכע מעשות, וועלכע מען טרויט אָן נאָר אַ דאָקטער.

דעמאָלט איז ער געווען זיכער, אַז דאָס גליק זיינס איז אַן אייבי־קייט און אַז זיין חכמה האָט אים געהאָלפן צו געפינען מזל. ער האָט גע־לעבט ווי אין אַ ווונדערלעכן חלום און ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרגעסן אָן זיין פרומער מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן פון ערגערניש צוליב זיין חתונה מיט אַ פרומען קאַטוילישן מיידל, סיי אין יהודיתן, וואָס האָט אים געהאָלפן ווערן אַ דערפאָלגרייכער דאָקטער און אַ סאָלידער מאַן.

זינט ער האָט זיך לעצטנס געטראָפן מיט יהודיתן, איז זיין גלייכגעוויכט געבראָכן געוואָרן. איר האַלטונג, דאָס אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט אים, האָט אים געריזט. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון יענעם בילד, ווען זי האָט געוואָלט אָפּרייסן מאַרטאַן פונעם קאַסטן מיטן טויטן קינד

און ווען זי איז, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, געלאָפן צוריק צו זיך אין צימער און דאָרט זיך צעיאָמערט.

ער האָט דאַן אַ נעם־געטון זיין פרוי אונטערן אָרעם און איז מיט איר געפאָרן אַהיים. יהודיתעס געוויין איז אים אָבער נאָכגעלאָפן, אַריינ־געדרונגען אין זיינע חושים און צעשטערט די רויִקייט מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע פּאַציענטן.

אינעם לעצטן אויפדערנאַכט האָט אים די שטילקייט פון דער גאַס גאָר איננאַנצן דערשראָקן. האָט ער אַראָפּגעשלונגען עטלעכע זיפצלעך און אָנגענומען אַ פּאָזע פון דעצידירטקייט; אַ מאָדנער פיבער האָט זיך געצונדן אין זיינע אויגן און אַ ווילן בייצוקומען, מיט גוואַלד, דערשטיקן אין זיך יעדעס געפיל צו יהודיתן און פאַרגעסן אין איר, ווי מען פאַרגעסט אין די טויטע.

נאָך אָט־דעם באַשלוס האָט אַ מאָדנע בלייכקייט געריזלט אַרום זיין פאַרשלאָסן מויל און אַ כעס אויף זיין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט.

יהודיתעס געשטאַלט האָט זיך אָבער ווידער באַוויזן פאַר זיין דמיון און האָט אָפּגערוקט, פאַרשטעלט די גאַס און אַלע אַנדערע בילדער. ער האָט ווידער דערפילט דעם באַקאַנטן ליבן ריח פון אירע לאַנגע בלאָנדע צעפּ, מיט וועלכע ער האָט תמיד שטאָלצירט. ער האָט זיך פּלוצים דער־מאָנט אין יענער צייט, ווען ער האָט זי געפירט צו זיינע חברים־סטודענטן און עלטערע דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן באַוווּנדערן איר חן און איר דאָרפישע נאַטירלעכקייט. ער אַליין פלעגט דערביי זאָגן:

— דאָס איז אַ „פענאָמענאָ!". אַ מיידל פון „צען צענטימעטער" די גרויס און מיט מעטערדיק־לאַנגע צעפּ! ס'איז אַ „פענאָמענאָ!".

ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ זיפץ און מיט אַלע זיינע כוחות זיך ווידער באַמיט צו פאַרטרייבן פון זיך איר געדעכעניש און די דערינערונגען פון זייער ליבע. אים איז געווען שווער צו ליידן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס ס'איז טיפע פיין און פרעסנדיקער אומעט. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז ער אַליין האָט פּלוצים אַראָפּגענידערט אין אַ וועלט, וואָס איז שוין לאַנג טויט און ער אַליין מוז זיך ווידער אויפהייבן, אַרויס־קריכן פון יענער וועלט, ווי מען קריכט אַרויס פון אַ זומפּ.

האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די פּאָליצעס מיט ביכער און מיט זאָרג אין די פאַרטראַכטע אויגן געזוכט אַ בוך צו לייענען, אַ בוך, וואָס זאָל אים צעשטרייען און מאַכן פאַרגעסן אין יהודיתן און אין זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. אָבער איר געשטאַלט האָט פאַרשטעלט די גראָבע ביכער און פון די גאָלדענע טיטלען אויף די רוקנס האָבן צו אים אַרויסגעפינקלט יהודיתעס אויגן — פולע מיט מאָנונג און מיט בענקשאַפט.

דאַן איז ער געוואָרן נאָך בלייכער און אַ צעקרומטער שמייכל האָט אויפגעציטערט אַרום זיינע געשלאָסענע ליפּן. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן איז ער צוגעגאַנגען צום אַנדערן עק פונעם זאַל און אַראָפּגענומען פון וואַנט די שקאַטולקע מיט אַ נייער טייערער פידל. ער האָט אַוועקגעלייגט די שקאַטולקע אויפן שרייבטיש און אַרויסגענומענדיק די פידל, האָט ער זי לאַנג און געטריי באַטראַכט פון אַלע זייטן. באַלד האָט ער אַ פיר־געטון מיט די שפּיצן פון די פינגער איבער די שטייפע סטרונעס און אַ בינטל אָפּגעהאַקטע קלאַנגען האָבן זיך צעטאַנצט איבערן זאַל און פאַרפלייצט אַלע ווינקעלעך. באַלד זענען די קלאַנגען געוואָרן לויטערער, די מעלאָדיעס טיפער, שטורעמדיקער, — זיי האָבן צעפלאָכטן זיינע געדאַנקען און די חושים מיט אַלע פריִערדיקע באַשטימונגען. דעמאָלט האָט עס אים ווידער אַוועקגעטראָגן צו דאָניאַ בערטאַן אין אַלטן גרויסן הויף און צוריק אַריינגעשלעפּט אין זויבערן, קליינעם, אויבערשטן צימערל צו יהודיתן.

ער האָט געשפּילט און געשוועבט ווי אין אַ חלום, ווידער געזען יהודיתן זיצן אויפן ווייכן הײמישן טעפּיך מיט די רויטע און גרינע רויזן און זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אים באַגלייט אויף איר האַרמאָשקע און ער האָט אין דמיון געזען, ווי אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד האָט גערוט אויף איר פּנים! דעמאָלט האָט ער זיך גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן און אָנגעהויבן שפּילן דיזעלבע מעלאָדיעס און קלאַנגען פון אַמאָל. ער האָט דערזען די בלייכע קאָלירן פון די ווענט און פון צווישן די קלאַנגען און פון די קאָלירן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף אים אירע אויגן פולע מיט מאָנונג און מיט קינדישן צוטרוי.

און ווידער האָט דער דמיון זיך צעשפּילט און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אויפגעהערט צו שפּילן און זיך אָנגערופן צו אים:

— „נאַטאַליאַ, דו ווייסט מיר שענקען פיר זין און זיי וועלן זיין קינדער פון דער זון, ווייל אונדזערע געפילן זענען ליכטיקע און לויטערע ווי די זון אין פרילינג־טעג. אויך פיר טעכטער וויל איך ברענגען אויף דער וועלט און זיי וועלן פאַרקערפּערן אין זיך די גייסטרייכקייט און קרבנות־גרייטקייט פון דער היסטאָרישער יהודית, די שיינקייט פון שולמית, די פרייד און ליבע פון דבורה הנביאה צו אונדזער פאָלק און דעם שטאָלץ פון דער הייליקער מוטער חנה...

נאַטאַליאַ איז געווען בלייך און זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צום שפּילן.

די קלאַנגען זענען געוואָרן אַלץ האַסטיקער און אימפּעטיקער, ווי ער וואָלט זיי באַפוילן בייצוקומען אַ שוואַרצן כוח, וואָס האָט אויף אים געלויערט.

אָבער פון די קלאַנגען האָט ער אויך אַרויסגעהערט זיין ענטפער וואָס ער האָט איר דאַן געגעבן:

— אין דיר, יהודיתל, וויל איך, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיין געראָטן; אין דיר, ווייל דיין נשמה איז גרויס און טיף ווי דער ים. דו אַליין פאַרקערפּערסט אין דיר אַלע שיינע און גרויסע מידות פון אונדזערע היסטאָרישע פרויען־געשטאַלטן...

אָט די דערמאָנונגען האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ מיט טיפן טרויער און מיט אַ שטאַרקן געפיל פון רחמנות צו יהודיתן. דער דאָזיקער געפיל האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ נאָך שטאַרקערער בענקשאַפט, וואָס איז געקומען אַזוי פּלוצים און אַזוי שטורעמדיק, אַז ער האָט זיך דערשראָקן. און די קלאַנגען האָבן זיך ווייטער געריסן און אינאיינעם מיט זיי האָט זיך אין זיין דמיון געריסן יהודיתס צאַרטע שטים: „נאַטאַליאַ, נאַטאַליאַ!"

באַלד האָט ער זי געזען נעבן בעטל פון דער קראַנקער קוקי, געזען, ווי פון איר אומרויִקן בליק האָט זיך געריסן די שרעק ווי פון אַן איינזאַמען גוסס, וואָס רופט אין זיינע גערדאַנקען עמעצן אַ נאָענטן, וואָס זאָל אים מיטפילן ביים פאַרלאָזן די וועלט און דאָס לעבן. דאָרטן, לעבן קוקיס בעטל, האָט ער געפילט אַז אַלע פּולסירונגען און פעדים פון איר שוואַך האַרץ האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיקן דעם געשריי פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע אירע אברים, פון דעם בלוט און פון גאַנצן לייב און לעבן. אויך אַ בענקשאַפט נאָך אים — אַזאַ בענקשאַפט, וואָס קען צעפרעסן און אומברענגען אַפילו דאָס שטאַרקסטע מענטשלעכע האַרץ.

ווען ער האָט זי אַזוי געזען, דעמאָלט האָט ער מורא געהאַט, אַז זי וועט צוזאַמענברעכן און היסטעריש אַרויסשרייען איר ווייטיק, וואָס וואָלט אים קאָמפּראָמעטירט... אין מינוטן פון צווייפל אין איר ערלעכקייט האָט ער געטראַכט נאָר פון זיך און פון זיין פאַמיליע. אין זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט ער אַפילו געהאַט צוגעגרייט אַן אויסרייד, אַז קוקיס קראַנקייט האָט זי געמאַכט היסטעריש...

ווען ער האָט אָבער געזען, אַז זי איז גאָר אין איר עלנטן צושטאַנד אַנטלאָפן צו זיך אין שטיבל און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, האָט ער לייכט אָפּגעאָטעמט און זיך געפילט פריי פון יעדער שרעק... גלייכצייטיק אָבער איז זי אים געוואָרן טייערער. ער האָט באַוווּנדערט איר גייסטיקן כּוח און איר פרויאישן שטאָלץ. זיך אַליין האָט ער געזען קליין און נאַריש אַנטקעגן איר גבורה און מערקווירדיקן אויסדויער.

שטייענדיק אַזוי אַליין אין זיין אויפנעם־סאַלאָן מיט דער פידל אין דער האַנט, האָט ער געפּרווט אַראָפּנידערן אין די טיפסטע ווינקלען פון זיין נשמה, ער האָט זיך באַמיט אויסצוגעפינען אַן ענטפער פאַר זיך אַליין

מכוח זיין באַציִונג און געפילן צו איר; ער האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז שוין זינט אַ לענגערער צייט, נאָך אַ סך פריִער פאַר דער צופעליקער בגי־געגעניש מיט איר, איז יהודית שוין געזעסן טיף אין זיין נשמה. אויך די נייע טייערע פידל האָט ער געקויפט ווי אַ מיטל, כדי מיטן שפּילן פאַרגעסן אָן איר. תמיד, ווען ער איז מיד געוואָרן פון לייענען, האָט ער זיך גענומען צו דער פידל. אים האָט זיך אָבער נאָר געגלוסט צו שפּילן אומעטיקע לי־דער אָדער די מוזיק, וואָס זיי ביידע פלעגן שפּילן, און אַזוי ווי יהודית האָט ליב געהאַט די מעלאָדיע פון „כל נדרי״, האָט ער אין יענעם אויפדערנאַכט, ווי תמיד, אָנגעהויבן צו שפּילן דעם ניגון. און די טענער האָבן נאָך מער דערוועקט אין אים דעם אומעט און ס׳איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ באַגער זיך אויפצוהייבן ווי אַ פויגל, אַוועקצופליִען און זיך אַוועקזעצן אויף איי־נעם פון די לימענע־ביימלעך, הינטער יהודיתעס פענצטער, און אויסשפּילן פאַר איר די פרייד און דאָס געזאַנג, וואָס ער איז איר שולדיק געבליבן.

אַזוי פאַרטיפט אין מחשבות האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעמאַכט די טיר פון זייטיקן צימער און זיין מיזינקע, די פּיריערדיקע טאָסקאַ, איז אַריינגע־קומען אין זאַל. מיט אַ פינגערל אין מויל האָט זי זיך צוגעשאַרט צום פאַ־טער און שטילערהייט, כדי אים נישט צו שטערן אין שפּילן, זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן דיל לעבן אים און אַרומגענומען מיט אירע הענטלעך זיין רעכטן פוס, אויפגעהויבן צו אים אירע שוואַרצע גרויסע אויגן, אויגן פונקט ווי דער מאַמעס, נאָר פאַרשלייערט מיט ייִדישן טרויער. ער האָט איר צוגעוואָרפן אַן אומרויִקן שמייכל און זיך ווידער פאַרטיפט אין שפּילן. דאַן האָט די קליינע פאַרשלאָסן די הענטלעך ביי זיך אויף דער ברוסט און זיך גענומען הוידען אַהין און צוריק, צום טאַקט פון דער מוזיק, זיך באַ־וועגט ווי אַ פרומע ייִדענע ביי אַ תחינה. דער ניגון האָט זי אויפגעטרייסלט און אָנגעפילט מיט אומרו. האָט זי צוגעשפּאַרט דאָס קעפּעלע צום טאַטנס אַ פוס און פלוצים אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

נאַטאַליאַ האָט באַלד אויפגעהערט שפּילן, גיך אַוועקגעלייגט די פידל מיטן סמיטשיק אויפן שרייב־טיש און אויפגעהויבן די קליינע. ער האָט געטריי צוגעטוליעט איר קעפּעלע צו זיין ברוסט און איר אויסגעקושט די טרערן פון די אויגן. די קליינע האָט זיך באַרויִקט, אַ זיפּץ־געטון, פאַר־וואָרפן אירע פּוכיקע הענטלעך אַרום זיין האַלדז און זיך צו אים שטאַרק געטוליעט. האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז יהודית האָט אים אַרומגע־נומען. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן זאַל, געגלעט דעם קליינערס אַנטבלויזטן האַלדז און דער ריח פון יהודיתעס צעפּ איז אים נאָכגעגאַנגען אינאיינעם מיט דער שטומקייט פון אירע בליקן.

האָט ער דערמאָלט נאָך שטאַרקער געטוליעט צו זיך זיין קינד און אַ

זיסע וואַרעמקייט האָט אָנגעהויבן גלעטן זיין האַרץ. די וואַרעמקייט האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל און אַרויסגערופן אין אים אַ טיפע פרייד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די נאָענטקייט פון זיין קינד, איר ליבשאַפט, האָט ענדלעך פאַרטריבן פון אים יהודיתעס געדעכעניש און אירע מאָנענדיקע אויגן, פולע מיט האַרצרייסנדיקער בענקשאַפט נאָך אים.

וואָס רויִקער זיין געמיט איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן זיין קלאָרער פאַרשטאַנד. ער האָט ווידער און צום טויזנטסטן מאָל אין געדאַנק ביי זיך געמאָסטן און געוויגן ווי אויף אַ גאָלדענער וואָג־שאָל יעדער וואָרט באַזונדער, יעדע באַליידיקונג, וואָס זיין אייגן ווייב האָט אים נישט לאַנג צוריק געוואָרפן אין פּנים.

ער האָט ווי אַ וואָרעם געזויגן די געפילן פון זיין אייגענער נשמה, גענישטערט אין אירע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך און וויפיל ער האָט זיך באַמיט יענעם מאָדנעם צופאַל צונישטצומאַכן, האָט ער דאָך געפילט מיט אַלע חושים פון אַ געזונטן מענטשן, אַז די בענקשאַפט נאָך יהודיתן האָט אַ שייכות נישט נאָר מיט זיין ווייבס ווייטקייט פון זיין נשמה און פון זיינע זאָרגן, נאָר אויך מיטן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זיינע פאָלקס־ברידער, פון וועלכע ער האָט זיך פריִער אַזוי לייכטזיניק דערווייטערט.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

נאַטאַליאַ איז געווען אַ דערפאָלגרייכער דאָקטער און אויך אַ דער־פאָלגרייכער מאַן. זיין מענערישע שיינקייט האָט אים געהאָלפן דעראָבערן אַ גרויסע קליִענטעלע. דאָס רוב פון זיי זענען געווען רייכע ווייבער. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט זיך אַריינצולאָזן מיט זיינע פּאַציענטקעס אין אַ וועלכער עס איז אַוואַנטורע. ער האָט בלויז ליב געהאַט זיין ווייב און צו אַנדערע נישט געפילט מער ווי מיטלייד און סימפּאַטיע. אַפילו די שענסטע פּאַציענטקעס האָבן אים נישט געקאָנט אַזוי באַרוישן ווי זיין פרוי מיט איר שיינקייט און איר רייץ. זי איז געווען שיין און עלאַסטיש. געלעבט נאָר מיט אירע ווייבערישע געדאַנקען, פרויִאישע פאַרגעניגנס און געטראַכט ווי אַזוי צום בעסטן צוציִען צו זיך איר מאַן. זי האָט נישט געקאַרגט קיין געלט אויף קאָסמעטישע און אַנדערע ווייבערישע איינפאַלן, כדי זיך צו פאַרשענערן. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן שטענדיק צו זיין אין אַ גוטער שטימונג, ווען זי איז געווען צוזאַמען מיטן מאַן. אַפילו ווען זי איז עפּעס אינערלעך נישט געווען, אַזוי אַרום האָט זי קיינמאָל נישט פאַרטונקלט

זיין מענערישע פרייד, נאָר אין קעגנטייל, אים שטענדיק, דורך פאַרשידענע מיטלען צוגעצויגן צו זיך און געוועקט זיינע באַגערן נאָך איר. ווי אַ פרוי פון אַ דאָקטער האָט זי אַ באַזונדערן אַכט געלייגט אויף דער ריינקייט פון איר אַרום און פון איר קערפּער.

לעבן איר האָט נאַטאַליאַ אַנטפּלעקט זיין גאַנצע מענערישע גבורה. ער האָט זיך געפילט שטאַרק און זיכער. זי איז געווען זאָרגלאָז און צע־באַלעוועט און איר גאַנץ לייב און לעבן צוזאַמען מיט אירע מיינונגען אָנ־געשפּאַרט אויף אים. זי האָט אים קיינמאָל נישט געגעבן קיין עצות און תּמיד ביי אים געפּרעגט זיין מיינונג וועגן יעדער קלייניקייט, ווען אַפילו דאָס זענען געווען אייגענע ענינים. זי האָט נישט געטון קיין שום זאַך אָן זיין צושטימונג. דאָס דאָזיקע נייע לעבן מיט זיין ווייב איז געווען פאַר אים אַ לייכטער איבערגאַנג, ווייל אויך יהודית האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזט פילן, אַז זי האָט אים געהאָלפן אַרויסהייבן זיך פון אַ נידעריקן מעמד און אים אַרויפגעפירט אויפן גלייכן וועג. איר גרויסער „פעלער" איז אָבער, לויט זיין מיינונג, באַשטאַנען אין דעם וואָס זי איז אים געווען מער חברטע און מאַמע ווי ווייב. זי האָט אויף זיך געטראָגן זיינע לאַסטן און דאגות, זיך געאַמפּערט מיט אים, ווען ער האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען אָדער דאָס שפּילן פידל. אים האָט עס נישט געאַרט, וואָס זי האָט געקענט אַלע זיינע פעלערן, וועגן וועלכע זי האָט אים קיינמאָל נישט גע־געבן צו פילן.

אָבער נאַטאַליאַ האָט געקענט יהודיתן; ער האָט זיך גערעכנט מיט איר מיינונג און גאַנץ אָפט קעגן זיין אייגענעם ווילן געבליבן אין דער היים און זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען. נישט געקוקט אָבער אויף איר מוטערלעכקייט און חברשאַפט האָט זיך זיין מענערשע גאווה אָפט געבונ־טעוועט קעגן איר.

ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיין איצטיקן ווייב, איז ער שוין געווען אַביסל אויסגעמענטשלט. זי האָט קיינמאָל נישט געזען קיין שום פעלערן אין אים. ביי איר זענען אַלע מעלות זיינע געווען פאַרבונדן מיט זיין גבורה. זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ גאָט. דערצו איז זי נאָך געווען פרום און אַבערגלויבעריש און האָט זיך איינגערעדט, אַז נאַטאַליאַ איז געבוירן געוואָרן פאַר אירטוועגן, כּדי זי און די קינדער גליקלעך צו מאַכן.

באַלד נאָך דער חתונה האָט ער צוליב מורא פאַר יהודיתן זיך אַוועק־געצויגן ווייט פון איר, כּדי זי מער נישט צו זען און אויך נישט די באַ־קאַנטע זייערע. די דאָזיקע מורא פאַר באַגעגעניש איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו אויסגעמיטן די באַקאַנטשאַפט מיט ייִדן בכלל. צווישן

זיינע פּאַציענטקעס זענען געווען וויניק יידישע פרויען און טעכטער. ער האָט זיי נישט געזוכט. ער האָט פיינט געהאַט זייער שטייגער רעדן און מער — זייער צעקריליעטשעטן שפּאַניש. כאָטש ער איז דערצויגן געוואָרן ביי קאָלאָניסטישע עלטערן, ביי וועמען יידיש איז געווען מאַמע־לשון און אַ שטיק פון זייער נשמה, האָט ער דאָך אויפגעהערט צו רעדן יידיש זינט ער איז געוואָרן אַ דאָקטער, און זינט ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער פיינט באַקומען יידישע ווייבער, איבערהויפּט די ווייבער פון די „אויפגע־קומענע", וועלכע זענען געקומען צו אים אויסגעפּוצטע אין שרייענדיקן און טייערן צירונג, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי קומען נישט היילן זיך, נאָר גיכער צו ווייזן זיך פאַרן שיינעם און גוטן דאָקטער און הערן מיט פאַרגעניגן ווי ער רעדט צו זיי אין שפּאַניש... ערשט ווען היטלערס מערדער האָבן אָנגעהויבן אויסצוהרגענען דאָס יידישע פאָלק, האָבן די דאָזיקע פרויען זיך דערמאָנט, אַז זיי זענען יידישע און ווידער אָנגעהויבן רעדן צו אים אין יידיש און אויסיאָמערן דעם ביטערן סוף פון זייערע משפּחות אין די אַלטע היימען.

על־פּי־רוב האָבן זיך די דאָזיקע יידישע פּאַציענטקעס באַקלאָגט אויף זייערע ווייטיקן, וואָס זענען געקומען מערסטנס פון מאָגנדיקע און אינגע־ווייִדישע קראַנקייטן; אויך אויף האַרץ־קלעמעניש האָבן זיי זיך באַקלאָגט און דער עיקר — אויף אַ מאָדנעם טרויער, וואָס באַהערשט זיי גאַנץ אָפט. וועגן די אַלע צרות האָבן זיי גערעדט צו אים אין אַ פּשוטן יידיש, צעפּראַלט פאַר אים אַלע ווינקעלעך פון זייערע הערצער אָדער געוויינט פאַר אים ווי פאַר אַ טייערן ברודער, ביי וועמען מען קומט בעטן הילף און זוכן טרייסט.

אין אָנהייב פון זייער באַקלאָגן זיך איז ער זיי חושד געווען, אַז זיי ליידן פון אַ קרענקלעכער שרעק, פון אַ מורא, וואָס גרענעצט זיך אָפטמאָל מיט היסטעריע און מיט אַנדערע נערוון־קראַנקייטן. ער האָט זיי געזוכט צו טרייסטן, ווי מען טרייסט קראַנקע. ער האָט שעהן־לאַנג גערעדט צו זיי און געגעבן צו פאַרשטיין אַז די וועלט וועט בלייבן וועלט און אַז די מענטשן וועלן נישט אויפעסן איינער דעם צווייטן.

אָבער זייער וויינען און דערציילן וועגן די אַלע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן די יידן פון אייראָפּע, האָט געווירקט אויף אים אַליין. נאַטאַליאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו גריבלען צווישן די שורות פון די טעלע־גראַמעס, וואָס ס'האָבן געבראַכט די היגע און אויסלענדישע צייטונגען. ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די הערשער פון דער וועלט זענען די מיטשולדיקע אין די שחיטות אויפן יידישן פאָלק; אַז היטלער מיט זיינע בלאָנדע מאָנסטערס גרייטן זיך אומצוברענגען אַלץ פון שענסטן און הערלעכסטן, וואָס די מענטשהייט האָט ביז איצט געשאַפן.

וואָס מער ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט די צײַט־פּראַגן, אַלץ מער האָט ער געזען דעם פֿאַרברעכן, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די ייִדן און קעגן מיליאָנען אַנדערע אומשולדיקע מענטשן.

ער האָט שוין געוווּסט, אַז אַלטע שיפֿן מיט פֿאַרפּאַלגטע ייִדן בלאָנדזשען אום איבער צעשטורעמטע ימים און קיין שום רעגירונג וויל זיי נישט אויפֿנעמען בײַ זיך אין לאַנד און די אומגליקלעכע ווערן געשיקט צוריק, פֿון וואַנען זיי האָבן זיך קוים געראַטעוועט — צוריק אין די לאַפּעס פֿון היטלערס גזלנים.

גאָר אויפֿגעשווידערט איז ער געוואָרן פֿון דער ידיעה, אַז די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט האָט באַפֿוילן אונטערצוטונקען די שיף „סטרומאַ" מיט הונדערטער פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך קוים געראַטעוועט און זענען אָנגעקומען צו די ברעגן פֿון ייִדישן לאַנד.

וואָכנלאַנג האָט ער נישט געקענט שלאָפֿן רויִק און נישט עסן ווי געהעריק. אין זײַן פֿאַנטאַזיע האָט ער תּמיד געזען די פֿאַרפּאַלגטע ברידער זײַנע, — געזען די דערטרונקענע קינדערלעך צווישן צעברויזטע ים־כוואַליעס און ס'האָט אים געמאַכט אויפֿברויזן פֿון צאָרן און פֿון באַגער אויסצושרײַען זײַן פּראָטעסט קעגן די בלוטיקע מערדערײַען, וועלכע ווערן באַגאַנגען איבער אומשולדיקע מענטשן.

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו אייניקע אַרגענטינער פּערזענלעכקייטן. ער האָט צו זיי געשריבן בריוו מיט שילדערונגען פֿון שחיטות און מערדערײַען און געבעטן אַז זיי זאָלן אים העלפֿן שאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט, וואָס זאָל זיך באַמיִען אַהערצוברענגען יעדן איינעם, וואָס וועט זיך קענען אַרויסרײַסן פֿון נאַצישן גיהנום. ער האָט געפֿיבערט פֿון אומרו און דערוואַרטונג און אויף קיין ענטפֿער זיך נישט געקענט דערוואַרטן!

איינמאָל איז געקומען קיין אַרגענטינע אַ שיף מיט אַ קליינער צאָל ייִדן, וועלכע האָט זיך דורך אַ צופֿאַל אַרויסגעריסן פֿון אייראָפּע. די שיף האָט חדשים־לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אַלע ימים פֿון דער וועלט און קיין שום רעגירונג האָט נישט דערלויבט, אַז די ייִדן זאָלן אויסשטײַגן. אויך די אַרגענטינער רעגירונג האָט נישט געוואָלט אויפֿנעמען די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן.

נאַטאַליאָ האָט נישט געקענט באַנעמען אַזאַ האַנדלונג פֿון די רעגירער און אין אים האָט דערוואַכט סײַ דער שטאָלצער אַרגענטינער, סײַ דער באַליידיקטער ייִד. בײַ אים איז אויסגעקומען, אַז די פֿירער פֿון זײַן לאַנד האָבן אים פֿאַראַטן און אויב ער איז אַן אמתער פּאַטריאָט מוז ער מיטלײַדן מיט זײַנע ברידער, מיט די ייִדן, וואָס האָבן נישט געקאָנט געפֿינען קיין פּלאַץ אין דעם גרויסן, רײַכן פֿאָטערלאַנד זײַנעם.

ער האָט דאַן אָנגעהויבן נאָכצודענקען און איבערטראַכטן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטון פאַרן פאָטערלאַנד, — געטראַכט און געוואָלט וויסן, צי האָט ער אַ רעכט צו מאָנען אַ גלייכן חלק פאַר זיך אַליין און פאַר די אַלע, וואָס ווילן אַריינקומען אין לאַנד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע סטודענטישע יאָרן, ווען ער האָט מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה און מיט זיין גאַנצער ענערגיע און קענטעניש געהאָלפן יעדן קראַנקן. ער האָט זיך באַמיט, אַז דער פשוטער אַרגענטינער מענטש זאָל אין אים געפינען אַ ברודער. און ער האָט זיי ליב געהאַט, די קריאָזשעס. זיי האָבן אים טאָקע גערופן „אונדזער רידערל". די דאָזיקע דעראינערונגען האָבן אים אָנגע־פילט מיט פרייד און ער האָט מער ניט געצווייפלט אין זיין אָנגעהעריקייט צו דער אַרגענטינער נאַציע און צו דער וויסנשאַפט.

ער האָט מער נישט געשריבן קיין בריוו צו די אַרגענטינער פּערזענ־לעכקייטן און מער נישט געבעטן קיין הילף ביי די דאָזיקע, צו וועמען ער האָט זיך פריער געהאַט געווענדט, נאָר ער איז געלאָפן צו זיינע אינטימע נישט־יידישע פריינט און חברים, אַלע געבוירענע אין אַרגענטינע און מענטשן פון דער וויסנשאַפט און פון דער קונסט. ער האָט זיי אויסדער־ציילט, וואָס אַזוינס ס'קומט פאָר אין איראָפּע, געשילדערט מיט אַלע פּרטים די אומגליקן און שחיטות, וואָס ווערן אָפּגעטון צו זיינע שטאַם־ברידער, גערעדט ווי אַ דאָקטער און ווי אַ פּסיכאָלאָג, אויסדערציילט, ווי אַזוי קליינע קינדער ווערן געוואָרפן לעבעדיקערהייט אין די גאַז־אויוונס, דערציילט וועגן די גאַז־קאַמערן, ווו יידן און אַנדערע ערלעכע מענטשן ווערן דער־שטיקט. ער האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים העלפן פועלן ביי דער מאַכט, אַז דאָס הייפעלע יידן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון נאַצישן פייער, זאָל קאָנען בלייבן אין לאַנד.

נאַטאַליאָ איז געווען צודרינגלעך אין זיינע פאָדערונגען. ער האָט דורכויס געוואָלט, אַז די מאַכט זאָל אויך דערלויבן די היגע יידן אַהערצו־ברענגען פון איראָפּע אייניקע הונדערטער יידישע יתומים.

זיינע פריינט האָבן אים אויסגעהערט. ביי אייניקע האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. אַנדערע זענען געוואָרן בלייך און דערשראָקן. זיין רעדן און שילדערן דעם גרויסן חורבן האָט געווירקט און זיי האָבן אים צוגע־זאָגט צו העלפן. פון זייערע צוזאָגעכצן איז אָבער גאָרנישט אַרויסגעקומען. דאַן האָט ער אָנגעוואָרן צו זיי סיי דעם צוטרוי און סיי דעם אָפּשיי. אין אים האָט זיך אָנגעצונדן דער דורותדיקער געפּיל פון עקשנות בייצוקומען דאָס שלעכטס און צו זוכן גערעכטיקייט.

נאַטאַליאָ האָט מער נישט גערוט. ער איז געלאָפן פון איין מלוכה־אַנ־שטאַלט צו אַ צווייטן, פאַרנאַכלעסיקט אַזוי אַרום זיינע פּאַציענטן. ער האָט

געטענהט צו די העכערע באַאַמטע, געמאָנט גערעכטיקייט, פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון די גרויסע גייסטער, פון יענע אַרגענטינער וועלכע האָבן געשאַפן די קאָנסטיטוציע, וועלכע זיי האָבן גע־חתמעט מיטן בלוט פון די גרויסע פּאַטריציער, געשאַפן זי פאַר אַלע אַר־גענטינער און פאַר אַלע אויסלענדער, וואָס ווילן אַריינקומען אין לאַנד און פאַרנעמען זיך מיט אַגריקולטור, מיט קונסט, מיט וויסנשאַפט, מיט אינ־דוסטריע אָדער קאָמערץ.

זיי האָבן אים אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, געפירט פאַר זיך מיט די הענט און צוגעזאָגט:

„מען וועט זען; מען וועט זען..."

נאַטאַליאַ האָט דערוויל באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויפצוגיין אויף דער שיף צו די פּאַסאַזשירן. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. מאַמעס האָבן אים געוויזן זייערע דערשראָקענע שוואַכע קינדערלעך און האָבן געוויינט, געבעטן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיי, אויב נישט אויף די דערוואַק־סענע, איז כאָטש אויף דעם קליינוואַרג. פון זיי איז ער געוווּיר געוואָרן וועגן אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס די דייטשן, די פּאָליאַקן און אַנדערע מער־דער טוען מיט די אומשולדיקע יידן.

נאַטאַליאַ האָט זיי געטרייסט. זייער עלנט און די געבראָכנקייט האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו זיין פאָלק. ער האָט זיי געוואָלט העלפן. דאָס געפיל פון גערעכטיקייט האָט זיך צעפלאַקערט אין אים, צעפלאַקערט מיט אַזאַ כוח און מיט אַזאַ קרבנות־גרייטקייט ווי די געפילן פון זיינע אוראַלטע ברידער, די מכבייער.

ער האָט זיך ווידער געווענדט צו זיינע פריינט און יוגנט־חברים, פון וועלכע אייניקע האָבן אים געהאָלפן, — געלאָפן מיט אים צו גרויסע רע־גירונגסלייט, געקלאַפּט אין אַלע פאַרמאַכטע טירן און אין די קאַלטע גלייכ־גילטיקע הערצער. און ווען נאָך אַלע צוזאָגעכצן האָט מען די שיף מיט די קרבנות געשיקט צוריק אין נאַצישן פייער, איז נאַטאַליאַ ווי צוזאַמענגע־בראָכן. אַ לענגערע צייט איז ער געווען ווי פאַריתומט, גלייך ווי מען וואָלט אָפּגעשיקט אין די גאַז־קאַמערן זיינע לייבלעכע ברידער און שוועסטער און אויך אָפּגעשיקט אַהין זיין גלויבן און זיין שטאָלץ אַלס מענטש און פרייער אַרגענטינער.

די שרעק, וואָס האָט געפלאַמט אין די אויגן פון די צוריקגעשיקטע יידן, האָט זיך שווער אָנגעלייגט אויף זיין געמיט. זיין רחמנות צו די קליינע קינדער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך מאָל האָט ער געטראַכט אַוועקצופאָרן קיין אייראָפּע און אָנשליסן זיך אין די רייען פון די, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס. ער איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן; אַ סך

מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן זאַל און געטראַכט און געוואָלט פֿאַר־שטיין, וואָס אַזוינס איז פֿאָרגעקומען אין דער פּסיכיק פֿון דער מענטש־הייט. ווי אַ דאָקטער און אַ געלערנטער פּסיכאָלאָג איז ער געקומען צום שלוס, אַז אַ סך פֿון די יעניקע, וואָס הערשן איבער דער וועלט, זענען פֿולשטענדיק דעגענערירט און געפֿאַלן און אויב ס'וועט זיך נישט געפֿינען אַ טייל מענטשן, וועלכע האָט נאָך נישט פֿאַרלוירן דעם קלאָרן פֿאַרשטאַנד, דאַן איז די וועלט פֿאַרלוירן!

ער האָט ביטער געזיפֿצט און גערעדט צו זיך אַליין:

די בלאָנדע שלענג ווילן באַהערשן די וועלט און זיי האָבן שוין צע־טראָטן דעם ווילן פֿון מיליאָנען מענטשן, בעת אַנדערע מיליאָנען מענטשן קוויקן זיך מיט היטלערס סם און זענען שיכור פֿון גליק, ווייל זיי קענען קוילען און רױבעווען. און דער דאָזיקער ברוינער סם האָט זיך אויך אַרײַנ־געגנבעט אין די הערצער פֿון אייניקע אַרגענטינער דעה־זאָגער און אויב מען וועט נישט אָפּהאַקן דעם מאָנסטער־קאָפּ פֿון דער ברוינער שלאַנג, דאַן קען אַ גרויסער טייל פֿון אַרגענטינער פֿאָלק מיטגעריסן ווערן און צו־העלפֿן אין דער שחיטה איבער אומשולדיקע מענטשן.

אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אָנגעפֿילט מיט שרעק און מיט בושה. ער איז נישט געווען ביז אויפֿן פּשוטן מענטשן, וועלכער קען ווערן אַ מיטגייער מיט די נאַציס און זיי העלפֿן פֿאַרשווערכן דעם נאָמען פֿון די אַרגענטינער פּאַטריציער. פֿאַרדראָסן האָט אים אויף דעם אינטעליגענט, איבערהויפּט אויף זיינע פֿאַך־קאָלעגן, וועלכע דערלאָזן, אַז די נאַציס זאָלן געוועלטיקן און זיך גרייטן צו ווערן די איינציקע הערשער אין לאַנד.

ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז טויזנטער דייט־טשן, נאַציס, זאָלן זיך דאָ פֿילן פֿריי און זיכער. אים האָט וויי־געטון אָן אַ גרענעץ, וואָס זיינע פֿאַך־קאָלעגן, דאָקטוירים פֿון דייטשן שפּיטאָל, האָבן אָפֿן אַרויסגעזאָגט זייער איינשטימיקייט מיט די נאַציס. ווען ער האָט געזען הענגען היטלערס אַ בילד אין סאַמע מיטן פֿון אויפֿנעם־זאַל אין דייטשן שפּיטאָל, האָט ער זיך אין גאַנצן דערוווּסט פֿון זיי, און די שרעק, אַז אַ סך אַרגענטינער וועלן ווערן היטלערס נאָכפֿאָלגערס, — אָט די שרעק און די בושה האָבן אים געפּייניקט און דערנידעריקט.

ווען ער האָט געטראַכט פֿון זיינע ברידער, יידן, וועמען די דייטשן האַלטן פֿאַר אַ נידעריקער ראַסע און ווילן זיי ביז איינעם פֿאַרטיליקן, דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן אומצוקערן צו זיינע קינדער־יאָרן און צום לעבן פֿון די יידן און קריסטן, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך מיטן געדאַנק און מיט אַלע חושים אַריבערגעטראָגן אין די קאָלאָניעס אויף דער געבענטשטער ערד פֿון דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס און האָט ווי־

דער איבערגעלעבט די פריידט פון אַ קינד, וואָס ווייסט נישט פון פיינטשאַפט צו קיינעם און איז אויך פון קיינעם נישט פאַראַכטעט געוואָרן.

דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דער געדאַנק פון פריי־הייט און גערעכטיקייט וועט צעברעכן די שוואַרצע כוחות, וואָס ווילן אײַ־בערגעבן דאָס לאַנד אין די הענט פון די נאַצישע גזלנים.

אין זיין האַרץ און מוח האָבן אויפגעלעבט בילדער פון זיין קינד־הייט, בילדער, וואָס האָבן אים אָנגעפילט מיט פרייד און טיילווייז באַרויִקט זיין געמיט און געשטאַרקט זיין גלויבן אין מענטש.

אין אַן אויפדערנאַכט איז נאַטאַליאָ געזעסן ביי זיין שרייבטיש אין אויפנעם־זאַל און צום טויזנטסטן מאָל איבערגעקרענקט די ביזערע אָנ־טוישונג פון דעם, וואָס מען האָט צוריקגעטריבן קיין אייראָפּע די שיף מיט די יִדישע קרבנות. ער איז געווען בלייך און אויסגעמאַטערט. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז די קרבנות האָבן אויך זיין נשמה מיטגענומען און זי וועט פאַרשרפעט ווערן אין די גאַז־קאַמערן אינאיינעם מיט זיי.

אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, האָט נאַטאַליאָ זיך דערמאָנט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן דאָרטן אין דער קאָלאָניע, ביי טאַטע־מאַמע. געזען האָט ער די אומענדלעך ברייטע פעלדער מיט צעוויגטע גאָלדענע זאַנגען פון ווייץ און קאָרן, און אויסגעהאָרעוועטע באַבערדלטע יִדן מיט זייערע ווייבער שניידן די ברכה, וואָס די פעטע אַרגענטינער ערד האָט זיי געגעבן.

און די „גאַוטשן“, ווי זיי בינדן סנאָפּעס און מאַכן גרויסע סטויגן, און ווי יִדן און טונקלהויטיקע אַרגענטינער זיצן אַרום אַ גרויס פייער אויף וועלכן עס בראָט זיך אַ גאַנץ קעלבל. די רויטע, גאָלדיקע פונקען הייבן זיך אויף און ווערן פאַרלוירן אין דער אַרומיקער גרינקייט. און דער הימל זעט אויס ווי אַ בלויער זיידענער טוך מיט רויטע פייערדיקע פאַסן. די פאַסן קושן דעם גרינעם האָריזאָנט און וואַרפן אַ שיין פון ליכט אויף די מענטשן אַרום פייער.

און אַביסל ווייטער אין פעלד שטייען קליינע נידעריקע שטיבלעך; אין די אָפענע פענצטער פלאַטערן ווייסע, דינע פאָרהענגלעך און פון די שטיבלעך הערט זיך אַזאַ זיס געזאַנג. דאָרטן האָבן יונגע יִדישע מיידלעך און אויך מאַמעס אויסגעזונגען זייער בענקשאַפט.

נאַטאַליאָ האָט אויך געדענקט די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן, ווען גרופּעס קאָלאָניסטן זענען זיך צונויפגעקומען אין זיין מאַמעס אומענדלעך גרויסער קיך מיטן גרויסן באַק־אויוון. די מאַמע האָט דאַן געמאַכט לאַט־קעס און דער טאַטע איז געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק און האָט געלייענט פאַר זיינע געסט בלעטלעך פון דער אַרגענטינער געשיכטע. נאַטאַליאָ דער־

מאַנט זיך, ווי ער האָט געזען טרערן אין זייערע אויגן און אַ גרויסע פרייד. שפּעטער, ווען נאַטאַליאַ איז געוואָרן עלטער, האָט ער אָנגעהויבן לערנען די אָרעמע קריזשעס און זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דער גרויסקייט פון די אַרגענטינער פּאַטריציער. זיין מאַמע, די פרומע און גוטע מרים, איז אין דער קאָלאָניע געווען אַ גבאיטע — פּונקט ווי זי איז דאָס געווען אין קליי־נעם שטעטל פון בעסאַראַביע, איידער זי איז געקומען קיין אַרגענטינע.

אין אַרגענטינע, אויף די רחבותדיקע פעלדער פון ענטרע־ריאָס, ווו זי אַליין האָט געהאַרעוועט: געמאָלקן די בהמות און געמאַכט קעז און סמע־טענע, איז זי געוואָרן נאָך פרומער. זי האָט טיף אין האַרצן געגלויבט, אַז גאָט האָט זי מיט איר מאַן און קינדער אַהער געבראַכט, כדי זיי זאָלן העלפן די אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע קרעאָלן. מרים איז געווען אַ דאָרפס־פרוי און איר איז אָנגעקומען גרינג זיך איינצולעבן מיט אירע נייע שכנים, וועל־כע האָבן פון אָנפאַנג געקוקט שלעכט אויף די גרינגע. זיי האָבן אַפילו געהרגעט אייניקע יונגע ייִדן און אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן. אָבער זיין מאַמען איז נישט געווען פרעמד די נשמה פונעם אָפּגעשטאַנענעם דאָרפס־מענטש. האָט זי אויף שטום־לשון אָנגע־באָטן אירע גרויסע אויסגעהאָרעוועטע הענט אָפּצונעמען די קינדער ביי די געווינערנס אויפן בראַכשטול און זי פלעגט אויך גיין העלפן די קראַנקע, אויפראַמען זייערע כאַטקעס און אַפילו שענקען זיי אַ ווייס ליילעך. זי האָט אויך געהאָלפן ביים אויספוצן די מתים און געזאַמלט געלט ביי ייִדן אויף צו קויפן אַ קאַסטן און תכריכים פאַר די טויטע, וועלכע זענען געשטאָרבן אָרעם.

זיין מאַמע האָט אויך געגעבן עצות די יונגע קריזשע־ווייבלעך און מיידלעך, געלערנט זיי ווי אַזוי אָפּצוהיטן זייער ווייבערישן שטאָלץ און ניט דערלאָזן, אַז דער מאַן זאָל פון זיי מאַכן אַ גאָרנישט...

מיט דער צייט האָבן די קריזשעס ליב באַקומען זיין מאַמען. זיי האָבן זי גערופן „סאַנטאַ מאַריאַ".

אַזוי טראַכטנדיק פון זיין קינדהייט, האָט אים אָנגענומען אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך זיין היים, נאָך יענע פּשוטע מענטשן, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן. ס'האָט אים ווי־געטון, פאַרוואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון זיינע צוויי עלטסטע ברידער, וואָס זענען געבליבן אין דער קאָ־לאָניע, און זענען ביז היינט קאָלאָניסטן און פון זיינע צוויי שוועסטער, וועלכע פירן אַ שטיל לעבן דאָרטן אויף די פעלדער פון ענטרע־ריאָס. אָבער צום מערסטן האָט ער אין יענע מינוטן געטראַכט וועגן זיינע פרומע טאַטע־מאַמע און וועגן זייער מערקווירדיקער ליבשאַפט צו דער נייער היים. זיי האָבן אין אים איינגעפלאַנצט אַ גרויסע ליבשאַפט צו זיין פאַ־

טערלאַנד; זיי האָבן אים תמיד דערציילט וועגן די צרות וואָס ייִדן אין אייראָפּע האָבן געליטן — געליטן פון היימישן נאָענטן און פון די ווייטע פּריצים, וואָס זענען געווען די באַלעבאַטים איבער די דערפער און די לעבנס פון די אומבאַשיצטע ייִדן.

ער איז געווען גליקלעך און שטאָלץ, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט די נייע היים און האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַרגענטינער פּאַטריציער האָבן געבראַכט ליכט און פרייהייט נישט נאָר פאַר אַלע אַמעריקאַנער לענדער, נאָר אַז די פרייהייט האָט אויך דערגרייכט קיין אייראָפּע און האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייע האָפענונג אין די הערצער פון טויזנטער ייִדן אין די קליינע שטעטלעך און דערפער אין דער אַלטער היים.

ער האָט אויפגעהויבן זיין פּנים און זיך אַרומגעקוקט. אין זאַל איז געווען שטיל, טונקל און האַלב סודותדיק. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין האַרץ איז געוואָרן ווי אויסגעליידיקט פון יעדער פרייד און אַז דאָרטן, אין די גאַז־קאַמערן, ווו די דייטשע גזלנים ברענגען אום זיין פאָלק און אַנדערע מיליאָנען אומשולדיקע ערלעכע מענטשן, אַז דאָרטן ווערט אויך אומגעבראַכט דער גייסט פון די גרויסע אַרגענטינער פּאַטריציער.

די דאָזיקע געפילן האָט ער נישט געקענט אַנטפּלעקן פאַר זיין פרוי. ער האָט זי נישט געוואָלט ערגערן; אגב האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי איז לעצטנס געוואָרן קריגעריש געשטימט און וויל נישט ליידן, וואָס ער לויפט אַרום צופיל און זאָרגט זיך אַזויפיל פאַר זיינע לאַנדסלייט. עס האָט אים אויך געפעלט די שפּראַך אויסצודריקן פאַר איר זיין ווייטיק.

נאַטאַליאַ האָט געזען, אַז זיין פרוי איז נאָך אַלץ געווען צופיל פאַרטון אין איר פּערזענלעכן גליק. זי האָט געפירט אַ זאָרגלאָז פאַרשייט לעבן, אַ לעבן, וואָס האָט זי איינגאַנצן פאַרשלונגען און פאַרבלענדט. זי האָט פּינקטלעך אָפּגעהיט די געבורט־יום־טובים פון די קינדער, אויך זיינע און אירע געבורטסטעג. דער יאָרטאָג פון זייער חתונה איז יעדעס יאָר געפייערט געוואָרן אויפן רייכסטן און שענסטן אופן, גלייך ס׳וואָלט נישט געווען פּאַסירט קיין שום אומגליק און קאַטאַסטראָפע אויף דער וועלט, וואָס האָט אָנגעפילט מיט טרויער איר מאַנס נשמה. זי האָט נישט געפילט, אַז ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען און אַז לעצטנס האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן פרעמד אויף זיינע אייגענע שמחות; ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט פון זיינע געסט, איז ער געווען טרויעריק און פאַרטון אין די ליידן פון זיינע ברידער. עס האָט אין אים געזאָטן און געמאָנט גערעכטיקייט פאַר אַלע אומשולדיקע, וואָס ווערן געפירט צום טויט, אין דער צייט, ווען ביי אים אין שטוב טאַנצט מען און מען לעבט אַ גוטן טאָג.

אויך זיינע געסט האָבן נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס ס׳איז פאָרגעקומען

אין אים. זיי זענען געווען גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס איז פֿאַרגעקומען אין אייראָפּע. און צווישן די גלייכגילטיקע האָבן זיך אויך געפֿונען זיין ווייב מיט איר גאַנצער פֿאַמיליע און קרובים. די געסט זענען געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן מיט גרויסע נעמען: דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, ריכטער און דער־ציער, לערער און פּראָפֿעסאָרן און פֿון אַלע אַנדערע פּראָפֿעסיאָנעלע צווייגן און צווישן זיי אַ סך פֿון זיינע פֿריערדיקע קאָלעגן פֿון אוניווערזי־טעט. נאָכן איבערכאַפּן די מאָס ביים טרינקען, האָט זיך ביי זיי צעבונדן די צונג און ריידנדיק וועגן וועלט־פּאָליטיק, פֿלעגן זיי אויך אַרויפֿקומען אויף דער טעמע וועגן ייִדן. אַן עלטערער פּראָפֿעסאָר, וועלכער האָט געגאָלטן ווי אַ פֿילאָזאָף, האָט צוגעשאָקלט מיטן ליסעווען קאָפּ און אויסגעפֿירט אַז אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי אָנגיין, וועט אין אייראָפּע נישט איבערבלייבן קיין איין ייִד, ווייל די דייטשן שעכטן זיי אַלע אויס...

— יאָ, ווי עס זעט אויס, — האָט אַ מוזיק־פּראָפֿעסאָר אַ געגעץ־געטון און געזשמורעט מיט זיינע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן — ווי עס זעט אויס, האָבן די דייטשן פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון אומעטום. אָבער וואָס קען מען טון צו דעם? — האָט ער צוגעגעבן אין אַ האַלב־שיכורלעכן צושטאַנד און אָנ־געשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן אַנלען פֿון פֿאָטעל, אין וועלכן ער איז געזעסן. — ייִדן האָבן פֿאַרנומען צופֿיל אָנגעזעענע פּאָזיציעס. זיי האָבן אַ שלעכטע געוווינהייט, די ייִדן; נאָר זיי לערנען און נאָר זיי ווילן פֿאַרנעמען דעם אויבן־אָן.

— פֿונדעסטוועגן האָב איך געהערט, אַז אין איטאַליע באַהאַלטן זיי זיך אויס... — האָט אַ דריטער אַ זאָג־געטון און אַריינגעגאָסן אין זיך נאָך אַ גלעזל וויסקי — און איך בין זיכער, אַז דער דוטשע וועט זיין געצוווּנגען נאָכצוטון היטלערן...

— מען זאָגט גאָר, אַז ייִדן ווערן פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט אויף די שייטער־הויפֿנס און דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן.

— טוט אַ טובה און רעדט נישט פֿון אַזעלכע טרויעריקע זאַכן! — האָט זיך נאַטאַליאַס פֿרוי אַריינגעמישט און האָט איר מאַן צוגעוואָרפֿן אַ פֿאַרליבטן שמייכל. — גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר לעבן אין אַ פֿריי לאַנד און מיר דאַרפֿן נישט פֿאַרסמען אונדזער פֿרייד.

— אונדזער רעגירונג האָט געשלאָסן די טויערן פֿון לאַנד. זי וויל מער נישט וויסן פֿון קיין שום ייִדישע אימיגראַנטן.

— איבעריקנס — האָט דער מוזיקער צעפֿירט מיט זיינע ווייסע איי־דעלע הענט — האָבן מיר דאָ גענוג פֿון זיי און חוץ דעם דאַרפֿן מיר נישט איינרייסן מיט קיינעם נישט... מיר זענען אַרגענטינער!

— תלינים זייט איר! — האָט נאַטאַליאָ אָפּגעזיפֿצט שטיל פֿאַר זיך

בעת ער איז אין זיין שוואַרצן גאַלאַ־אָנצוג געזעסן אין אַ ווינקל אויפן די־וואַן און האָט אויסגעזען ווי אַ פרעמדער, וואָס הערט זיך צו צו די דאָזיקע שמועסן.

ער האָט דאַן גערויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן און אים איז געווען שווער אָנטיילצונעמען אין שמועס און פאַרברענגען מיט זיינע געסט. זיינע קאָלעגן האָבן אים איינגאַנצן נישט געזען. זייערע ווערטער האָבן אים אויפגעשווידעו׳ט און באַליידיקט, כאָטש ער האָט פון זיי נישט אַרויסגעהערט קיין שנאה צום יידישן פאָלק. ער האָט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט געזען אַ שטיק פון דער ניט־יידישער וועלט, וואָס ווייסט נישט, אַז די גרויזאַמע פאַרברעכנס ווערן באַגאַנגען דווקא פון זייערע גלויבנס־ברידער — און אָט די נאַיווע גלייכגילטיקייט האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו די געראָודפטע. ער פלעגט דאַן מאָדנע קוקן אויף זיין ווייב און האָט נישט באַנומען איר גליק און איר רויקייט. אַן אויסגעפּוצטע אין די טייערסטע עלעגאַנטע קליידער און קאָסטבאַרע צירונג האָט זי שטאָלצירט צווישן אירע געהויבענע געסט אַרום די רייך־סערווירטע טישן.

ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו פאַרשטערן איר גליק. ער אַליין האָט זיך גאָר געפילט שולדיק קעגן איר. ביי אים איז גאָר אויסגעקומען, אַז ער האָט זיין פרוי נישט צוגעגרייט צום געדאַנק, אַז זי האָט עפּעס געמיינזאַמס מיט זיין יידישן שטאַם... דערפאַר האָט ער געמיינט, אַז זי איז גאָר אַן אומשולדיקער קרבן און ער אַליין דאַרף זי שוינען און אָפּהיטן פון אַלע צרות און ערגערנישן, כדי זי זאָל ווייטער לעבן רויק און זאָרגלאָז ווי אירע קריסטלעכע חברטעס, די ווייבער פון אירע געהויבענע געסט.

ס׳האָט אים אויך פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט זיך אַ סך פריער נישט געוויזן פאַר זיינע פריינט אַלס שטאָלצער ייד, פונקט ווי אַ שטאָלצער אַרגענטינער, און פאַרוואָס ער האָט זיי נישט אויפגעקלערט, וואָס אַזוינס עס הייסט יידנטום.

אין אים האָט זיך צעפלאַמט אַ מאָדנע עקשנות אַרויסצוווייזן פאַר זיינע פריינט, אַז ער האָט נישט קיין מורא אַרויסצוווייזן זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן שטאַם. האָט ער באַצירט די ווענט פון זיין גאַסט־צימער מיט די טייערסטע בילדער פון יידישע פערזענלעכקייטן — פון רמב״ם און טעאָדאָר הערצל ביז אַלבערט איינשטיין און משה מענדעלסאָן. די בילדער האָבן אַרויסגעקוקט פון ברייטע געשניצטע ראַמען און האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שטאָלץ און זעלבסטאַכטונג. אויף די היימישע מסיבות פלעגט ער תמיד אַרויספירן די שמועסן אויף דער גרויסקייט און געניאַליטעט פון די דערמאָנטע פערזענלעכקייטן.

שפּעטער איז ביי אים מיטאמאָל געבוירן געוואָרן אַ נייע זאָרג, — די זאָרג פאַר די קינדער. ער האָט אָנגעהויבן זיי נענטער צו באַטראַכטן און זיך צוקוקן צו זייער אויפפירונג, כדי צו קענען זייער כאַראַקטער. מיריאַם, די עלטסטע ניינייעריקע טאָכטער, איז געווען אַ פרומע קריסטן און גלייכ־צייטיק אַ שונא ישראל. זי האָט זיך רק געהאַלטן אין איין איבערצלמען און נישט געגאַנגען אין בעט אָן דער ליימענער געטשקע. איינמאָל האָט ער איר געפּרוווט איבעררייסן די באַנאַכטיקע תפילה און צונעמען ביי איר די געטשקע — האָט זיך אָפּגעטון חושך. ער האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן און האָט די געטשקע אַרויסגעוואָרפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי מיט דער פרוי. ער האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי האָט נישט געהאַלטן וואָרט צו דערציען די קינדער אין אַ פרייען גייסט. די קליינע האָט נישט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס צאָרן און זי האָט פאַר אים מורא באַקומען. זי פלעגט אָפט לויפן אין דערבייאיקן קלויסטערל, אַנידערקניען פאַרן בילד פון יעזוס קריסטוסן און אים בעטן, אַז דער פאַפּי זאָל ווידער גוט ווערן און זאָל איר מיט דער מאַמען ווידער ליב באַקומען.

נאַטאַליאַ האָט געפילט, אַז די קליינע האָט אים פיינט באַקומען. ער האָט געוווּסט פון אירע באַזוכן אין קלויסטער און אַז זי איז דערצויגן גע־וואָרן אונטער דער השגחה פון זיין שוויגער, אַ פאַנאַטיש־פרומע קאַטאָ־ליטשקע. מיריאַם אָבער האָט געהייסן נאָך זיין פרומער מאַמען און דערפאַר האָט ער זיך געפילט געקרענקט און באַליידיקט אין זיינע געפילן. ס'איז ביי אים אויסגעקומען ווי אַן איראָניע — ווי דער גורל זיינער וואָלט אים אַרויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג... — „האָסט דיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון דיין שטאַם, און אַצינד וועט דיך דיין אייגן קינד פאַרשעלטן און דיך פּיי־ניקן מיט איר שנאה צו דיר און צו דיין פאָלק!״

אָבער די שרעק פאַר דעם האָט אים ווייניקער באַאומרויִקט ווי די צו־קונפט פון די קינדער. ער איז געווען זיכער, אַז ווען די קינדער וועלן אונטערוואַקסן און וועלן אָנהייבן פאַרשטיין, אַז זיי שטאַמען פון עלטערן פון צוויי באַזונדערע רעליגיעס, וועלן זיי נישט קענען אויסקומען צווישן זיך.

די מיטלסטע טאָכטער, די זעקס־יעריקע טערעסאַ, האָט געהייסן נאָך איר לעבעדיקער באָבען און נאָך דער „סאַנטאַ טערעסיטאַ״. זי איז געווען אַ זאָרגלאָזע און פריילעכע ווי זיין ווייב. די יינגסטע, טאָסקאַ, האָט געהאַט גרויסע שיטערע ציין, אַ ברייט מויל און אַ גראָבע קאַרטאָפל־נאָז און איז שטאַרק ענלעך געווען צו איר איטאַליענישער באָבען. און גראָד די קלענ־סטע האָט אַרויסגעוויזן סמנים פון בענקשאַפט נאָך ייִדישקייט. ס'האָט זי געצויגן צו ייִדן מער ווי די אַנדערע צוויי קינדער. תמיד, ווען ער פלעגט

שפּילן אַ ייִדישן ניגון, האָט זי איבערגעלאָזט אַלע שפּילעכצער און איז צו אים אַריינגעקומען און געבליבן ביז ער האָט אויפגעהערט צו שפּילן.

איינמאָל אין אַן אויפדערנאַכט איז ער געווען אין זיין אויפנעם־זאַל און געוואַרט אויף זיינעם אַ פּאַציענט, אַן עלטערער ייִד, וואָס איז געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די גאַז־קאַמערן. ר׳ נחמן האָט מען אים גערופן און אויך „דער שמייכלער״.

נאַטאַליאַ האָט דעם אַלטן געהיילט אומזיסט און אויך געשענקט די רפואות. ער האָט דעם אַלטן ליב געהאַט מיט אַ געפיל פון רחמנות און אים אויך באַוואונדערט. אין דעם אַלטנס לויטערע אויגן האָט ער געזען די מאַנונג און די שטומע ליידן פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

אַ סך מאָל איז ער מיט אים געבליבן שעהנלאַנג אינעם אָפּגעשלאָסע־נעם אויפנעם־זאַל און דער אַלטער האָט דערציילט און דערציילט, אויס־געגאָסן פון זיין האַרץ אָן אַ שיער ליידן און איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אים געהייליקט; דערציילט וועגן אַלע אומגליקן, וואָס ער האָט צוגעזען, און ווי אַזוי ער אַליין מיט אַן איניקל, אַ קינד פון דרייצן יאָר, האָבן זיך עט־לעכע מאָל אַרויסגעראַטעוועט פון די הערמעטיש־פאַרשלאָסענע באַנען, אין וועלכע מען האָט זיי געפירט צו די לאַגערן כדי זיי דאָרטן צו פאַרברענען.

ווען דער אַלטער האָט גערעדט, האָט ער מאָדנע געשמייכלט. נאַטאַ־ליאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמייכלען נעמט זיך פון אַזאַ מין חוזק אי־בער די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין די ערגסטע מערדער. אויך ער, נאַטאַליאַ, האָט נישט באַנומען, ווי אַזוי געלערנטע און וויסנ־שאַפטסלייט פון דער „העכערער״ ראַסע זענען מיטגעגאַנגען מיט היטלערן און אים מיטגעהאָלפן אין זיינע מערדערייען.

— וואָס איז אייך? — האָט אים נאַטאַליאַ דאָס לעצט מאָל נישט גע־לאָזן ריידן אַזויפיל — איר מאַכט זיך נאַריש, ר׳ נחמן.

דער ייִד האָט אַ מאָדנעם שמייכל־געטון און צוגעלייגט צוויי פינ־גער צום האַרץ־גריבל:

— אָט דאָ, דאָקטער נאַטאַליאַ, ליגט ער, דער ימח־שמוניק, דער שונא מיינער.

אין דעם איז אַריינגעקומען די קליינע טאָסקאַ און מיט אַ פינגערל אין מויל געקוקט אויפן אַלטן און באַלד אָנגעשטעלט דאָס צעשמייכלטע פּנים אויפן טאַטן. נאַטאַליאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין ווייב האָט בכיוון אַריינגעשיקט די קליינע כדי זי זאָל אים דערמאָנען, אַז דער ייִד מעג שוין גיין.

— די קליינע איז דאָך אייער טעכטערל! — האָט דער ייִד וואַרעם גע־שמייכלט און דאָס שוואַרץ גרוי׳ע בערל זיינס איז אין יענער מינוט ווי ליכ־טיקער געוואָרן, גלייך ווי דער שמייכל וואָלט עס באַשיינט און באַקרוינט.

נאַטאַליאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער האָט פאַרטראַכטער־הייט אויפגעמאַכט אַ שופלאָד פון זיין שרייבטיש, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ לאַנג פלעשעלע מיט קליינע פילעכלעך און זיי דערלאַנגט דעם אַלטן:

— אַט־אָ־די מעדיצין — האָט ער געזאָגט — זאָלט איר נעמען צוויי מאָל אַ טאָג און פאַרן עסן.

האָט דער ייִד ווידער געשמייכלט און אַ צונטער־רויטקייט האָט זיך צעכוואַליעט צווישן די קנייטשן פון זיין שטערן.

נאַטאַליאַן איז נישט גרינג אָנגעקומען, אַז דער ייִד זאָל צו אים קו־מען און נאָך נעמען די געשענקטע מעדיקאַמענטן. דער אַלטער איז געווען שטאָלץ און האָט קיינעם נישט געוואָלט פאַלן צו לאַסט. ער האָט געאַר־בעט און קוים פאַרדינט צום לעבן. פון די מענטשן אין דער נייער וועלט איז דער ייִד נישט געווען באַגייסטערט. ווען נאַטאַליאַ האָט אים אַמאָל דערציילט פון זיין טאַטע־מאַמע, די געוועזענע קאָלאָניסטן פון ענטרע־ריאָס, האָט זיך דער אַלטער צוגעבונדן צו אים ווי צו אַן אייגענעם ברו־דער. אין אים האָט ער אויסגעפונען אַ שטיק פון די אַמאָליקע ייִדן.

די קליינע איז צוגעגאַנגען צום טאַטן, אַרומגעוויקלט די הענטלעך אַרום זיין פוס און אויפגעהויבן דאָס פּנים.

— פּאַפּי, וועמענס איז דער זיידע?

נאַטאַליאַ האָט זי צוגעפירט צום אַלטן:

— טאָסקיטאַ, — האָט ער גערעדט אין שפּאַניש, — גיב דעם זיידן אַ הענטעלע און זאָג אים אַ גוטע נאַכט.

זי האָט געשמייכלט און האָט פאַרוואָרפןביידע הענטלעך אַרום זיין האַלדז.

— זיידע, שיינער זיידע, — האָט עס פון איר אַרויסגעזיפּצט און דערצו גאָר אין ייִדיש.

נאַטאַליאַ איז געוואָרן איבערראַשט; ער האָט נישט געוווּסט, פון וועמען זיין קינד האָט זיך אויסגעלערנט די עטלעכע ייִדישע ווערטער. ביי אים אין שטוב האָט מען קיינמאָל קיין ייִדיש וואָרט נישט געהערט. דער ייִד האָט זיך אויפגעהויבן פון דיוואַן און דריקנדיק צו זיך די קליינע האָט ער זיך געווענדט צו נאַטאַליאַן:

— אייערע קינדערלעך לערנען זיך ייִדיש? אַבי מען זאָגט, אַז די היזיקע וואַקסן אויס גויים.

נאַטאַליאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין שוועסטער, וואָס איז אַמאָל געוועזן ביי אים צו גאַסט, האָט געלערנט זיינע קינדער יידיש. האָט ער זיך צעשמייכלט און אַ זאָג־געטון:

— אַוודאי לערנען זיי! וואָס דען האָט איר געמיינט?

און באַלד האָט ער זיך געווענדט צו זיין טעכטערל טאַקע אין יידיש:

— זאָג מיר דעם אמת, טאַסקעלע, האָסט ליב דיין פּאַפּע?

— יאָ! — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד און האָט זיך פּאַוואָלינקע באַפרייט פונעם אַלטנס אָרימס און זיך געטוליעט מיט איר גאַנץ לייב און לעבן צום טאַטן, וועלכער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד פון דער וואַרעמקייט פון אירע בליקן.

— שיינער פּאַפּי, גוטינקער פּאַפּיניו! — האָט זי געמורמלט.

איר ענטפער איז אים שטאַרק געפעלן און ער האָט אויסגערופן מיט שטאָלץ:

— נו, ר׳ נחמן, וואָס זאָגט איר צו די דאָזיקע דיבורים? איז דאָס אַן אַרגענטינער „טשוועקל?" — האָט עס פון אים אַרויסגעקוועלט און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט גרענעצלאָזן שטאָלץ. — זי פאַרשטייט יעדעס יידישע וואָרט.

די קליינע האָט זיך ווידער אָפּגערופן אין אַ צעבראָכענעם יידיש:

— דו מיין פּאַפּי, מיין גוטער, אַז איך וועל ווערן אַ גרויסע, דו, מיין גוטער, מיך פירן אין דער שולע יידיש.

— אוודאי, טאַסקעלע, דו וועסט גיין אין דער יידישער שולע! — האָט ער איר געטריי געגלעט דאָס קעפּעלע. — דו מיט דיינע עלטערע שוועסטערלעך וועלן אינגיכן אָנהייבן לערנען העברעיש אין סעמינאַר.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אומעטיק געשמייכלט, ווי ער אַליין וואָלט געצווייפלט אין די ווערטער זיינע. האָט ער אומגעדולדיק אַ קוק־געטון אויפן גאָלדענעם האַנט־זייגערל און צוגעגעבן:

— טאַסקעלע, גיב אַ קוש דעם זיידן און מיר וועלן אַרויפגיין עסן אָוונטברויט.

די קליינע האָט זיך ווידער צוגעקלעפּט צום אַלטן און האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט אַוועקצוגיין פון אים. נאַטאַליאַ האָט זי באַטראַכט מיט אַ טיפן בליק און אַ מאָדנער ערנסט און אַ זאָרג האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיין געשלאָסן מויל. ער האָט דאַן געטראַכט וועגן זיין עלטסטער טאָכטער, מיריאַם, און ס'האָט אים ווי־געטון, פאַרוואָס יענע איז אַזוי אַנדערש פון זיינע צוויי קלענערע טעכטערלעך.

דער אַלטער איז געווען פאַרטון אין זיין פרייד: דער קליינערס נאָענטקייט האָט אים דערמאָנט אָן זיינע אייניקלעך, וועלכע פּוילישע מערדער,

זיינע שכנים, האָבן איבערגעגעבן צו די דייטשן, און די קינדערלעך זענען אומגעקומען. ער האָט רירנדיק געגלעט טאָסקאַס פּלייצעלע און גערעדט דורך דערשטיקטע טרערן:

— אוי, גאָט זאָל דיך אָפּהיטן, מיין טייער קינד, פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס מיינע קליינע שעפעלעך האָבן נעבעך געליטן! אוי, אוי! אָט־אָ־דאָ ליגט דער שונא מיינער, אָט־אָ־דאָ; — האָט ער זיך אַ קאַרטש־געטון און באַלד זיך ווידער אויסגעגלייכט, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף זיין האַרץ־גריבל — אָט־אָ־דאָ!

די קליינע האָט געפילט, אַז דער אַלטינקער האָט צוליב עפּעס געליטן. האָט זי אים געוואָלט טרייסטן און האָט אַרויסגעזיפצט:

— שיינער זיידעניו, גוטער זיידעניו, דו נישט וויין!

נאַטאַליאַ האָט ווידער געכאַפּט אַ פלינקן בליק אויף זיין האַנט־זייגערל. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין ווייב זאָל ווערן ברוגז און אים קומען רופן. דער אַלטער האָט אים דערלאַנגט זיין אויסגעהאַרעוועטע האַנט, וואָס האָט שוין אַביסל אונטערגעציטערט.

— אַ דאַנק אייך, דאָקטער נאַטאַליאַ, און גאָט זאָל אייך בענטשן און אָפּהיטן פון אומגליקן אינאיינעם מיט אייער משפחה — האָט עס פון אים אַרויסגעזיפצט.

— נאָר נישט געזאָרגט! — האָט אים נאַטאַליאַ צוגעפירט צו דער טיר — מיר וועלן נאָך אַוועקגיין ווייט, זייער ווייט.

אין פאָדערהויז איז זיי אַנטקעגנגעקומען טאַרסיל, דאָס טונקל־הויטיקע דינסט־מיידל, און ביידע עלטערע טעכטערלעך. די קינדער האָבן געטראָגן קליינע פּעקעלעך און קעסטעלעך מיט פידלען און מיט נאָטן. טאַרסיל האָט די קינדער צוריקגעבראַכט פון דער מוזיק־לעקציע. נאַטאַליאַ האָט אויך באַמערקט, אַז מיריאַם האָט געוואָלט אויסמיידן די באַגעגעניש מיט אים און מיטן אַלטן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און די לאַנגע יידישלעכע נאָז מיטן האַרביקל אין סאַמע מיטן איז געוואָרן פאַרשפּיצט און בלייך. ער האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר זיינע בליקן און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין פרומע מאַמע איז פּלוצים אויפגעשטאַנען פון קבר און מיידט אים אויס, דעם געראָטענעם זון, ווען זי האָט פאַרגעטערט, און זי וויל אים נישט ווייטון און דערמאָנען, אַז ער האָט פאַרלאָזט יהודיתן.

ער האָט דערשטיקט אין זיך די אומרו און האָט אויסגערופן:

— מיריאַמל, קום אַהער! קום אויף איין מינוט און באַקאָן זיך מיט אַ זיידן.

זי האָט איינגעקלאַמערט טאַרסילס פינגער אין איר הענטל און האָט אויפגעהויבן צו איר די קויל־שוואַרצע אויגן, פולע מיט געבעט.

טאַרסיל איז געוואָרן רויט און האָט אומרויִק געמורמלט:

— גיי, מאַריאַ, און גיב דעם אַלטיטשקן אַ הענטעלע! גיי! — האָט זי צוגעגעבן מיט ענערגיע און זי האָט אַליין צוגעפירט די קליינע צו ר׳ נחמנען און דערביי געשמייכלט.

— נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן, דו נאַרעלע...

נאַטאַליאָ האָט געזען, וואָס זיין קינד האָט איבערגעלעבט. זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט מורא געהאַט צוצוקומען צום אַלטן. אין נאַטאַליאָן האָט אָנגעהויבן צו קאָכן אַ גוואַלדיקער אומרו און שוואַרצע גיהנומדיקע פונקען האָבן זיך אַ ריס־געטון פון זיינע בליקן.

ער האָט ווידער געפרוווט שמייכלען, כאָטש זיינע ליפּן האָבן לייכט געציטערט. ער האָט זיך געווענדט צו דער קלענערער טאָכטער, זי גערופן מיט אַ באַוועגונג פון האַנט:

— קום, מיין קינד, און באַקען זיך מיט דעם זיידן, קום!

זי איז צוגעגאַנגען צום אַלטן און האָט זיך העפלעך, מעשה דערוואַקסענע, אַ בויג־געטון, אים דערלאַנגט אַ הענטל און זייער שטיל און איידל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גוט־דערצויגן קינד, אויסגערופן:

— מיין נאָמען איז טערעסיטאַ און פּאַפּי רופט מען נאַטאַליאַ.

— אַ געזונט אין דיינע ביינדעלעך! — האָט ער איר אַ קוש־געטון אין שטערן. — דו, מיין קינד, זאָלסט קיינמאָל נישט וויסן פון דעם בראָך, וואָס מיינע קינדער און אייניקלעך האָבן נעבעך געליטן, אוי, אוי!

די טרערן האָבן אים אַ שטיק־געטון אין האַלדז. האָט ער זיך גיך געלאָזט אַראָפּגיין צום אונטערשטן גאָרן, צו דער טיר פון דער גאַס. נאַטאַליאָ האָט אים אַ רוף־געטון:

— איילט אייך נישט אַזוי, ר׳ נחמן, מיין עלטסטע טאָכטער וויל זיך באַקענען מיט אייך! — ער האָט אָנגענומען איר הענטל און כמעט מיט גוואַלד זי צוגעפירט צום אַלטן. — באַקאָן זיך, מיריאַמל, מיט דעם זיידן. ער איז אַ גוטער, דו גרויסע מויד מיינע! — האָט ער זי מיטן פינגער געוואָרנט — נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ ייִד מיט אַ בערדל.

געבעט און זאָרג איז געווען אין זיין שטים. אויך זיין רויט־געוואָרן פּנים האָט אויסגעדריקט זאָרג, אָבער די קליינע האָט פאַרביסן געשוויגן. אירע שוואַרצע געדיכטע ברעמען זענען געוואָרן שפּיציק און פון די אויגן האָבן זיך געריסן מאָדנע פייערלעך, פולע מיט עקשנות. דאַן האָט זי געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק און האָט זיך צעוויינט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט נאַטאַליאָ געפרעגט מיט אַ ווייכער

שטים און האָט אויפגעהויבן איר אויפגעציטערט שמאָל גאמבעלע. זי האָט געשלונגען די טרערן און ווען זי האָט געזען דעם מילדן אויסדרוק אויפן טאטנס פּנים, האָט זי ענדלעך באַקומען מער מוט און ס׳האָט פון איר אַרויסגעקלאָגט:

— איך האָב אים פיינט, דעם זיידן! ער האָט דערהרגעט מיין גאָט, דעם דערלייזער!

זי האָט זיך צעוויינט אויפן הויכן קול, געקוויטשעט היסטעריש און געציטערט פון שרעק און אויפרעגונג. נאַטאַליאַ האָט געפילט, אַז דאָס בלוט איז אים אַרויפגעקומען צום קאָפּ. די אויגן פון דינסטמיידל און פון די קלענערע קינדער זענען געווען אָנגעשטעלט אויף אים. אָבער ער האָט זיי מער נישט געזען. די בלייכע, זויבערע אין אויל־געפּאַרבטע ווענט, די טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר, דער פאַרשעמטער איינגעבויגענער קאָפּ פון זיין פריינט ר׳ נחמן — אַלץ ארום אים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אין רויטע און גרינע רעדער, וועלכע האָבן אים אַריינגעשלעפּט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, ווי אין אַ שדים־טאַנץ.

דאַן האָט ער אויפגעהויבן זיינע צעפלאַמטע בליקן צום אויבערשטן גאָרן און האָט אַ געשריי־געטון מיט אַ שטים ווי פון אַ יונג צערייצטן לייב:

— טערעסאַ, טערעסאַאַאַ!

ס׳האָט זיך באַלד דערהערט דאָס צעפּראַלן פון אַ טיר און האַסטיק־לויפנדיקע ווייכע טריט. און באַלד איז זיין ווייב געשטאַנען אַנטקעגן אים. צאָרן האָט געברענט אין אירע אויפגעריסענע אויגן. אַ ווילע האָט דאָרט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, אַ פול־אָנגעלאָדענע מיט וואָרנונג. מיריאַם האָט זיך אַוועקגעריסן פון אָרט, וווּ זי איז געשטאַנען, און האָט אויסגע־בראָכן אין אַ ניי געוויין. אַן איינגעבויגענע, ווי זי וואָלט פון עמיצן גע־שלאָגן געוואָרן, איז זי אַרויפגעלאָפן צו דער מאַמען.

טערעסאַ האָט אַריינגענומען אין אירע ציטערנדיקע הענט דער טאָכ־טערס פּנים און האָט איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. דאַן האָט זי זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און האָט אויסגעשריען ווי נישט מיט איר קול:

— וואָס האָסטו צו מיין קינד? זאָג מיר, נאַטאַליאַ! — האָט זי גע־ברענט פון צאָרן און געוואָרנט מיטן פינגער.

ער האָט אַ פאָכע־געטון מיט זיין פויסט און זי אָפּגעשרפעט מיט אַ מאָנענדיקן בליק.

— טערעסאַ, וואָס האָסטו געמאַכט פון איר, זי איז דאָך אַ גייסטיקער קריפּל!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און די געהויבענע פויסט האָט געמאַנט ביי זיין ווייב אַן ענטפער. ר׳ נחמן האָט זיך ווי איינגעקאָרטשעט. ער האָט געפילט אויף זיך די דערשראָקענע בליקן פונעם דינסטמיידל מיט די צוויי קלענערע מיידלעך. אַלע דריי זענען געווען ווי צוגעקלעפּט צו די ערטער און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך.

— וואָס שווייגסטו, טערעסאַ? איך האָב דאָך דיך עפּעס געפרעגט! — האָט נאַטאַליאַ ווידער אַ געשריי־געטון און מיטן פינגער געוואָרנט. — ווער בין איך ביי דיר? אַ דינער?

אין איר האָט זיך איבערגעבראָכן די צאַרנדיקע אַנגעצויגנקייט. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין און איז אַנטלאָפן צוריק אין צימער, מיטשלעפּנדיק מיט זיך די וויינענדיקע טאָכטער. אָבער באַלד האָט זי זיך ווידער באַוויזן אין דער אָפענער טיר. זי האָט אַ פּאַכע־געטון מיט דער פויסט קעגן מאַן און האָט אים אָפּגעגאָסן מיט שוואַרצע פלאַמען פון אירע אויגן און מיט פאַראַכטונג אויסגעשריגן:

— דו כודיאָ! דו זינדיקער! וואָס האָסטו צו מיר מיט מיינע ווע־רעמלעך?

זי האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. נאַטאַליאַ האָט זיך איינגאַנצן נישט געקענט רירן פון אָרט. זיין האַרץ האָט געציטערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אַלטן און אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אַליין נישט וויסנדיק וואָס. אָבער נחמן האָט אויס־געמיטן זיינע בליקן. זיין שוואַרץ בערדעלע איז געווען פאַרקרומט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז זיין איינגעווייד האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק. ער האָט אַ קוק־געטון צו נאַטאַליאָן און זיך זייטיק אַרויסגעשאַרט פון קאָרידאָר.

נאַטאַליאָ איז דאַן צוריק אַריין אין אויפנעם־זאַל, אָבער זיין ווייבס שטים איז אים נאָכגעלאָפן און געבליבן שטעקן אין זיינע חושים. און ווען ער האָט דאָס לעצטע מאָל ווידער איבערגעטראַכט און מיטן גאַנצן לייב און לעבן אַראָפּגעגנידערט צו יענעם מאָדנעם געשעעניש, האָט ער ווידער דערהערט זיין ווייבס שטים:

„דו פאַרשאָלטענער כודיאָ! וואָס האָסטו צו מיינע ווערעמלעך?!"

אָט־אָ־די שטים, — האָט נאַטאַליאָ געזיפצט, — טרייבט אים צו זיינע שטאָם־ברידער און אויך צוריק צו יהודיתן...

ער האָט אויפגעהויבן אַ צעפּיבערטן בליק, אָפּגעזיפצט און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען? וו־אַ־ס?

קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק

יהודיתס גאָרטן איז געשטאַנען אין אַ ניי בליִעכץ און האָט געאָטעמט מיט זאַטקייט און מיט פרייד, ווי געזונטע יונגע קעלבער פון איר טאַטנס טשערעדע, קעלבער געזעטיקטע מיט דער מאַמע־מילך. די זון האָט איינגע־הילט דעם גאָרטן אין אַ דינעם, ראָזן שלייער. פרישע, שטאַרקע ריחות פון יונגע בתולה־קנאָספּן האָבן זיך געשפרייט איבער די שמאָלע, לאַנגע בייטן מיט דער פריש צעאַקערטער, שוואַרצער ערד. די ווייס־בלויע צוויט־ביימלעך, די שטייפע פלאַנצן ווי סאַמעטענע בלעטער פון די רויזן־קעפּ, האָבן גדלותדיק אַרויפגעקוקט צום קלאָרן טיפן הימל.

פּופּיק, דאָס קליינע בעקערל, איז געשטאַנען ביי זיך אין הינטער־הויף און געוואַשן זיין ווייס כאַלאַטל. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך די מחיהדיקע ריחות, לייכטער אָפּגעאָטעמט און מיט אַנטציקטע אויגן גע־קוקט אַרום זיך. ס'האָט פון זיי געשיינט מיט גוטסקייט און נצחון. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר יהודיתס איינציקן איבערגעגעבענעם פריינט און ער האָט זיך געפרייט דערמיט, וואָס ער האָט זי דעמאָלט נישט געפאָלגט און איז דאָך געגאַנגען צו קראַכמעלן, איר לאַנדסמאַן, און ביי אים געפועלט, אַז ער זאָל זיך באַמיִען פאַר איר באַפרייען פון אַרעסט. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז דאָס ווייב זיינס זאָל שלום מאַכן מיט יהודיתן.

אויסגעדרייט דאָס כאַלאַטל און עס אויפגעהאָנגען אויפן שטריק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. די אַרומיקע גרינקייט פון ניי־אויפגייענדיקן פרילינג האָט אים דערמאָנט אין די היימישע, שיינע טעג און עס האָט פון אים אַרויסגעזיפצט: אויס מיט די היימישע יום־טובים און אויס מיט די היימישע ייִדן; ווי איז מיאָ נעבעך. ער האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבן אַ פויסט און אַריינגעטענהט צו די ווייסע כמאַרקעלעך אין בלויען הימל: „נאַין, יאַך זאָג דיר, גאָט, אַז דאָן פירעכץ איז עפּעס נישט מיט אַלעמען.... יאַך זאָג דיר, אַז מיר עלן מער קיינעמע ניש גלייבן, קיינעמע, מיר עלן זיך מער ניש לאָזן!...

טרערן האָבן אויפגעפינקלט אין זיינע אויגן. ער האָט אַראָפּגע־שאַרט די אַרבל פון העמד און אַ פאַרטוענער אין זיין חשבון הנפש איז ער אַריינגעגאַנגען אין צימער.

זיין ווייב איז געזעסן אין דער אַלטער, צעפאָרענער וויגשטול און זיך געהוידעט. ביי איר אויף דעם פאַדעליק איז געשטאַנען אַ שיסעלע מיט שטיקלעך טאָרט און זיסן קוילעטש, דער בראַק, וואָס איז איבער־געבליבן פון אינדערפריִעדיקן פאַרקויף.

— געטעשי האַרעץ — האָט ער זיך אָנגערופן — קום אַרויס פון די שטובן, דער דרויסן שיינט ווי אַלע זיבן מנורהס פון בית המקדש. די ריחות פון אידעשעס גאָרטן זענען שוין אָנגעקומען ביז צון אונדז...

זי האָט אויפגעהויבן צו אים אַ שטרענגן בליק, אַריינגענומען אין מויל אַ שטיקל טאָרט און געקייט אויף ביידע באַקן. אירע פאַרנאַשטע ליפּן האָבן געשמייכלט קלוג און נישט נאָכגעביק.

ער האָט זי געוואָרנט מיטן וויזפינגער:

— געטעשי, האַריץ, מע טאָ ניש איבערכאַפּן די מאָס אין קאָ שום זאַך... מע טאָ נישט עסן קאָ צופיל טאָרט! דער דאָקטער הייסט ניש!

— רייס מיר נישט אַרויס דעם ביסן פון האַלדז! — האָט זי געענט־פערט, און אים אויף צעזעצעניש האָט זי גענומען שלינגען גאַנצע שטי־קער און אים אָפּגעגאָסן מיט אַ רוגזהדיקן בליק, טראַכטנדיק דערביי: — ער דאַנקט גאָרנישט גאָט, וואָס איך מעג שוין עפּעס נעמען אין מויל אַריין!

— דו שיינסט, קאָ בייז אויג, ווי אַ געראָטענער פורים־קוילעטש — האָבן די גוידערלעך אונטער זיין גאָמבעלע אויפגעשיינט — אָבער נישט איבערכאַפּן די מאָס. און אפשר, געטעשי האַריץ, עלן מיאָ טרינקען אַ מאָטע?

— דאַנקען גאָט, זיך קוים דערמאָנט אין אייגענעם ווייב אויך... — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אים ווידער אָפּגעגאָסן מיט אַ בייזן בליק.

— טאָקע אַ וווּנדער, וואָס דו ביסט נישט געלאָפן „אַהין״... אפשר וויל „זי״ אַ מאָטע?... — האָט זי צוגעגעבן מיט חוזק.

ער האָט זיך אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און מיט אַ צופרידן שמייכעלע גערעדט צו איר:

— אַ מענטש, געטעשי, האַריץ מיינס, לעבט ניש אייביק... וואָס אַרט דאָס עמעצן, אַז יאָך האָב גאָט צו פאַרדאַנקען אַרויסגעטריבן פון מיר דעם קיילעוו?... און פאַרוואָס זאָלן אַנדערע מענטשן ניש נאָכטון דאָס אייגענע?

— פנחסל, קוק ניש אויף מיר ווי אַ שוחט!...

ער האָט אַ זיפץ געטון, איר צוגעוואָרפן אַ בעטנדיקן בליק, אויפ־געהויבן אַ פּויסט און זיך שטום אויסדרייענדיק, איז ער אַוועק אין קיך מאַכן אַ מאָטע און האָט דערביי געטראַכט: וואָס עלן שכנים, לייטישע מיילער, זאָגן, אַז מע עט מיך תמיד זען קומען צו דעם בידנעם וואַבל, נעבעך?... לייטן עלן מיינען, אַז צווישן מיר מיט אידישן קומט פאַר גאָט וואַיסט וואָס... און אַז לייטן זעצן זיך אָן אויף עמעצנס ביינער, עלן זיי מאַכן

פון אים אַש און בלאָטע... עלן אומברענגען דאָס בידנע וואַבל, נעבעך, אומברענגען, מיט באַיזן און אויך מיט זייערע פיינע שמייכעלעך.

ער האָט זיך אָנגעגעסן אַ מאָטע און זי אויסגעזופט מיט אַ ליידנ־שאַפטלעכן תענוג. אָנגעגעסן אַ צווייטע און זי אויסגעזופט און ערשט די דריטע אַוועקגעטראָגן צום ווייב. זי האָט געזופט און נישט אויפגעהויבן צו אים די בליקן. ער האָט געטראַכט: דאָס איינציקע מאָל על יאַך ניש נאָכ־געבן... ווער בין יאַך דאָס?! יאַך האָב גערעדט מיט די גרויסע לאָט און האָב מאַנס אויסגעפירט... יאַך בין אַ מאַנספּאַשוין און ניש קאַ קניש.

— געטעשי — האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט, — האַריץ, אסור צי עס עט דיר שלאָכט מאַכן צום געזינט, אַז עסט אַראַנגאַין מיט מיזאַ צום אָרעמען וואַבל, נעבעך.

— עס איז מיר גענוג, אַז דו ביסט מיט איר געוואָרן אַ גאַנצער פּאַן בראַט — האָט די פּופּיטשקע געקייט אויף ביידע באַקן, — מיינסט אַז איך ווייס נישט וווהין דו ווערסט מיר פאַרפאַלן אויף גאַנצענע שעהן?

— ווער, יאַך? — איז פּופּיק געוואָרן רויט ווי אַ חדר־ייִנגל, ווי ווען דער רבי האָט אים געכאַפּט ביים זאָגן אַ ליגן. ער האָט פאַרפלאָכטן די פינגער פון די הענט ביי זיך אויף דעם האַרץ און אָנגעשטעלט אויף איר די בעטנדיקע בליקן, זאָגנדיק מיט תחנונים:

— און וואָס פאַר אַ זינד איז עס, אַז מע טיט אַמאָל אַ קיק אויף אַן אָרעם מענטש? וואָס פאַר אַ באַיז האָט זי דיר געטון, דאָס בידנע וואַבל?

— מאַך נישט קיין אָרעמאַנסקע פּנימל — האָט דאָס ווייב געחוזקט. — דו אַדוואָקאַט פון די בידנע עגונות... גיי אַרויס אין די געסלעך און הער בעסער וואָס לייטן רעדן פון איר... שלעפּ מיך נישט אַריין אין דייך בלאָטע, — האָט זי אים שטרענג געוואָרנט. — מאָרגן, בלי נדר, וועלן אַלע קינדער מיינע וויסן וואָס איך שטיי מיך אויס פון זייער משוגענעם טאַטן.

— מע דאַרף רחמנות האָבן אויף אַ געשלאָגענעם — האָט ער ביי־טער אָפּגעזיפצט, געבראָכן פּיסקעס און געפירט פאַר זיך מיט די קורצע הענטלעך, — אַז מע האָט אויסגעטראַכט אויף דעם אָרעמען ביילים, ווי איז מיזאַ נעבעך... און וואָס איז געווען מיטן אָרעמען פראַנצויזל, דאָס דרייפעסל? נו, האָט זיך דען ניש באַוויזן דער שקר? און וואָס פעלט די היינטיקע כמיעלניצקעס, ווי איז מיזאַ נעבעך. נו, על יאַך נאָכגאַין איינעמס קאָפּ און וואַרפן שטיינער אויף אַ געשלאָגענער?...

— צוליב איר האָסטו פאַרשוועכט דעם כבוד פון דיין פרוי! — האָט עס פון איר אַרויסגעזעצט ווי פון אַ קאַלד־אויוון. — נישקשה, איך האָב געמעגט וויסן, אַז דו האָסט איר געטראָגן פּעקלעך „אַהין“.

זי האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַן אייפערזיכטיקן בליק. פּופּיק האָט ווי פאַרלוירן געשמייכלט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט טענות און געבעט וועט ער ביי זיין ווייב גאָרנישט אויספירן. ער איז אָבער זיכער געווען אין יהודיתס ערלעכקייט און זיין האַרץ איז פול געווען מיט רחמנות און באַנג אויף די באַגאַנגענע פעלערן קעגן איר. דער געפיל פון גערעכ־טיקייט האָט פון אים אַרויסגערעדט, ווען ער האָט אַ זאָג־געטון:

— אַזוי פיל כוח מיט געזונט אויף שונא ישראל וויפל שלאַכטס און וויפל שאַנדע יאַך האָב דיר פאַרשאַפט מיט מיין ביסל רחמנות אויף דעם בידנעם מענטש...

— הייסט עס, אַז דו ביסט טאַקע יאָ געגאַנגען צו „איר״ — איז דאָס ווייב געוואָרן אויסער זיך פון כעס, — דו לעמעשקע, דו טיפּיש, דו פאַררעטער!...

— נאַין, נאַאַאין — האָט ער אַנטקעגנגעשטעלטביידע דלאָניעס, ווי ער וואָלט זיך געוועדט קעגן אַ האָגל, וואָס האָט אים געשמיסן איבערן פּנים, — ניש דאָס האָב יאַך געמיינט צו זאָגן!... ניש, געטעשי, האַריץ.

— דו ליגנער! מיינע קינדער וועלן אַלץ געוואָר ווערן! — האָט זי אים געוואָרנט.

— נו, מאָל דיר, געטעשי — האָט עס אין אים אַ רודער־געטון און בייזע פייערלעך האָבן זיך צעצונדן אין זיינע אויגן. — מאָל דיר, אַז יאַך האָב יאָ חרטה אויף מיינע פעלערן!... נו, איז דאָס אַ זינד?... אַ? דו לייענסט דאָך ביכלאַך!...

— זי האָט זיך אויפגעפּירט געמיין! — האָט אים דאָס ווייב ווידער איבערגעשלאָגן די רייד. — איך וויל מיך נישט שטופּן אין קיין זומפּן!...

ער האָט אַ פיר־געטון מיטן פינגער איבערן האַלדז, אויסרופנדיק:

— נאַ, רשע, קוילע מיך! און יאַך פּאַף אויף לאַטן... יאַך פּאַף!... — האָט ער אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט ביידע פויסטן אויפן טיש. — עסט שוין גאַין, דו רשע, אַז ניש על יאַך אַוועק פון די שטובן! עסט אויסטראַכטן אַ בלבול אויף דאַין מאַן? דו רשע!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז אויף די קורצע פיסלעך אימפּעטיק אַרויס פון צימער. אין קיך האָט ער צעבלאָזן די קוילן אין אייזערנעם אייוועלע, אָפּגעשיילט אַ זיסע קאַרטאָפל מיט אַ שטיק קאַבאַק און אַריינ־געוואָרפן אין דער יויך, וואָס האָט זיך געקאָכט. אין אים האָט עס גע־בושעוועט און ער האָט ביטער געזיפצט:

— איז דען אַ חידוש וואָס המן הרשע מאָרדעוועט אונדז אויס?... ווי איז מ׳אַ נעבעך!

ער איז אַוועק אין הינטערשטן הויף און אַראָפּגענומען פון שטריק

דאָס אויסגעטרוקנטע אַרבעטס־כאַלאַטל, עס אָנגעטון, געגומען די ליידיקע פּרנסה־קוישן און אַן אויפגעבראַכטער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנגס־טויער. דאָס ווייב האָט אים נאָכגעשריגן:

— קום אַהער, דו גזלן, זאָלן לייטישע מיילער נישט וויסן, וואָר עס איז מיין מאַן, אומשטיינסגעזאָגט...

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען אַ ברוין, געפּרעסט קליידל מיט קורצע אַרבעלעך, זיך אויסגעפּוצט, פאַרקעמט די בלאָנדע קנוידערן און אָנגעטון אַ רויטע בייטש בורשטינען אויפן האַלדז. דאַן האָט זי אַרויסגענומען פון קליינעם שאַפקעלע עטלעכע ווייכע קיכלעך, געמאַכט אַ פּעקעלע און איז אַרויסגעגאַנגען צום מאַן.

— גיי אַריין אין שטוב! לאָז איבער די קוישן און טו שוין אויס דאָס צעקנאָדערטע כאַלאַטל!... בושות מיט חרפּות ברענגסטו מיר!

ער האָט זי שטום געפאָלגט. באַלד איז ער געקומען צוריק און בייז־לעך אַ זאָג געטון:

— קום און זאָלסט ניש פאַרצאַפּן קאָ בלוט דעם אָרעמען מענטש...

— ער האָט מרוצהדיק אונטערגעטענצלט און ווייכער צוגעגעבן:

— מיינסטו, געטעשי, האַריץ, אַז אויף דעם גומערסינדאָ איז מיר ניש קאָ רחמנות? דער יונג האָט אַמאָל געמאַכט אַ הלצה, אָבער קאָ שונא ישראל איז ער ניש געווען, אסור.

— א נכפה אים אין גאַרגאַטש! — האָט זי ברוגזלעך פאַרשנירעוועט די פאַרנאַשטע ליפּן, — די וועלט איז אים געווען קאַרג, דעם ווייבערניק! מעגסט הערן וואָס לייטן דערציילן!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגעלאָזט בייזע ווינטן פון די צעשפּרייטע נאָזלעכער, אָבער באַלד האָט זי ווידער גענומען רעדן:

— ער האָט אָפּגעזוכט אַ פּרימאַדאָנאַ, אַ פּרוי ווי אַ שוואַרצער קוי־מען, און ער האָט באַצאָלט פאַר איר מיט זיין נאַרישן קאָפּ. אַלע פאַלשע מאַנסבילן מעגן טאַקע באַקומען זייער פינצטערן סוף... — האָט זי פאַר־ענדיקט מיט כעס.

— ביסט אייפערזיכטיק, געטעשי, האַריץ, אסור צי דאָס אָרימע מענטש האָט מיך געטשעפּעט, אסור!

— אַן דעם ווייבס וויסן גייט מען נישט זאָרגן פאַר קיינעם, אַדוואָקאַט מיינער! — האָט זי אים געוואָרנט און אָפּגעגאָסן מיט אַ גזלנישן בליק.

„שוין, זי האָט שוין ווידער אַרויפגעלייגט די דיסקע” — האָט פּופּיק געטראַכט פאַר זיך, אָפּגעזיפצט און מורא געהאַט ווייטער צו רעדן, ווייל זיין יידענע קען חרטה באַקומען אויף איר נאָכגיביקייט און וועט אים נאָך אַליין לאָזן אינמיטן וועג. ער קען שוין אירע קאַפּריזן. זיינע נצחונות

איבער איר קאָסטן אים טעג אָדער גאַנצע וואָכן פון קריגערייען און צום סוף מוז ער זי אַליין איבערבעטן.

ער האָט אָגענומען איר קליין פינגערל און זי מיטגעפירט מיט זיך.

אין גאָרטן האָט זי אינסטינקטיוו פאַרלאַנגזאַמט די טריט. פון אירע אויגן האָבן זיך געריסן שטוינען און פאַרווונדערונג. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער מאַן האָט זי געפירט ערגעץ אין אַ שיינעם, צעבליטן פאַרק. דער מאַן האָט אויפגעהויבן אַ זייט פון זיין קליין קאָמעץ־בערדעלע און אַ קוועטש־געטון מיט אַן אייגל, זי נאָך שטאַרקער אָנגענומען ביים פינגערל און שווייגנדיק צוגעצויגן צו זיך.

אין שטיבל איז געווען זויבער און מערקווירדיק שטיל. ס׳האָט געמאַכט דעם אויפגערוימטן איינדרוק פון אַ מוזיי. אויף דער וואַנט, איבערן שניי־ווייסן איבערגעצויגענעם בעטל, האָט געהאָנגען אַ היימישער, שוואַרצער טעפיך מיט רויטע און גרינע בלומען און אַ צווייטער טעפיך איז געווען אויסגעשפרייט איבער דעם פריש געוואַשענעם דיל. אין די ווינקעלעך זענען געשטאַנען עטלעכע הויכע ערדענע, גרינע בלומענטעפּ מיט לייכטנדיקע ווייסע בלומען. מחיהדיקע ריחות האָבן אַ שלאָג־געטון אין דער פּופּיטשקעס ברייטע, אויפגעריסענע נאָזלעכער. אַ געפיל פון דרך־ארץ צו יהודיתן און אַ באַוווּנדערונג איז אין איר אויפגעגאַנגען. זי איז געווען אַן איפּערזיכטיקע, און ווייל דער מאַן האָט זי ליב געהאַט און איר אַלץ נאָכגעגעבן, איז ביי איר אויסגעקומען, אַז נאָר זי אַליין האָט אַ גוטן געשמאַק און ווייסט ווי איינצואָרדענען אַ שיינע שטוב. איצט האָט זי געזען אַז אַנדערע פּרויען קענען אויך עפּעס — און נאָך בעסער פון איר. איר באַוווּנדערונג צו יהודיתן איז געשטיגן קעגן איר אייגענעם ווילן.

זי האָט זיך דערמאָנט אין טאָג פון קוקיס לוויה. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט יהודיתן, מאַרטאַן און סוסין. דאַן האָט דער גאָרטן אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. איצט אָבער האָט דער גאָרטן אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. זי האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן און נישט געוואַגט אַרויסצורעדן קיין וואָרט. פּופּיק אָבער האָט זיך היימישלעך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל און צוגעצויגן צו זיך זיין ווייב.

— קום, געטעשי האַריץ, זעץ זיך אַוועק אָט־דאָ! — האָט ער געוויזן אויף זיין שויס.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ גזלנישן בליק.

— קום אַהער, וואָרום דאָס בידנע מענטש וועט באַלד אַריינקומען!

זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן טישל דאָס פּעקעל מיט די קיכעלעך און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל אַנטקעגן דעם מאַן. זי האָט געפירט אירע בליקן פון ווינקל צו ווינקל און זיי אַריינגעשטאָכן אין אָפּע־

נעם פענצטערל. דאָס פענצטערל האָט תמיד געשוועבט אין איר פאַנטאַזיע, איבערהויפּט ווען זי האָט געטראַכט וועגן יהודיתעס לעבן... און ווייל יהודית האָט איר נישט געגעבן די מעגלעכקייט אריינצוקומען און צו ווערן איר חברטע, האָט זי אָנגעהויבן צווייפלען, צי אַלץ וואָס עס שפּילט זיך אָפּ הינטער דעם דאָזיקן קליינעם פענצטערל, איז געווען כשר...

אין יענעם אינדערפרי אָבער האָט זי פּלוצים דערזען, אַז סיי דאָס שטיבל און סיי דאָס פענצטערל זענען נישט אַנדערש פון אַלע שטיבלעך מיט פענצטערלעך פון די אַרומיקע שטיבלעך און ראַנטשעס. נישט מער, וואָס אין אָפענעם פענצטערל פון יהודיתעס שטיבל האָבן זיך תמיד געוויגט און געשאָרכט גרינע צווייגן פון פּאַלמען־ביימער און צווישן די בלעטער האָבן געציטערט רויטע און געלע קייקעלעך זון און אין דער גרייס פון ווײַמפּערלעך און אַגריסן. אויך אין די ווינקלען קעגן דעם פענצטערל האָבן געציטערט זון־רעפלעקסן ווי געלע און פייערדיק רויטע פעניצן פון אַרבוזן.

זי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און אויסגעמיטן איר מאַנס נקמהדיקע בליקן. ער האָט זיך געהאָצקעט אויפן בענקל און זי אָפּגעגאָסן מיט זוניקע שמייכעלעך.

— דאָ איז שאַין, ניש אמת, געטעשי האריץ?!...

— נישט קשה!... — האָט אים דאָס ווייב קאַלטלעך געענטפערט — ס׳איז אַ זוניק צימערל...

ענדלעך איז יהודית אַריינגעקומען אָנגעטון אין אַ ברייט געבלימלט פאַרטוך און די צעפּ פאַרלייגט אַרום קאָפּ. די פּופּיטשקע האָט גלייך באַמערקט יהודיתעס גלייכגילטיקייט צו איר, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, איר דערלאַנגט אַ האַנט און פאַרשעמט־קאַלטלעך צווישן די ליפּן געזייעט:

— נו, וואָס מאַכט איר עפּעס? אַ שיינעם דאַנק זיין ליבן נאָמען, וואָס מען איז כאָטש אַרויס פון גוישע הענט...

אין יהודיתן האָט עס אַ קאָך־געטון. זי האָט חשק געהאַט אַרויסצוטרייבן די פּופּיטשקע. אָבער איר דאַנקבאַרקייט צו פּופּיקן האָט זי אָפּגעהאַלטן פון דעם דאָזיקן שריט. חוץ דעם האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך געמוזט לאַנג ביי איר בעטן, אַז זי זאָל „ברעכן איר שטאָלץ" און גיין זען וואָס „דאָס בידנע וואַבל" מאַכט. יהודית האָט געוווסט, אַז די פּופּיטשקע האָט איר געגעבן צוויי צונעמען: „פּרימאַדאָנאַ" און „מזוזהלע"...

זי האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געפיל פון באַליידיקונג און אומניחהדיק געקוקט אויפן פּעקעלע מיט די קיכלעך.

— אַ דאַנק פאַרן געבעקס. נעכטן האָב איך אויך געבאַקן. מיינע הינער האָבן ווידער אָנגעהויבן צו לייגן.

די פּופּיטשקע האָט געפילט, אַז יהודית האָט נישט געהאַט קיין כוח צו רעדן און האָט צום ערשטן מאָל געזען אירע טיפע קאַרבן אַרום דעם מויל, קאַרבן וואָס האָבן ווידער אָפּגעשפּיגלט איר גרענעצלאָזע עלנטקייט, באַליידיקונג און פון אירע טריבע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ הייליקער שיין פון יסורים און ווייטיקן. די פּופּיטשקע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין איר אַלטער באָבע חנהלע, וואָס איז געווען פרום און געזאָגט תחינות מיט די שטעטלשע ווייבער. אין דער באָבעס אויגן, תמימותדיקע, אויס־געוויינטע, האָבן געשיינט אַזוינע פּייערלעך ווי אין יהודיתעס אויגן...

פּופּיק האָט באַמערקט זיין ייִדענעס פּאַרגאַפּטקייט און אַז זי האָט נישט געפונען די פּאַסיקע ווערטער אויף אויסצודריקן איר פריינטשאַפט און איבערצובעטן יהודיתן. האָט ער די פיינלעכע שטילקייט איבערגעריסן, און פירנדיק מיט די קורצע הענטלעך האָט ער וויינענדיק געזאָגט:

— הערן זי. ייִדישע קערויִן, מאַ געטעשי איז ניש געקומען „אַהין״ וויל זי איז געווען ניש געזינט... די לאַיבער, ניש פּאַר ענק געדאַכט, האָט מאַ געטעשין אַריינגעלאַיגט אין בעט...

יהודית האָט געשמייכלט. זי איז געווען צופיל פּאַרביטערט פון די לעצטע געשעענישן. דעם קאָמיסאַרס כיטרער בליק און זיין שטרענגקייט איז נאָך געבליבן שטעקן אין איר געמיט, און זי האָט נאָך געהערט די מאָנונג פון זיין טאָן: מיר האָבן וועגן אייך נישט קיין געהויבענע רע־פּערענצן... איר האָט צוגעהאָלפן דער פרוי צו ווערן לייכטזיניק... די דאָזיקע מלאכה איז ביי אונדז שוין לאַנג שטרענג פאַרבאָטן...

די פּופּיטשקע האָט באַמערקט יהודיתעס פאַראַכטונג, וואָס האָט זיך געשניטן אַרום איר מויל, און זי האָט זיך צו איר געווענדט אין אַ טאָן פון חרטה:

— אידיסל, ערגערט אייך נישט... די וועלט גייט נאָך נישט אונטער... גלייבט מיר — האָט זי זיך צעוויגט און זי אָנגעקוקט מיט בעטנדיקע אויגן, — גלויבט מיר, אַז איך בין נישט קיין וואַלד־גזלן. איך האָב נישט צוגעלייגט קיין שפּיץ פון אַ נאָגל צו „יענעם ענין״... דאָס איז איבערהויפּט נישט קיין ייִדישע אַרבעט... איך בין נישט קיין וואַלד־גזלן!...

איר פּאַראַדנער בוזים האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. יהודית האָט שווייגנדיק און פאַרשעמט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַרום זיי האָט זיך אָפּגעזעצט עפּעס נישט־דערזאָגטס.

— קיינער האָט מיר נישט געטון קיין שלעכטס! — האָט זי בייסיק געשמייכלט. — איך האָב מיך „דאָרט״ גוט אויסגערוט. די אומזיסטיקע קעסט האָט געהאַט אַלע טעמים...

— דאָס מזל מיינע שונאים! — האָט פּופּיק געזיפּצט און אַ קוק געטון צום ווייב.

— נו, פּנחסל, אוצר מיינער, — האָט זיך דאָס ווייב אָנגערופן אַ פאַרשעמטע — ווער האָט רעכט געהאַט? האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז יהודית' איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער? אַזאַ יאָר אויף מיר.

— אוודאי האָסטו געזאָגט!... — האָט ער זיך צעהוידעט אויפן געזעס און זי אָפּגעגאָסן מיט גזלנישע בליקן. — ווי איז מ׳אַ נעבעך, וואָס דען, דו האָסט געשוויגן?... יאַך מיך, פונדעסטוועגן, געטעטשי האַריץ, אַז קאַ פּאַ־טראַוועס האָט מע „דאָרט" אידיסלען נישט געגעבן... עס וואָלט אפשר ניש שלאַכט געווען צו פאַרבעטן אידיסלען צון אונדז.

— אידיסל ווייסט, אַז זי וועט זיין ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַדרבה... — האָט זי זיך ווידער צעהוידעט אַ באַגאָסענע מיט צונטער־רויטקייט.

— גענוג געפּאַשעט זיך מיט פרעמדע קעסט... געווינט מיך נישט צו צו אַזאַ גוט לעבן... — האָט זי זיי געלאָזט פּילן איר איראָניע.

אין דער פּופּיטשקע האָט זיך עפּעס צערודערט. זי האָט אַמאָל געהאַט אַוועקגעשריבן צו קעשינען דעם „ריינעם אמת", וואָס מיט יהודיתן איז פאַרגעקומען.

זי איז געווען אַביסל רעליגיעז געשטימט און עס האָט זיך דערוועקט אין איר אַ מורא פאַר גאָט... איר איז ממש געגאַנגען אין לעבן יהודיתן איבערצובעטן און זי זאָל קענען אַ באַרויקטע צוריקפאָרן אַהיים. די ערגערנישן האָבן איר שוין גענוג געשאַדט צו דער קראַנקער לעבער. זי האָט צעפּירט די שטאַרקע הענט און געזאָגט דורך טרערן:

— אידיסל, איר זענט אַ קלוג ווייבל. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מענטשן זענען נאַראָנים... אסור, צי זיי זענען ווערט, אַז מענטשן ווי איר זאָלן גאָר אין אַכט נעמען זייערע רייד...

זי האָט איבערגעטראָגן די בליקן צום מאַן און צוגעגעבן:

— זיץ נישט ווי אַ נעכטיקער, שטיק גאָלד מיינס!... גיי, ברענג אַהער דעם טאָפּ מיט דער יויך און דאָס שיסעלע מיט די אָפּגעקאָכטע לעקשעלעך!

ער האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענטלעך אין דער לופטן און איז וויכעריק אַרויסגעלאָפן.

די פּופּיטשקע האָט זיך אויסגעגלייכט אַנטקעגן יהודיתן און מיט אַ מינע פון אַ בעל־תשובה צולהכעיסדיק געזאָגט:

— איך וויל טאַקע זען, צי אידיסל איז אַ וואַלד־גזלן. איך וויל זען! — און זי האָט מעשה היימישער מענטש אַ נעם־געטון דאָס טישל

אײנאײנעם מיטן פּעקעלע קיכעלעך און עס אַרויסגעטראָגן אין גאָרטן אונטער די צעבליטע לימענע־ביימלעך. דאַן איז זי אַוועק אין קיך און געבראַכט אַ זויבער־טישטעכל, גאָפּל־מעסער און אַ זאַלצמעסטל. פּאַוואַ־ליע איז יהודית צו איר אַרויסגעקומען און זיך באַמיט צו זיין מער צו־געלאָזן צו איר שכנה און מער אויפגעלעבט. זי האָט אַרויסגענומען פון אייז־שאַפּקעלע אַ פּעקעלע פּוטער מיט אַ קאַלטן סיפאָן און אַרויפגע־שטעלט אויפן טישל. נישט ווילנדיק האָבן אירע אויגן פאַרבלאָנדזשעט צו מאַרטאַס צימער און אַ געפיל פון רחמנות האָט פון איר געריסן שטיקער. זי איז געבליבן די איינציקע, וועלכע האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר די גוטע און ערלעכע מאַרטאַ איז דער איינציקער קרבן פון דער דאָזי־קער דראַמע. זי, יהודית, וואַרט, ביז איר געזונט־צושטאַנד וועט זיך בע־סערן, דאַן וועט זי מאַרטאַן נעמען צו זיך.

— אידיסל, מען טאָר נישט צופיל זאָרגן — האָט זיך די ,פּו־פּיטשקע אָנגערופן. — איר וועט זען, אַז דאָס לעבן וועט נאָך שיינען פאַר אייך! גאָט וועט אייך נישט פאַרלאָזן!

— איך געפין מיך שוין לאַנג אין קאָנפליקט מיטן ליבן גאָט, מיטן גאָט פון נקמה — האָט יהודית ביטער געשמייכלט — איך וועל אים אָפּזאָגן פון זיין פּאָסטן, ווען ער וועט מער נישט אין זינען האָבן די מענ־טשן, וואָס מאַטערן זיך אַזוי שטאַרק אומזיסט...

— בטחון, אידיסל — האָט די פּופּיטשקע געוואָרנט מיט אַ פינ־גער. — מיר זענען געוווינט צו ליידן און איבערצוטראָגן אַלע בילבולים.

זי איז אַוועק אין קיך און געבראַכט גלעזער מיט אַ קלאַש, זיי אויסגעוואַשן אונטערן וואַסער־קראַן, אַרויפגעשטעלט אויפן טישל און זיך ווידער געווענדט צו יהודיתן:

— קוקט נישט אַהין!... פאַרגעסט אָן אַלעם ווי אין אַ בייזן חלום.

פּופּיק האָט זיך אַריינגעבייכלט אין גאָרטן מיט איינעם פון זיינע פּרנסה־קוישן, וואָס איז געווען פול מיט פּרוכטן, מיט אייגענעם היימישן ווייַן, זיסע געפלאָכטענע קוילעטשן, ציבעלע־פּלעצלעך מיטן טאָפּ הייסער יויך און דער שיסל מיט די לאָקשן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אַנטקעגן יהודיתן און זי אָפּגעגאָסן מיט טויזנט וואַרימע מיניעלעך, אויסרופנדיק:

ייִדישע קערוין, פון וועמענע טראַכטן זי שוין ווידער?...

זי האָט אויף אים געקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן און מיט אַ גע־פיל פון אָנערקענונג. זי האָט געטראַכט: פּופּיק איז אַ פּשוטער, ייִדישער ייִד; אַ כפּרה זאָלן זיין פאַר אים אַלע באַטיטלטע און פּאַטענטירטע אויף מענטשלעכער גוטסקייט... לעבן זאָלן אַזעלכע מענטשן. זיי זענען דאָס איינציקע קול אין דער מדבר...

פופּיק האָט נישט אויסגעהאַלטן איר שטומקייט און פירנדיק פאַר זיך זיינע קורצע, אומבאַהאָלפענע הענטלעך האָט ער זי געהלאָטן אין איין מונטערן:

— נאָר ניש געדייגעט. עץ עט מיזן קימען צון אונדז אויפן דאָרף און עץ עט מיטן אייבערשטנס הילף צוריקקומען אַ ניי־געבוירענע!

ער האָט אַ ווונק־געטון צום ווייב און איר אויף שטום־לשון גע־וויזן אויף די לויערנדיקע שכנים אויף די דעכער פון זייערע ראַנטשעס. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט צו יהודיתן אין גאָרטן. די פופּיטשקע איז רויט געוואָרן. זי האָט געוווּסט, אַז די ווייבער וועלן איר נישט פאַרשווייגן דעם „פאַרראַט" פאַרן באַזוכן יהודיתן און פראַוועון מיט איר שמחהלעך. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די בליקן און בייזלעך צווישן די ליפּן געזייעט:

— אוי, ווי מען מוז זיך היטן פאַר בייזווילליקע ציינגער! ווי פאַר אַ פייער! זיי שלעפּן דיך אַריין אין אַ זומפּ...

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַרויסגענומען פון קויש אַלץ, וואָס דער מאַן האָט געבראַכט. פופּיק האָט יהודיתן אונטערגעטראָגן אַ פּריש ציבעלע־פּלעצל און זי געבעטן:

— ייִדישע קערוין, פאַרזיכן זי נאָר דאָס שטיקעלע געבעקס! סע עט אייך גיט מאַכן! זעצן זיי זיך ביים טיש!

ער האָט אָנגעגאָסן ווין אין די גלעזער און אויפגעהויבן זיין גלאָז אין דער לופטן אויסרופנדיק:

— פאַר ייִדישעס געזינט!

— אמן!

— אַ דאַנק אייך!

די דריי גלעזער האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט. יהודית מיט גיטלען האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנג בענקל און פופּיק האָט אויסגע־טיילט דאָס עסן. אַלעמאָל האָט ער אַריינגעסמאַטשקעט מיט די ליפּן אַ לאַנגע לאָקש, וואָס האָט זיך נאָכגעצויגן איבערן בערדל.

— מאַ גיטעשי איז אַ גרויסע מומחהטע אויף מאַכן היימישע לעק־שעלעך אָדער קליסקעלעך מיט לאַיבער. עץ עט שוין ביי אונדז אין דאָרף טועם זיין פון מאַ וואַבס מאַכלים! —

ער האָט צוגעוואָרפן אַ נחתדיקן בליק צום ווייב. זי האָט געקייט אויף ביידע באַקן. דאָס שמאַלץ פון פעטן שטיק ברוסט איז איר געריי־נען איבער די פאַרנאַשטע ליפּן. פופּיק האָט זיך אַזש פאַרקרומט. ער האָט זיך געשראָקן.

— געטעשי, האַריץ, כאַפּ ניש איבער די מאָס, וואַי מ:אָ נאַבעד, סע עט דיר מיט גאָטס הילף שלאַכט מאַכן!

יהודית האָט זיך צעלאַכט. זיין שטייגער רעדן, זיין לשון און זיין זאָרגן פאַרן ווייבס געזונט האָט זי גערירט און זי גלייכצייטיק אַמוזירט.

די פופיטשקע האָט זיך געפילט באַליידיקט. זי האָט בייזלעך, מיטן שפּיץ פון טיכל, אָפּגעווישט די פעטיקע ליפּן און אַריינגעשלונגען אַ שטיק פלייש.

— רייס מיר נישט אַרויס דעם ביסן פון האַלדז, „אוצר מיינער״! גלויב מיר, אַז אידיסל האָט אַ טעות אין דיר!...

זי האָט אַריינגעקוקט אין טעלער מיט הייסער יויך און אונטער־געברומט:

— אַז דאָס ווערט אין כעס, איז ער אַ שוחט און נישט קיין מענטש...

— יידישע איז מאַן עדות, — האָט זיך פופיק אויפגערעגט און אונ־טערגעהאַצקעט אויפן געזעס — אז עסט איבערכאַפּן די מאָס, עלן מיר ניש קענען פאָרן אהיים. דער דאָקטער הייסט ניש איבערכאַפּן. און אַ שוחט איז דען ניש קא מענטש? וואָס זאָגן זי צו דעם, יידישע?

ער האָט זיך הויך אויפן קול צעלאַכט און יהודית מיט זיין ווייב האָבן האַרציק מיטגעלאַכט.

נאָכן עסן האָט זיך פופיק אויפגעהויבן דער ערשטער. זיין פּנים האָט געפלאַמט פון זאַטקייט און פון פרייד. ער איז אויך צופרידן געווען מיט זיך, וואָס דאָס ווייב האָט ענדלעך שלום געמאַכט מיט יהודיתן. ער האָט צוריק אַריינגעשטעלט אין קויש דעם ליידיקן טאָפּ, די שיסל און די פלעשער, אים אויפגעהויבן און מיט אַ ליבלעכן זיפץ זיך געווענדט צו יהודיתן:

— יידישע קערוין, עץ עט מיאָ פאַרגעבן. יאַך קאָן מער ניש בלייבן מיט ענק. יאַך מוז גאַין אין מיינע שטיבן כאַפּן אַ דרימל.

זיך אויסגעדרייט איז ער אַרויס. אויפן וועג שוין האָט ער אויס־געריפן:

— עץ זאָלט שפּעטער קימען אין מיינע שטיבן טרינקען אַ מאַטע! פאַרגעסן זיי ניש.

דאָס ווייב האָט אים נאָכגעשריען:

— „אוצר מיינער״, דאָס אייגענע ווייב איז דיר אין דער צווייטער קאַטעגאָריע?

זי איז רויט געוואָרן און גאַליקע שמייכעלעך האָבן געריזלט אַרום איר מויל און זי האָט אים נאָכגעשריגן:

— וועסט שוין דווקא צוּוואַרטן אויף מיר. אַזוי וויל איך!...

ער האָט זיך אומגעקערט און צו איר געשמייכלט מיט אַ מינע פון אַ שולדיקן.

— אַזאַ יאָר צי מיזאַ, ווי דו האָסט ראַכט, געטעשי האַריק. די הייג־טיקע מאַנספּאַשוינען זענען ניש ווערט קאַ צוויי צעבראָכענע גראָשן!

— אַז אָך און אַז וויי! — האָט זי אויסגערופן — איז צו אים צוגע־גאַנגען, אים געגעבן אַ קניפּ אין אַ באַק און געזאָגט:

— „אוצר" מיינער, ווייס אַז דו האָסט גיטלען פאַר אַ ווייב! אַ צוויי־טע אויף מיין אָרט וואָלט שוין מיר דיר געלערנט בלק!

— לאָרן, לאָרן — האָט פופיק געשמייכלט, — אַבי זיי מיזאַ געזינט און שטאַרק.

זי האָט אַ קוש־געטון יהודיתן אין איין באַק און באַלד אין דער אַנדערער און אַריינקוקנדיק טיף אין די אומעטיקע אויגן אירע האָט זי צוגעגעבן:

— יידיסל, איר זענט אַן אמתער אוצר! גלייבט מיר, אַז די אַלע אַרומיקע מענטשן קענען אייך נישט!

יהודית האָט זי שווייגנדיק אַרויסבאַגלייט פון גאָרטן. מאַן און ווייב זענען אַוועק איבער אַ זייטיקן וועג, כדי אויסצומיידן די שכנים.

ווען זיי זענען געווען אַליין, האָט פופיק געזאָגט צו זיין ווייבל:

— זעסטו, געטעשי האַריק, ניש באַדאַרפט צו וואַרפן קאַ בלאָטע אויף דעם אָרימען וואַבל נאַבעך.

— די גאַנצע וועלט איז אים טייער, — האָט זי זיך צעבייזערט — נאָר נישט דאָס אייגענע ווייב! האָסט שוין ווידער אַרויפגעלייגט דעם „דיסק"? ווער האָט חלילה אָנגערירט דעם כבוד פון איר מינדסטן נעגע־לע? ווער, אויב נישט די שיינע שכנימלעך אירע! אַז קיין גוטן סוף זאָלן זיי נישט האָבן, גאָט אין הימל! און דיר ווינטש איך אויך דאָס זעלבע!

— נאַין, נאַין! — האָט פופיק געטומלט. — יאַך וויל ניש, אַז דו זאָלסט דיך מאַכן שלאַכט בלוט! יאַך וויל ניש! זאָל זאַין ווי דיר געפעלט! אַבי שששש!...

— וואָס? — איז זי געוואָרן רויט ווי אַ צוויק — הייסט עס, אַז דו ווילסט גלאַט נישט אָנהייבן מיט מיר?...

— וואַי מיאַ נאַבעך, יאַך בין שוין ווידער אַריין ווי אין אַ פינצ־טערן קבר! דו האָסט ניש געזאָגט קאַ איין שלאַכט וואָרט, קאַ איינס! — און ער איז אַוועק פאָרויס.

כערטרודעס האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אַ זייטיק טירל און איז זיי נאָכגעלאָפן.

— בעקערל, בעקערל, דאָניאַ קאַטאַלינאַ, וואַרט אַ ווייל! וואָס איילט איר אייך אַזוי? — האָט זי קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

די פופּיטשקע האָט אים אַ צי־געטון ביים עלנבויגן:

— וואָס זאָגסטו נישט דערצו? קום גיכער!

ער האָט אומגעדרייט דאָס פּנים און דערזען עטלעכע שכנים אין די אָפענע טירלעך, וואַרטנדיק, אַז ער מיטן ווייב זאָלן צו זיי צוקומען און זיי דערציילן וועגן יהודיתן. ער איז אין כעס געוואָרן. ס'האָט פון אים אַרויסגעברומט:

— יאָך האָב ענק אַלע אין קבר! עץ האָט איבערגעכאַפּט די מאָס!... עץ האָט צופיל אָנגערייכערט, עלן זיי געזונטערהייט אַליין אַנאָווע האָבן, אַליין שמעקן...

כערטרודעס האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג, אָפּגעגאָסן די פּופּיטש־קע מיט אַ דינעם, מאָנענדיקן בליק.

— איר האָט זיך איבערגעבעטן מיט דער גריניגקער?...

— איך בין נישט געוועזן ברוגז מיט איר, — האָט זי בייזלעך גע־ענטפערט.

— פון אַזאַ חברשאַפט קען מען באַקומען אַ געשוואָלענעם פּופּיק, — האָט זיך כערטרודעס צעלאַכט מיט אַ דין, קוויטשיק קולעכל.

פּופּיק האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און זי אָפּגעמאָסטן מיט די שפּיציקע בליקן, אין פאַרטיידיקונג פון זיין ווייב:

— וואָס ווילסטו, כערטרודעס? — האָט ער בורטשע געטון. — נעם אַ פוס אונטערן אָרעם און גיי.

— איך וויל נאָר וויסן וואָס די גריניגקע מאַכט! איך האָב רחמנות אויף איר.

פּופּיק האָט אַראָפּגעשלונגען אַ זיפץ און איר בייז געענטפערט:

— איר זענט אַלע רשעים! וואָס האָט איר צו איר?...

— אאאַ! — האָט זי פאַרשנירעוועט די בלויע, דינע ליפּעלעך און לאַכנדיק געזאָגט:

— אויף דיין ווייב און דו גופאַ האָט איר נישקשהדיקע שנאָבלען... מיך נאַרט מען נישט! מאַך נישט אַזאַ פרום פּנימל, פּעטיסאָ!

— קום! — האָט אים דאָס ווייב אַ טרעט־געטון אויף אַ פוס — קום און זאָל נעמען אַ סוף!

— איך ווייס, אַז די אייערזיקע זענען פאַראייניקט צווישן זיך, — האָט כערטרודעס געזאָגט צערייצט און מיט קנאה. — ווען אַן אונדזעריקע ווערט געמסרט און אַרעסטירט, קומט זי אַזוי גיך נישט אַרויס...

— דאָס מזל אויף דיר ווי ליב מיר האָבן זיך! — האָט זיך פּופּיק אַ שטעל־געטון אין אַ גרויסהאַלטערישער פּאָזע און צוגעגעבן אין שפּאַ־ניש: — אַזוי איז דאָס טאַקע!

— געוויס! איר העלפט זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן! אין גאַס

דערציילט מען, אַז יהודית האָט שוין באַקומען אַ גרויסע סומע געלט פון איר סאָסיעדאַד. זעסטו שוין, אַז מען האָט איר אַ טובה געטון!...

— יאָ, אַוודאי העלפן מיר זיך אַרויס אין אַ נויט, — האָט די פּו־פּיטשקע צוגעגעבן און אים ווידער אַ צי־געטון ביים עלנבויגן — קום, בהמה, קום!

פּופּיק איז אַוועק פּאַראויס און דאָס וויב איז אים נאָכגעגאַנגען.

כערטרודעס איז אים נאָכגעלאָפן און געוופן:

— בעקערל, גיב מיר אָבער אַ זיס ברויט! בעקערל, וואָס האָסטו צו מיר!

— גיי אין דער אַפּטייק! דאָרט זענען פאַראַן בעסערע זאַכן פאַר דיר!

— אָבער דאָרט איז נישטאָ קיין זיס ברויט! — האָט זיך כערטרו־דעס צעלאַכט מיט אַ מאָדנעם געלעכטער.

— סם קענסטו דאָרט קויפן, דו מסרטע אײנע, סם זאָג איך דיר!

— האָט ער געשריגן אויף יידיש און איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין הויז.

יהודית האָט פונדערווייטנס צוגעזען די גאַנצע סצענע. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאַנגען. לעבן צימער, אין וועלכן מאַרטאַ האָט געוווינט, איז זי געבליבן שטיין און מיט אַלע אירע חושים זיך איינ־געהערט אין שטילן געראַוש פון די קלעטערפלאַנצן אַרום דעם גאַניקל און זיך דערביי אַבלדיק געהוידעט אַהין און צוריק. זי האָט אָפּגעזיפצט ביטער, טראַכטנדיק פאַר זיך: „אָרעמע מאַרטאַ! ווי אומגליקלעך דו ביסט! דיין עלנט איז שווערער ווי דער טויט"...

דאָס לייכטע זומערדיקע ווינטל האָט פאַרשייט אויפגעפלאַטערט די פאָלע פון איר אַרבעטס־פאַרטעך און געגלעט אירע הויכע, דינע פיס. ווי גוט וואָלט געווען — האָט זי זיך פאַרטראַכט — ווען קוקי וואָלט נאָך גע־לעבט! אפשר וואָלט נישט געווען געקומען צו דער פאַמיליען־דראַמע! אַ שאָד דער גומערסינדאָ! ער האָט געהאַט אַ צאַפּלענדיק האַרץ; ער האָט דאָס אַוועקגעגעבן פאַר זיינע געפילן צו מאַרטאַן. אַ רחמנות אויף אים...

זי האָט פלוצים דערפילט אַרום זיך דעם ריח פון פריש פאַרגאָסן בלוט... קוקיס שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן די בלעטער פון די לימענע־ביימלעך. ס'האָט זיך איר דערמאָנט קוקיס רייד:

— מומעלע, איך האָב דיך ליב! אַז איך וועל שטאַרבן, וועל איך בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל דיך נעמען צו מיר...

יהודית האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן ווי זי וואָלט עמיצן געזוכט. דער גאָרטן איז געווען זוניק און פול מיט לעבן. די פייגעלעך האָבן געצוויטשעט און יעדע פלאַנץ האָט אויסגעזען אַן אַנ־

דערן ניגון. זי האָט זיך אָבער נישט געפילט מיטגעריסן פון דער דאָזי־קער פרייד און פון דאָזיקן לעבן. אַלץ אין איר איז געווען ווי איבערגע־בראָכן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, גלייך עס וואָלט אין איר מיטאמאָל איינגעפאַלן איר גאַנצער גייסטיקער בנין, וועלכן זי האָט דורך לאַנגע יאָרן פון שווערער מי קוים אין זיך אויפגעשטעלט...

זי איז אַוועק צו זיך אין שטיבל, זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און האָט געפרוווט איינדרימלען. זי האָט זיך געפילט שוואַך און דערשעפט. אַ סך צעבראָכענער ווי נאָך נאַטאַליאַס אַוועקגיין פון איר. אָבער דאָך האָט זיך עפּעס אין איר אָנגעהויבן צו בונטעווען קעגן דער שוואַכקייט. אַן אומבאַוווסטזיניקער לעבנס־ווילן, ווי אַן אינערלעכע נאַטור־קראַפט, האָט זיך געווערט קעגן איר אומעט און זי נישט געלאָזט צוהערן זיך צו דער אינערלעכער שטים פון צער און ווייטיק. זי האָט געווענדט אירע געדאַנקען צו דער פּופּיטשקע און זי האָט געטראַכט: דאָס פּופּיקל איז אַ סך קליגער פון זיין אינטעליגענט ווייבל. ער איז געלאָפן אָן אַן אָטעם צו העלפן אַנדערע. דער מענטש אין אים האָט באַזיגט די שלאַנג. אויך אין איר, אין ווייב, וואָס האָט זיך געהאַלטן „שטאָלץ" און מורא געהאַט פאַר „לייטישע" מיילער צו קומען זען אַ מענטשן, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון בייזע מיילער, האָט אויפגעוואַכט דער מענטש. ניין, זי האָט זיך נישט געפילט דערהויבענער פון דער פּופּיטשקעס וויזיט. אַלץ אין איר איז געווען קריגעריש און אומבאַשטימט.

זי האָט אויפגעהויבן די בליקן צו נאַטאַליאַס צעבראָכענעם פּידל הינטערן שאַפּקעלע און דאָס האַרץ האָט זיך איר צונויפגעדריקט ווי צום פּלאַצן... אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט איז אויפגעגאַנגען אין איר און זי האָט געטראַכט, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען דאָס טירל זאָל זיך עפענען און ער זאָל אַריינקומען... נאָר איין וואָרט פון זיין מויל וואָלט אויסגעהיילט אַלע אירע ווונדן. ווען ער זאָל נאָר זאָגן: אידיסל, איך האָב דיך נאָך ליב... אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, ווי נאַריש זי איז און אַ ביטערער שמייכל האָט זיך צעלייגט אַרום איר מויל. זי האָט אַ טראַכט־געטון: ער האָט דאָך אַפילו מורא געהאַט צו קוקן אויף מיר! און איך? נישט אומ־זיסט האָט קעשין געזאָגט, אַז דער אַלטער דרימפּעטש וועט מיך יונגער־הייט טרייבן אין קבר אַריין... אָבער וואָס זאָל איך טון? פאַרוואָס בין איך אַזוי אומבאַהאָלפן קעגן מיינע געפילן? פאַרוואָס? ווייל דו האָסט נישט גענוג ווייבערישע ווירדע! — האָט זי זיך אַליין געשטראָפט. — פאַר אַוועק צו קעשינען און האָב מיט אים חתונה, שענק אים אַוועק דיין לעבן, שענק עס אים אויס דאַנקבאַרקייט! — האָט עס אין איר אָנגע־הויבן צו קאָכן, — וואָרים נאַטאַליאַ און גינער זענען דאָך עגאָאיסטן, זיי

האָבן דיך פאַרלאָזט, כאָטש זיי האָבן געוווסט, וואָס דו האָסט אַלץ אי־בערגעלעבט. קעשין אָבער וועט צו דיר קומען צו פליען, ווען דו וועסט אים דערלויבן! קעשין איז אויך אַ מענטש!

זי האָט אַראָפּגעגנידערט אין דער טיפקייט פון איר נשמה און זיך גוט איינגעהערט צו אירע שרייענדיקע געפילן. און נאָך אַ לאַנגן טראַכטן איז זי געקומען צום אַנטשלוס, אַז קעשין איז ווויל ווי די וועלט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. אָבער וואָס קומט איר אַרויס, אַז זי האָט אים נישט ליב. נעמען אים ווי אַ קראַנקן־וועכטער... אויסנוצן זיין ערלעכקייט, זיין גוטן ווילן, — דאָס איז נישט שיין, נישט עטיש; דאָס איז אויך גנבה און גזלה... זאָל ער זיצן אין קאַמף און וואַרטן ביז זי וועט אים רופן... זאָל גינער נישט קומען... עס איז אויך גוט, וואָס נאַטאַליאַ האָט זיך נישט באַוויזן. זי וועט זיי אַלע אָפּלאָזן. זי וועט אָנהייבן צו לערנען. דאָס לערנען וועט אין איר הייבן די מאָראַל, שטאַרקן דעם לעבנסווילן. יאָ, דאָס לעבן איז גאָר נישט קיין שפּילעכל... נאַטאַליאַ האָט אַ שיינע היים און אַ שיין ווייב. יאָ, ער האָט אַ גוטן געשמאַק — האָט אַ מינדערווער־טיקייטס־געפיל איר אַ ביס־געטון אין האַרץ און איר אָנגעמאַכט אַ נייע וווּנד. — אָבער נאַטאַליאַ מוז דאָך זען, אַז זי, יהודית, איז פאָרט אַ בע־סערער מענטש — האָט זי אַטאַקירט אין זיך דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל. — יאָ, זי מוז לערנען, זי וועט ווערן אַן אַדוואָקאַט! אַ סך פרויען האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לערנען אין די מיטלערע יאָרן און זענען באַ־קאַנט און באַרימט געוואָרן. און וואָס אַנדערע האָבן געקאָנט וועט זי אויך קענען.

נישט קענענדיק איינשלאָפן איז זי אַראָפּ פון בעטל, אַרויסגענומען פון שאַפקעלע אַ פּעקל מיט אָנגעהויבענער אַרבעט און אַוועקגעזעצט זיך ביים אַרבעטסטישל לעבן דעם פענצטערל, אויסהעפטן אַ שפּיץ פון אַ טישטעך. זינט זי איז צוריקגעקומען פון אַרעסט האָט זי נאָך נישט גע־נומען קיין נאָדל אין דער האַנט אַריין. און מיטן ערשטן שטאָך איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ פרייד, אַ פרייד איבער דעם זיג קעגן איר מוטלאָ־זיקייט. און אומבאַוווסטערהייט האָט זי אָנגעהויבן אונטערצוברומען איי־נעם פון אירע באַליבטע שטילע ניגונים. אָבער באַלד האָבן זיך ווידער דורכגעבראָכן די בייזע געדאַנקען, איינאיינעם מיט אַ שרייענדיקן ווייטיק. ביי איר איז אויסגעקומען, גלייך מען וואָלט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף איר גאָרטן און איר נשמה. זי האָט נישט געקאָנט אין זיך דערשטיקן דאָס געפיל פון פּראָטעסט און נישט געקאָנט אָנקלאָגן אירע שכנים פאַר זייע־רע מסריי. זי האָט זיך דאָס קיינמאָל מיט זיי נישט געקריגט. זי האָט זיך תמיד געהאַלטן ווייט פון זיי.

אַזוי זענען אירע געדאַנקען און געפילן אַרומגעשפּרונגען אין איר ווי צעבויגענע שפּילקעס און זי נישט געלאָזט צו־רו. און איבער אַלעם האָט גענאָגט די אומשטילבאַרע בענקשאַפט נאָך נאַטאַליאַן, אַ בענקשאַפט ווי אַ נישט היילבאַרע קרענק, וואָס צעפרעסט דעם קערפּער מיט דעם גייסט...

זי איז גרייט געווען זיך אַליין צו דערשטיקן קעגן דעם דאָזיקן געפיל צו אים; כדי זיך נוקם צו זיין אין איר פאַרשאָלטענער שוואַכקייט האָט זי צולהכעיסדיק אַריינגעשיפּעט אין זיך, זיך צעקריגט מיט דער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט זי דערנידעריקט. נאַטאַליאַ האָט מיך קיין־מאָל נישט ליב געהאַט... האָט זי זיך אָנגעהויבן איינצורעדן. ער האָט זיך נאָר געניייטיקט אין מיין הילף און דאָס איז אַלץ... זיין ווייב איז רייצנדיק ווי טאַיס און שיין ווי דלילה. איך בין אַ „וויזעלע״. נישט אומזיסט האָט מיין אָרעמע מאַמע געוויינט און זיך באַקלאָגט, אַז איך בין אַן אומגליק, אַן איבעריקע, אַ שפּעט־געקומענע... יאָ, יאָ, ביסט גערעכט געווען, מיין אָרים, אויסגעהאָרעוועט מאַמעלע! ביסט גערעכט געווען!...

אַ כעס אויף זיך אַליין האָט זיך אין איר צעבונדן. דאָס נעדעלע אין אירע פינגער איז אַרומגעשפּרונגען איבער אַ בלומען־בלעטעלע צוזאַמען מיט אירע געדאַנקען, וועלכע האָבן אין איר געגריבלט און גענישטערט אַ וועג זיך צו ראַטעווען פון דער ירידה. פּלוצים איז איר ווידער איינגעפאַלן דער זאָג פון פּשיבישעווסקיס אַ העלד: „די ווערעמדיקע געדאַנקען זע־נען אימשטאַנד צו צעפרעסן דעם מענטשלעכן ווילן. נאָר יענער מענטש איז אַ גאָט, וועלכער קען פאַראַכטן אַלץ, וואָס שרעקט אים, פאַראַכטן אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל אויפהערן פאַר אים צו עקזיסטירן״.

ענדלעך האָט זי זיך אַביסל באַרויִקט און אַ פעסטקייט האָט זיך געהאַמערט אַרום איר פאַרשלאָסן מויל. ס׳איז קענטיק געווען, אַז זי האָט מיט געוואַלד געפּרוווט ווידער אויפלעבן אין זיך דעם געפאַלענעם מוט און ווילן, כדי בייצוקומען אַלע און אַלץ, וואָס איז איר מער נישט געווען צום האַרצן.

פאַרנומען מיט אירע אינערלעכע ראַנגלענישן האָט זי נישט באַ־מערקט, ווי ס׳האָט זיך אומדערוואַרט אַריינגעשאַרט אין שטיבל איר לאַנדסמאַן קראָכמעל, אָן אויסגעפּוצטער אין אַ נייעם, ווייסן ספּאָרט־אַנצוג. אין דער שוואַרצער בינדע האָט געשטעקט אַ גאָלדענע שפּילקע מיט אַ דימענטל. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און זיך צוגעבויגן צו איר פּנים:

— וואָס מאַכסטו, יהודיתל? איך האָב דיך אַזוי שטאַרק געוואָלט

זען! איך האָב מיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דו אַליין זאָלסט צו מיר אַ קלינג טון...

זיין שטים האָט געקלונגען היימיש און געטריי. יהודית האָט זיך דערמאָנט אָן איר אַמאָליקן לערער. דעם פּאַנאַטישן טאָלסטאָיאַנער, און דאָס געפיל צו אים איז אין איר ווייכער געוואָרן. זי האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך אויפגעהויבן. אים דערלאַנגט אַ בענקל און געקוקט אויף אים מיט אַ צוטרוילעכן בליק. ער האָט זיך ברייטלעך אַנידערגע־זעצט און זשענטלמעניש אָנגענומען איר רעכטע האַנט און זי אויסגע־קושט ביז די שפּיצן פון די פינגער. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געזען פאַר זיך — נאַטאַליאַן. איר האַרץ איז פול געווען מיט עלנט. די נאָענטקייט פון איר געוועזענעם לערער האָט זי דערמאָנט אָן איר חרוב־געוואָרענער היים, אָן די מיידלעך פון „ווייסן הויז" און פון מי־שאַן, איר ערשטער געליבטער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז קראָכמעל איז פאַרבליבן דער איינציקער עדות, אַז אויך זי, יהודית, איז נישט געווען קיין קינד פון דער גאַס. אין די איינזאַמע שעהן פון די לעצטע טעג האָט זי אָפט געטראַכט, אַז ווען ער זאָל זי באַזוכן, וואָלט זי מיט אים גערעדט וועגן אַמאָל, פון אירע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער.

זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם רוגז, זיך אָנגעשטרענגט צו פילן, אַז ער איז נאָך ווי געווען און איז פאַר איר ווי אַ פאַרבליבענער אבר פון אַ צעשניטענעם קערפּער...

ער האָט זיך געפרייט מיט איר נאָכגעביקייט און צו איר אויפגע־הויבן זיינע נצחונדיקע בליקן:

— אָט אַזוי געפעלסטו מיר!... מען דאַרף נישט זיין קיין נאַרישער עקשן! דו ביסט היינט נאָך שענער ווי פריער!

זי האָט פּאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן דעם אָרים פון זיינע הענט און זיך פון אים אָפּגערוקט. די דאָזיקע האַלטונג האָט ווידער אין אים דער־וועקט דעם רוגז. ער איז ווידער געוואָרן נישט מער ווי אַ מאַן, אַ כיטראַק, וואָס האָט געוווסט, ווען אויסצונוצן די שוואַכקייט פון דער פרוי... אָבער יהודית האָט מיט ווירדע אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו פילן זיכערער ביי זיך. די קאַרבן אַרום איר מויל האָבן דייטלעך געלאָזט זען איר פאַרביסנקייט.

קראָכמעל אָבער האָט אַ לאַך־געטון און זי ווידער צוגעצויגן צו זיך.

— קום אַהער, יהודיתל, און גיב מיר דיינע געשמאַקע ליפּן! ביז ווען וועסטו מיך האַלטן אויף דער ווענדקע?... ביז ווען?

זי האָט כמארנע צוזאַמענגעצויגן די שווערע ברעמען, אַ סימן, אַז

עפּעס אין איר האָט זיך צעבונטעוועט. זי האָט זיך נישט געלאָזט באַ־הערשן. זיין באַנעמונג האָט זי אָפּגעשטויסן און זי האָט דערפילט אַ פרעמדקייט און גלייכגילטיקייט צו אים.

ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, אָבער איז געווען צערודערט פון נייגער, און אַ מאָדנע גוטער געפיל האָט אים באַהערשט. ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט טאָקע נישט באַדאַרפט צולאָזן, אַז זי זאָל „דאָרט" אָפּפינצטערן גאַנ־צע דריי טעג און נעכט. אָבער שולדיק אין דעם איז געווען איר פויע־רישע עקשנות... זי האָט זיכער נישט געלאָזט, אַז דאָס קליינע „פּופּיקל" זאָל צו אים גיין בעטן הילף... און זי איז דאָך פּאָרט געבליבן די איינ־ציקע פון זיין דערפל, וועלכע דערמאָנט אים אָן זיין רייכער, שיינער פאַרגאַנגענהייט... איי, איי! — האָט עס אין אים אָנגעהויבן צו קאָכן און רופן צו אַ חשבון הנפש... אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט און גע־טראַכט: בעסער איז נישט צו גריבלען זיך אַזוי פיל... מען קען משוגע ווערן און זיך די האָר פון קאָפּ רייסן... גאַנצע משפחות זענען צעשטויבט געוואָרן. און זי, דאָס דאָזיקע ווילדע באַשעפעניש, פאַרשטייט גאָרנישט, אַז ער איז איר אַ פריינט און ער מוז און וויל זי האָבן נעבן זיך... ער וויל פילן דעם היימישן דופט פון אירע צעפּ. אַך, וויפל היימישקייט און דאָרפישער חן זי פאַרקערפּערט נאָך אין זיך! און ווער געניסט דערפון? ווער האָט פון דעם הנאה? און ווער איז דען אויף דעם אַלעם אַ מבין?

יהודית האָט אַרויסגעפילט זיינע געדאַנקען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין געווען זיכער מיט זיין נצחון אַדאַנק איר עלנטן און שוואַכן געזונט־צושטאַנד. און אַ מאָדנער קריגס־חשק האָט זיך אין איר צעבונדן:

„ביסט אַ גרויסער מענטשן־קענער, טאָלסטאָיאַנער מיינער", — האָט זי געטראַכט, — „וועסט דיך שוין מיט גאָטס הילף מוזן האַלטן ביי דיין דייטשישער לאָטאָ... יעדער פון אונדז מוז אַליין שניידן דאָס קאָרן, וועלכן מיר פאַרזייען... האָסט אַ פאַבריק מיט הויכע פאַרגראָטעטע פענצטער, טאָלסטאָיאַנער מיינער, זאָל דאָס זיין אַ פאַרגיטיקונג פאַר דיין געלט־גייציקייט...

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט וואַרימע שמייכלעך, זיך אויפגעהויבן און זי אַריינגענומען אין זיינע גרויסע, שטאַרקע הענט. זיינע ליפּן האָבן ווילד געזוכט אירע, אָבער זי האָט זיך געוועהרט. ער איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק, אַז אירע כוחות האָבן אָנגעהויבן נאָכצולאָזן. אין איר מאַכטלאָזיקייט האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען: נאַטאַליאַ! נאַטאַליאַ! אָבער ס'האָט איר נישט געהאָלפן. ער האָט נישט נאָכגעגעבן. האָט זי אים אויס פאַרצווייפלונג אַ ביס־געטון אין דער אויבערשטער ליפּ. ער האָט

זי אָפּגעלאָזט, אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דאָס נאָזטיכל און זיך אָפּגע־ווישט די ליפּ. דאָס פאַרבלוטיקטע טיכל האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַ שרעק. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און אויף אים געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי זי וואָלט אָנגענומען אַ קאַמף־שטעלונג און אָפּגעוואַרט די אויסוויקלונג פון דער געשעעניש.

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ מאָנענדיקן און בייזן בליק און געמורמלט:

— דו ווילדע חיה! האָסט נישט פאַרשטאַנען, אַז אַ צייכן אויף די ליפּן קען מיך קאָמפּראָמעטירן? איך האָב דאָך אַ ווייב און קינדער!...

זי האָט ביטער געלאַכט. אַ מצווה אויף דיר, האָט זי געטראַכט. אַצינד וועסטו שוין מער נישט קומען צו מיר, אַפילו מאָנען דירה־געלט וועסטו דיך שוין שעמען.

אין אים האָט זיך געבונטעוועט זיין אייגנליבע און זיין פילאַנטראָפּיש געפיל. ס'איז ביי אים אויסגעקומען, אַז זיינע אַ באַקאַנטע פרוי האָט ביי אים פאַרכאַפּט דאָס שטיבל און זיך געפלאַנצט אַ גאָרטן. פאַר דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט מען אים שוין אָנגעבאָטן גרויסע סומעס געלט, אָבער ער האָט די אָנבאָטן נישט אָנגענומען, אויס מיטלייד צו איר. אָבער זי זעט דאָס נישט איין, איז נישט דאַנקבאַר און נוצט נאָר אויס זיין גרויס־מוטיקייט. נאַטאַליאַ איז ביי איר בילכער ווי ער... און וואָס טוט דאָ דער משוגענער מאַלער? איז ער שענער? וועט ער איר פאַרשאַפן מער באַקוועמלעכקייטן? נאַטאַליאַ האָט זי אויסגעשפּיגן און דער משוגענער מאַלער וועט זי צום איבעריקן דערקוועטשן... זי קריכט אין אַ זומפּ און גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג...

מיך באַליידיקט זי, ווייל זי ווייסט, אַז איך וועל איר קיין שלעכטס נישט טון. מיך פאַרטרייבט זי פון זיך, ווייל זי ווייסט, אַז איר נאָנטקייט איז מיר טייער, ווייל פון איר שמעקט מיט די ריחות פון אונדזער היימישן דאָרף... האָט ער ביי איר נישט פאַרדינט קיין ביסעלע אָנערקענונג? ווו איז די גערעכטיקייט? — האָט עס אין אים געברענט פון צאָרן.

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ בליק, וואָס איז געווען פול מיט באַליידיקונג, און איבערגעריסן די פיינלעכע, אָנגעצויגענע שטילקייט.

— יהודית, האָסטו נאָך נישט נאָכגעטראַכט, אַז מיר דאַרפן זיך איינס דאָס אַנדערע? און ווייסטו כאָטש, וואָס איך קען פאַר דיר באַדייטן?

זי האָט פאַרביסן געשוויגן און געטראַכט: פון אַזאַ געטרייקייט קען מען זיך נישט פילן דערהויבן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם איראָנישן אויסדרוק אויף איר פּנים און שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— הער מיין עצה און הער אויף צו דאָן קיכאָטעווען! נעם־אויף דאָס לעבן אזוי ווי עס איז און דו וועסט נישט דאַרפן פאַרוועלקן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרביטערט געביסן די אויבערשטע ליפּ.

יהודית האָט אומרויִק אָנגעהויבן שפּאַנען אהין און צוריק און אים נישט געענטפערט. זי האָט נישט געקענט באַנעמען זיין האנדלונג. ער האָט דאָך געמוזט פאַרשטיין איר אינערלעכן צושטאנד! ער קען דאָך איר פריינטשאַפט צו אים — האָט עס אין איר גערודערט און געצאַרנט.

ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט זשעדנע בליקן און זי ווידער נישט פאַרשטאנען. אויך זיך גופא האָט ער נישט באַגריפן, וואָס עס ציט אים תמיד צו איר, און כאָטש ער איז פון דער נאַטור ענערגיש און שטאָלץ, כאָטש ער האָט זיך שוין אָפט צוגעשווירן מער נישט אַריינצוגיין צו איר, איבערהויפּט נאָכן לעצטן באַזוך, איז ער פונדעסטוועגן ווידער געגאנגען.

— ווילסטו טאַקע ווערן אַ צווייטע מיסעס סימפּסאָן? — האָט דער פאַרדרוס פון אים אַרויסגערעדט — און דו מאָנסט גערעכטיקייט!

זי האָט אַרויסגעפילט זיין חוזק. אָבער זי האָט זיך נישט געערגערט. האָט העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערשטיקט אין זיך דעם כעס.

— אַזוי דאַנקסטו מיר פאַר מיין גוטסקייט? — האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

— גיי אַהיים צו דיין ווייב און קינדער, „טאָלסטאָיאַנער"!...

— שיקסטו דעם משוגענעם מאָלער אויך אַהיים?... — האָט ער בייסיק געשמייכלט.

— דאָס איז נישט דיין עסק! איך פאַרראַט קיינעם נישט...

ער איז געוואָרן רויט. מעכאַניש אָפּגעווישט די ליפּ און אַ לאַך־געטון:

— יעדער נאַר איז ביי דיר אַ יש, אָבער מיינע נאָבעלע געפילן טרעטסטו מיט די פיס.

— דו אַליין טרעטסט זיי, — האָט יהודית שוואַך אָפּגעענטפערט, — וואָלסטו נישט געוועזן דער באַלעבאָס פון דער־אַ הייזקע, וואָלסטו שוין לאַנג געכאַפּט מיט אַ בענקל איבער דיין נאַרישן קאָפּ!

— שווייג! — האָט ער זי שטרענג געוואָרנט. — שכנים הערן!

— קום נישט אַהער! און וויסן זאָלסטו, אַז נאַטאַליאַ איז נאָך אַלץ דער באַלעבאָס איבער מיין האַרץ!

— ביסט משוגע! — האָט ער צאַרנדיק אויסגערופן. — נאַטאַליאַ האָט אַ ווייב מיט קינדער! ער האָט דיך אין דער לינקער פּאה...

— וואָס האָסטו צו מיר! — האָט זי אויפגעהויבן די פויסטן און

געשריִען ווי נישט מיט איר קול. — פאַר וואָס פייניקסטו מיך? פאַר וואָס?
ער איז בלייך געוואָרן און נישט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אויך אַרויסצוגייִן פון שטיבל האָט ער מורא געהאַט און זיך געשעמט... ער האָט שטיל געוואַרט ביז איר צאָרן וועט זיך שטילן. זי איז צוגע־גאַנגען צום פענצטערל און אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט. ניין און ניין, האָט עס אין איר געריט, זי איז די איינציקע, וואָס האָט אַ רעכט צו באַשטימען איבער איר לעבן. זי אַליין האָט אַריינגענומען איר ווייבערישן גורל אין אירע הענט. זאָל ער פאַרשטיין, אַז איר פרייהייט איז איר איינציק פאַרמעגן, און זי איז נישט קיין הפקר־מענטש.
ער איז צוגעגאַנגען צו איר און לייכט באַרירט אירע אַקסלען.
— יהודית, נאַטאַליאַ פייפט אויף דיין טאַטן! ער האָט אַ ווייב אַ שיינהייט...
זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט און מיט פאַרקרומטע ליפּן געענט־פערט:
— יאָ, נאַטאַליאַ האָט מיך טאַקע איבערגעלאָזט, אָבער איך בין גע־בליבן ערלעך! איך האָב מיך נישט פאַרקויפט פאַר אַ פאַבריק מיט הויכע, פאַרגראַטעטע פענצטער...
ער האָט זיך געפילט געטראָפן און איר צוגעוואָרפן אַ ביסיקן שמייכל.
— וועסט נאָך אַמאָל מוזן אָנקומען צו מיר!... געדענק!...
ער האָט זיך אויסגעדרייט און פאַרלאָזט דאָס שטיבל. אַלץ אין אים האָט געברויזט פאַר כעס און מורא פאַר לייטישע מיילער. כאָטש ער איז צו איר געגאַנגען אין דער צייט, ווען די שכנים האָבן גערוט, האָבן זיי אים דאָך געהאַלטן אויפן אויג. זיי האָבן אים געהערט צופאָרן מיטן אויטאָמאָביל און זיך פאַרשטעקט הינטער די ביימער און געשושקעט צווישן זיך:
— גאָט וועט איר שוין צאָלן. זי נעמט צו אַ טאַטן פון קליינע קינדער...
— ער איז אויך נישט קיין הייליקער...
— פאַרוואָס גייט ער צו איר גראָד ווען מיר לייגן זיך אָפּרוען?
— ער איז אַ פּחדן. ער מיינט, אַז מיר וועלן אים נישט זען.
— שולדיק איז די גרינינקע! אַזעלכע ווייבלעך ווי זי ווייסן שוין ווי ביי איינעם אַרויסצונעמען די פּעזעס...
— זייער גלייך טוט זי! פאַר וואָס דען ווינט זי איינע אַליין? זאָל זי כאָטש עפּעס האָבן פון „דעם"...
— מענער זענען ווי זלידנע פליגן! וואָס האָט ער דערזען אין איר?

— כאַ, כאַ, כאַ! דאָס בינטל ביינער!

— לאָך נישט, זי האָט אָבער שיינע אויגן.

— זי איז אַ כישופמאַכערן! אויך אונדזערע מענער שלינגען זי איין מיט די אויגן!

— וועמען? זי? כאַ, כאַ, כאַ!

און יהודית איז אַלץ געשטאַנען אינמיטן שטיבל, מיט די הענט אויפן האַרץ פאַרלייגט און אירע ברייטע אויפגעריסענע אויגן האָבן זיך גע־ריסן ערגעץ ווייט, ווייט. ס'האָט פון איר אַרויסגעוויינט:

נאַטאַליאַ! פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון מיר? פאַר וואָססס?!..

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

גינער איז געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל פון דער שאַפע און זיך פאַרטראַכ־טערהייט אויסגעבונדן אַ ברייטע, בלויע בינדע ביים קאָלנער פון ספּאָרט־העמד. אין צימער איז געווען שטיל און האַלב־טונקל. די לעצטע באַטאַ־גיקע שטיקער שיין זענען אַריינגעפאַלן דורך דעם צענומענעם פאָרהאַנג איבער דער טיר. זיי האָבן אַנגעוואָרפן אויף אים אַ מילדע בלייכקייט. אויף אים האָט געערוט אַ רויִקער שמייכל, אַזאַ מאָדנע צופרידנקייט, ווייל ער האָט גובר געווען אין זיך די צעלאָזנקייט. גינער איז מער ווי צוויי וואָכן נישט געווען אין גאַס. ער האָט זיך פרייוויליק פאַרמאַכט אין זיין אַרבעטס־שטיבל און געאַרבעט אָן אָפּרו. די בענקשאַפט נאָך יהודיתן האָט אויפגע־וועקט אין אים אַ נייעם, שעפערישן אימפּעט און ער האָט דעם אימפּעט אויסגענוצט.

אין די אַרבעטס־טעג איז אים יהודית געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט אָבער געטראַכט מער נישט גיין צו איר, נישט גיין, ווייל זי האָט אים אָפן און פריי אויסגעזאָגט וועגן אירע אויפגעוואַכטע געפילן צו נאַ־טאַליאַן. די אויפריכטיקייט האָט אים באַליידיקט און אָפּגעקילט זיינע גע־פילן צו איר. אָבער ווען ער האָט זיך באַרויִקט פון זיין שעפערישן אימ־פּעט, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט זיין אָן איר. האָט ער זי ווידער אָנגעהויבן צו זען אין איר גאָרטן צווישן די בלומען און אויך אויפן טעפּיך אויפן דיל, שפּילנדיק אויף דער האַרמאָשקע. נייגער האָט אין אים גע־ברויזט. און די מענערישע אַמביציע, אויך די אייפערזוכט צו נאַטאַליאַן האָט אים געגעסן, אים געטריבן צו יהודיתן און אים געהייסן באַזייטיקן נאַטאַליאַס געדעכעניש פון איר.

גינער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַ טראַכט־געטון:

— נאַטאַליאָ האָט זי פאַרלאָזט, האָט ער מער קיין רעכט נישט צו צעשטערן איר רעשט ביסל גליק. נאַטאַליאָ איז אַן עגאָיסט. ער וועט נישט האָבן דעם כוח צו קומען צו איר און פרווון מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן פאַר די ליידן, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט... יהודית ווייסט, אַז ער איז גליקלעך מיט זיין קריסטלעך ווייב. זי וועט זיכער מיט געוואַלד דער־שטיקן אין זיך יעדן אויפגעוואַכטן געפיל צו אים, און ער, גינער, וועט ווידער פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ אין איר האַרץ. אַזוי וועט ער ווידער אויפשיינען מיטן אַלטן פייער צום שאַפן, אַן אימפּעט וואָס זי האָט אין אים אָנגעצונדן. ער וועט גיין צו איר, ווען זיין האַרץ וועט גלוסטן. און איצט וועט זי אים אויך אויפנעמען אָן קיין שום פּרעטענזיעס. קיין פליכטן קען ער צו איר נישט האָבן! ער האָט שוין גענוג לאַסט דאָס אייגענע ווייב און קינדער. גענוג! יהודית איז קלוג, זי אַליין ווייסט דאָס גאַנץ גוט.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַזוי באַרוישט, אַז ער האָט צווישן די ליפּן געזייעט:

— טייערינקע מיינע! ווי דערהויבן דו האָסט מיך! קינד, טרוימערן, נאַריש מיידל!

זיין ווייב האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר און האָט אים אָפּגעגאָסן מיט די צופרידענע שמייכלען פון אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן:

— האָסט מיך גערופן, זיסע ליבע מיינע?...

ער איז געווען פאַרטון אין טראַכטן און נישט געהערט דעם ווייבס רייד. ער האָט אַ מורמל־געטון:

— ווי שיין דו ביסט, לעבן מיינס! און ווי הערלעך דיינע אויגן שיי־נען!...

פרייד האָט זיך אויסגעלייגט אַרום איר מויל און נצחון פון אַ פרוי, וואָס ווייסט, אַז זי האָט גרויס געמאַכט דעם מאַן אירן. זי איז זיכער געווען, אַז אירע צערטלעכקייטן און איר קלוגשאַפט האָבן גינערן צוריקגעבראַכט צום שאַפן. האָט זי זיך אַ לאָז געטון צו אים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין רעכטן אַקסל און אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גאָט:

— טו אַ קוק! — האָט זי זיך צו אים געלאַשטשעט — ס'פּאַסט מיר די נייע קימאָנאָ?

ער האָט זי באַטראַכט מיט אַ זייטיקן בליק, געזען די גרויסע רויטע רויזן אויף דעם שאַרלאַך־גרינעם זיידנס פון דער לאַנגער קימאָנאָ און זיך ווידער פאַרקוקט אין שפּיגל.

— ווי הערלעך דו ביסט, לעבן מיינס!... ווי שיין זענען דיינע צעפּ!

אין שפּיגל האָט ער דערזען דעם ווייבס אַ פאַרוווּנדערטן בליק און ער האָט גיך צוגעגעבן:

— ווי שיין זענען דיינע נייע רויטע שטעקשיכלעך! דו האָסט אין מיר דערוועקט אַ נייעם שפּעפערישן כּוח!

איסאַבעל האָט אָפּגעאָטעמט פריי. גדלות האָט אויפגעשיינט אין אירע בליקן. האָט זי צוגעטוליעט איר רעכטע באַק צו זיינער און זיך אָנגערופן:

— זאָלסט היינט אַהיימקומען פריי, וועלן מיר נעמען די קינדער און גיין מיט זיי אין אַ קינאָ אַריין!

— וואָרט נישט אויף מיר, — האָט גינער אומגעדולדיק אַ שעפּטשע־געטון. — היינט בין איך שטאַרק פאַרנומען!

זי האָט וואַרעם געשמייכלט און געטריי געגלעט זיינע האָר פון קאָפּ:

— האָסט שוין באַלד פאַרגעסן אָן דיין ווייב, לעבן מיינס!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אים אויסגעבונדן דעם שלייף פון דער בינדע, און מיט אַ מינע פון אַ פרוי, וואָס לעבט נאָר אין זכות פון איר מאַנס גרויסקייט, האָט זי אַ פרעג געטון:

— און אַ מאַטע וועסטו מיט מיר טרינקען, ליבסטער?

ער האָט זי שווייגנדיק אָנגענומען ביים אָרעם און איז מיט איר אַרויס־געגאַנגען פון צימער. צווישן די הויכע וואַזאַנעס איז געשטאַנען אַ קליין וויס־באַדעקט טישל מיט אַ צוגעגרייטער מאַטע און אַ טעצל מיט היימישע האָניק־קיכלעך. זי האָט אָנגעגאָסן אַ מאַטע און אים דערלאַנגט. האָט ער זי אויסגעזופּט, אַ כאַפּ־געטון איין קיכעלע און נאָך איינס, און וואַרטנדיק אַז דאָס ווייב זאָל אויסטרינקען די מאַטע און אים געבן נאָך איינע, האָט ער דערווייל געקייט אויף ביידע באַקן. נאָכן אויסטרינקען די צווייטע מאַטע, האָט ער געכאַפּט עטלעכע קיכלעך, אַ קוש־געטון דעם ווייב אין באַק אַריין און אַרויסגייענדיק גערופן צו איר:

— ביז שפּעטער, אַלטינקע מיינע!

זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צום אַרויסגאַנגס־טירל און האָט אים לאַנג נאָכגעפאָכעט מיטן נאָזטיכל; איר פּנים האָט געשיינט פון גליק:

— ביז שפּעטער, מיין זיסע ליבע, דו זאָלסט האָבן דערפאָלג! אַ סך דערפאָלג!

ס'איז צוגעפאָרן צום טראָטואַר אַ נייער בלויער אויטאָמאָביל, פון וועלכן ס'איז אויף גיך אַרויס נאַטאַליאַ און פאַרהאַקנדיק דאָס טירל הינ־טער זיך, גלייך צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט אים אַנטקעגנגעשטרעקט ביידע הענט און אויסגערופן פאַרוווּנדערט:

— אַך, וואָס פאַר אַן אָנגענעמער גאַסט! וואָס אייגנטלעך האָט אייך אַהערגעבראַכט?

— ווו איז גינער? — האָט ער געפרעגט און צו איר אויפגעהויבן אַן אומרויִק פּנים.

— ער איז נאָר וואָס אַוועק! — האָט איסאַבעל געענטפערט און בעת־מעשה געזוכט מיט די בליקן, צי איר מאַן איז געבליבן שטיין ביים ראַג און געוואַרט אויפן אָמניבוס. אַז זי האָט אים מער נישט געזען, האָט זי נאַטאַליאַן אַ נעם־געטון אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין הייפל:

— איך האָב אַפילו נישט געחלומט, אַז איר וועט היינט דאָ זיין! קומט און איר וועט עפּעס זען! — האָט זי גערעדט און אויפגעהויבן דאָס פּנים צום אויבערשטן אַרבעטס־שטיבל.

נאַטאַליאַ איז געוואָרן אומעטיק און אומגעדולדיק. ער האָט אַ קוק־געטון אויפן האַנט־זייגערל און אַ זאָג־געטון:

— איך מוז צופאָרן צו אַ קראַנקן... אַז גינער וועט צוריקקומען, זאָלט איר אים זאָגן, אַז ער זאָל צו מיר אָנקלינגען.

— ניין, ניין! — האָט זיך איסאַבעל געעקשנט און אים מיט געוואַלד אַרויפגעפירט אין אַרבעטס־שטיבל. נאַטאַליאָס בליקן זענען נישט ווילנ־דיק געפאַלן אויף אַ פריש פאַרענדיקט בילד פון יהודיתן. איסאַבעל האָט גלייך באַמערקט זיינע דערשטוינטע בליקן און זיין פאַרוווּנדערונג. ער האָט באַטראַכט דאָס בילד, געזען דעם דערשטיקטן צער אַרום די קאַרבן פון יהודיתעס מויל און אויך די ברייטקייט פון אירע לויטערע אויגן, אויגן פולע מיט בענקשאַפט און טיפער פאַרטראַכטקייט.

איסאַבעל האָט פריידיק אונטערגעטאַנצט אויף די אויסגעהוילטע קנאָפלעך פון אירע רויטע שטעקשיכלעך און צוגעגעבן:

— דאָס דאָזיקע בילד פאַרמאָגט די צאַרטקייט ווי פון מאַנאַליזאַ און די נאַטירלעכקייט ווי פון זשיאָקאָנדאַ!

נאַטאַליאַ האָט געהאַמעוועט אין זיך די אומרו. זיינע בליקן זענען נישט אַראָפּ פון בילד. עס איז אים געקומען אויפן זין: גינער שטעלט דיר אַרויס „הערנער" און דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז דו ביסט זיין מוזע.

איסאַבעל האָט פריידיק אַ פּאַטש־געטון מיט די הענט און אַריינגע־רעדט אין זיין פאַרטראַכט פּנים:

— מיר גרייטן־צו אַן אויסשטעלונג! דאָס דאָזיקע בילד איז אונדזער גרעסטע האָפענונג.

ער האָט ווידער אַן אומרויִקן בליק געטון אויף זיין האַנט־זייגערל, במורנע צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און אָפּגעהאַקט געזאָגט:

— איך וועל קויפן דאָס בילד!

זי האָט אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד און איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג:

— אַך, וואָס פֿאַר אַ סיורפּריז דאָס וועט זיין פֿאַר גינערן!

נאַטאַליאַ האָט איר קיין וואָרט נישט געענטפֿערט, איר נאָר געדריקט די האַנט און איז אַרויס פֿון צימערל. זי איז אים נאָכגעלאָפֿן, אים גענומען אונטער איר אָרעם און אים אַרויסבאַגלייט ביז צום אויטאָמאָביל:

— וואָס מאַכט אייער ווייב און וואָס מאַכן עפּעס אייערע קינדערלעך? פֿאַרוואָס קומט איר נישט צו מיט זיי? — האָט זי אים אויס העפֿלעכקייט געפֿרעגט.

ער האָט אויפֿגעמאַכט דאָס טירל פֿון אויטאָמאָביל, זיך באַקוועם אַריינגעזעצט און גענומען דאָס שטייער־רעדל אין די הענט אַריין, איר צוגעוואָרפֿן אַ פֿריינטלעכן שמייכל און געענטפֿערט:

— מיר וועלן שוין קומען! — גריסט גינערן און זאָגט אים, אַז ער זאָל מיר אָנקלינגען.

— גוט, אָבער פֿאַרגעסט נישט צו קומען! אייער פֿרוי וועט זיך אַנט־ציקן פֿון דעם גרויסן אוצר, וואָס איר האָט געקויפֿט, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד.

ער האָט אַרונטערגעלאָזט די בליקן. אַ פֿאַרלוירענער שמייכל האָט אויפֿגעציטערט אַרום זיין מויל. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס־געטון פֿון אָרט. זי האָט נאָכגעפֿאָכעט מיטן נאָזטיכל.

— ביז מאָרגן!

איר שטים איז אים נאָכגעלאָפֿן: „אייער ווייב וועט זיין אַנטציקט פֿון דעם אוצר, וואָס איר האָט געקויפֿט“.

ער האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל, אים געיאָגט אָן אַ ציל, ווי מען יאָגט פֿון זיך שוואַרצע מחשבות. אין אים האָט געברויזט אַ שטאַרקע איי־פֿערזוכט צו גינערן. ער איז געווען זיכער, אַז גינער איז געפֿאָרן צו יהו־דיתן. אים האָט וויי־געטון ביזן מאַרך פֿון די ביינער גינערס דעגרונטע־ווען זיך צו איר נשמה. נאַטאַליאַ איז געווען זיכער, אַז יהודית האָט זיך פֿאַרליבט אין גינערן. ער האָט אַלץ געפֿילט אויף זיך אירע בליקן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין זיין האַרץ דעמאָלט, ווען זיי זענען ביידע גע־שטאַנען צו־קאָפּנס לעבן דער גוססדיקער קוקי. ביי אים איז גאָר אויס־געקומען, גלייך ווי יהודית און גינער וואָלטן אים פֿאַרראַטן. זיין אייגנ־ליבע האָט זיך צעבונטעוועט קעגן זיי ביידע.

נאַטאַליאַ האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל דורך די שמאָלע גאַסן פֿון צענטער און ביט געזען, ווי די פּאָליציאַנטן האָבן אים נאָכגעקוקט מיט פֿאַרדאַכט. ס׳זענען אים גאָר נאָכגעלאָפֿן זיין טעכטערלס געוואַלדן: „איך האָב מורא פֿאַרן זיידן, ער האָט דערהרגעט מיין דערלייזער...“

אַ קאַלטער שוויס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן. זיינע אויגן

האָבן געפּינצטערט אין דער ווייטער אומבאַשטימטקייט אַריין. ער האָט נישט געוווּסט, וווהין עס האָט אים געטריבן און אויך נישט צוליב וואָס ער איז געפֿאָרן צו גינערן... ערגעץ טיף אין זיינע חושים האָט עס גע־ברויזט און אים אונטערגעזאָגט: צוליב יהודיתן ביסטו צו אים געפֿאָרן... נאַטאַליאַ האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די דאָזיקע געדאַנקען. ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט זיין מיט זיך אַליין.

ער האָט אַ טרייב געטון דעם אויטאָמאָביל אין אַן אַנדערער ריכטונג און באַלד איז ער אָנגעקומען צום זוים פֿון דער ברייטער אַוועניִדאַ קאָס־טאַנעראַ. דאָרט איז ער אויסגעשטיגן, אַרויסגענומען אַ טיכעלע פֿון קעשענע און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון פּנים. ער האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע זיפֿצן און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט אָדער זיך געהיטן, אַז באַקאַנטע זאָלן אים נישט באַמערקן. ער האָט האַס־טיק פֿאַרהאַקט דאָס טירל פֿון אויטאָמאָביל, איז אַראָפּ צום ברעג און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייסן שטיין. דאַן האָט ער אַריינגעלייגט דעם שווערן קאָפּ אין די הענט און זיינע אומרויִקע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט העט ווייט איבערן וואַסער. די ים־כוואַליעס האָבן זיך געקנייטשט און געבויגן ווי אַ ליילעך פֿון ווייס־בלויען זייד. מחנות ווייסע מעוועס האָבן אַרומגע־קרייזט אין דער לופֿטן און ריטמיש באַוועגט מיט די פֿליגל. באַלד האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט און באַלד זיך אויפֿגעהויבן און געמאַכט נייע אומ־קרייזן. נאַטאַליאַ האָט זיי נאָכגעפֿאָלגט מיט בליקן פֿון קנאה און אור־מעט. די דאָזיקע ווייסע באַשעפֿענישן האָבן נישט קיין באַגריף וועגן זייער אייגן גרויס גליק. ס'וואָלט גוט געווען, ווען אויך ער זאָל האָבן פֿליגל, זאָל ער זיי צענעמען און אַוועקפֿליִען ווייט־ווייט, ווייט פֿון אַלעמען און פֿון זיך אַליין און פֿאַרגעסן, וואָס עס דערוואַרט אים איצט...

אַזוי פֿאַרטון אין זיינע געדאַנקען האָט ער איבערגעטראָגן אַ צע־שטרייטן בליק צום שטיין, אויף וועלכן ער איז געזעסן און וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט אַ גרינעם, נאַסן שליים, און ער האָט זיך צעפֿילאָזאָפֿירט: דער דאָזיקער שטיין האָט שוין איבערגעלעבט דאָס לעבן פֿון מיליאָנען מענטשן. אַ שאָד, וואָס ער קען נישט דערציילן, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון אין די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר ביים ברעג פֿון ים. וויפֿל מענטשן האָבן דאָ געגאָסן פֿון דער פֿאַרבאָטענער פֿרייד? וויפֿל מענטשן האָבן דאָ אויס־געגאָסן זייער טרויער? אויך ער, נאַטאַליאַ, מיט יהודיתן זענען אַ סך מאָל געזעסן אויף דעם שטיין און זיך געצערטלט און געקושט. ווי שיין איז דאָס געווען! און צוליב וואָס איז ער געפֿאָרן זען גינערן און אַצינד דאָ אַהער? ער האָט געפּרוּווט אַראָפּנידערן אין זיך צו זיינע געפֿילן און ער האָט זיך אַליין געענטפֿערט: ער איז געקומען פֿילן ביי גינערן יהודיתעס אָטעם...

אויך צום ים האָט אים איר גייסט געבראַכט... יאָ, זי וועט פאַרשטיין, זי וועט מיך שוין פאַרשטיין...

„מיין ווייב איז פאַרליבט אין לעבן. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, אַז איר לעבן, דאָס בין איך! זי האָט פון מיר אַוועקגעריסן מיינע קינדער. מיין ווייב איז אייפערזיכטיק אויף דעם יידישן פונק, וואָס לעבט נאָך אין זיי. מרימל וועט אויפוואַקסן אַ גייסטיקער קריפּל. איר נשמה וועט זיך פּייניקן צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע רעליגיעס. שוין איצט ווערט זי געפּייניקט פון אַ קרענקלעכן האַס צו יידן ווי צו די שולדיקע אין „איר דערלייזערס אומקום". שולדיק איז די מאַמע. איר עגאָיזם האָט צעשניטן אַלע אונדזערע פאַמיליע־פעדים. און וואָס וועט איצט זיין?"

אַרום אים האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אַ באַוועגונג. די ים־כוואַליעס האָבן געוואַשן דעם גרינעם שליים פון שטיין. אַ יונג פּאָרל האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט צום זוים פון ים און זיך אָנגעהויבן צו קושן. פון אַנטקעגנדיקן ברעג האָבן זיך אַ לאָז־געטון אייניקע קליינע שיפלעך. זייערע סיגנאַלן האָבן צעשניטן די שטילקייט און אים מער נישט געלאָזט טראַכטן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז ווידער אַוועק צו זיין אויטאָמאָביל. דער קילער ווינט האָט צעשויבערט זיינע האָר פון קאָפּ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים רעדל און אַ טרייב געטון די מאַשין איבער דער ברייטער אַווענידע. אים האָט זיך נישט געגלוסט צו פאָרן אַהיים. עפּעס אַ מאָדנער, שווערער פאַרגעפיל האָט אים געפּייניקט און פאָרויסגעזאָגט, אַז די קריגערייען מיטן ווייב — דאָס איז ערשט אַן אָנהייב.

און ווידער איז אים יהודית געקומען אין זין אַריין. ער האָט זי געזען אין גינערס אָרעמס. זיין מענערישע אייגנליבע האָט פונדעסטוועגן גע־שמייכלט און אים געטרייסט: „זי האָט דיך נאָך אַלץ ליב... האָסט דען נישט געזען, ווי שטאַרק זי האָט געליטן אין יענע טעג לעבן דער קראַנקער קוקין? איז דען איר גאַנצע נשמה נישט געווען מיט דיר? זי וואָלט דיך נאָך איצט אויך גענומען פאַר אַ מאַן! יאָ, גענומען און אויך דערצויגן דיינע קינדער... יהודית איז נאָר אַן עקשן און דערצו אַ ראָמאַנטיקערן; זי זעט נאָך אַלץ נישט, אַז דאָס לעבן גייט זיין גאַנג און זי איז געבליבן אַליין, אַליין, ווייל זי וואַרט נאָך אויף דיר..."

נייגער האָט זיך צעשרײַען אין אים. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיינע געפילן און איז אַוועקגעפאָרן אין איר געגנט. געמאַכט אייניקע אומ־קרייזן אַרום איר גאָרטן. פּלוצים האָט ער דערזען גינערן. ער איז געשטאַ־נען ביים געשלאָסענעם טירל. נאַטאַליאַ איז פריילעך געוואָרן. זיגערישע פייערלעך האָבן זיך געצונדן אין זיינע בליקן. ער האָט זיך דערנענטערט צום גאָרטן און אַ רוף־געטון:

— גינער, גינער!

גינער איז צו אים צוגעלאָפן, צעפּראַלט דאָס טירל פון אויטאָמאָביל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— וווהין פאָרן מיר? — האָט אים נאַטאַליאָ געפרעגט. — יהודית איז נישטאָ אין דער היים?

— פיר מיר אָפּ צו מיר אַהיים — האָט גינער געענטפערט טרוקן.

זיי זענען געפאָרן דורך שטילע זייטיקע געסלעך מיט קליינע, גע־הויקערטע שטיבלעך מיט גלייכע דעכלעך פון אַלטן בלעך. הינטער זיי האָבן זיך געשפּרייט ברייטע, גרינע שטחים ערד. אַ ווייס־בלויער טיפער הימל האָט גערוט איבער די פעלדער און גערטנער און אַ גאָלדענע זון האָט אַראָפּגעקוקט אויף די צעוויגטע פּלאַכטעס פון די ביימער ביים זוים פון וועג.

נאַטאַליאָ האָט גאָר איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון יהודיתעס האָר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז גינער האָט אים מיטגעבראַכט, כדי אים, נאַ־טאַליאָן, ווייַ צו טון. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז גינער האָט זיך אַריינגע־ריסן אין יהודיתעס נשמה און אַרויסגעטריבן פון דאָרט איר געפיל צו אים. קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן יהודיתן און זיין פרוי: זי, טערעסאַ, איז געווען רייצנדיק ווי טאַיס און נאַיִוו ווי אַ מלאך. אָט די צוויי אייגנשאַפטן, דער קאָנטראַסט צווישן מענטש און טייוול, האָבן אים אָנטציקט. ווען זי איז קוים זעכצן יאָר אַלט געווען, האָט זי שוין געהאַט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ רייפער פרוי, אַ פאַרפירערין. און ער, נאַטאַליאָ, איז געווען יונג און צעבאַלעוועט. יהודית האָט איינגעפלאַנצט אין אים אַ געוואַלדיקן גלויבן אין זיינע כוחות. און דעם דאָזיקן גלויבן האָט ער באַהאַפטן צו דער ליבע פון זיין פרוי. און מיט רעד דאָזיקער ליבע און גלוסטונג האָט ער זיין איצטיקע פרוי גיך געוווּנען. שולדיק אין דעם איז יהודית — האָט ער זיך געזוכט ריינצוּוואַשן פון חרטה־געפיל, וואָס איז לעצטנס וואַך געוואָרן אין אים.

יאָ, יהודית האָט אים געמאַכט גלויבן, אַז אַלץ, וואָס זי האָט געטון פאַר זיינעטוועגן, איז אים געקומען, ווי זי וואָלט באַשאַפן געוואָרן נאָר אים צו באַדינען. נאָר זי האָט דערצו דערפירט, אַז ער זאָל פאַרליבט ווערן אין זיין אייגענער מענערישער שיינקייט און ער זאָל מיינען, אַז דאָס גליק מוז אים שוין פון אומעטום אַנטקעגנקומען. יהודית איז געווען פאַנאַטיש איבערגעטריבן אין איר גלויבן, אַז די ליבע טאָר נישט געצוימט ווערן. „נאָר דאָס האַרץ און נאָר דאָס געוויסן האָבן אַ רעכט אָנצופירן און צו גע־וועלטיקן איבער דעם מענטשנס האַנדלונגען" — האָט ער זיך דערמאָנט אָן אירע רייד און ווידער אַראָפּגענידערט צו זיין לעבנס־פאַרהעלטעניש מיט איר. זי איז געווען די, וואָס האָט אים געזאָגט: „די ליבע האָט פיינט, אַז

מען לייגט אויף איר אַרויף די אייזערנע קייטן"... „צו יעדער צייט, נאַטאַ־ליאַ, ווען איך וועל דיר ווערן איבעריק, וועסטו דיך קענען פון מיר באַ־פרייען. איך וועל קיינמאָל נישט קענען לעבן מיט קיין מאַן, וועמענס נשמה וועט זיין ווייט פון מיר".

און ער, נאַטאַליאַ, איז טאַקע געווען פריי ווי אַ פויגל און ער האָט אירע ווערטער גענומען ערנסט. זי איז געווען צוגעגרייט צום געדאַנק, אַז זיי וועלן אַמאָל ברוגז ווערן. ער האָט דאַן געמיינט, אַז זי וועט זיך דערפון נישט נעמען שטאַרק צום האַרצן. אַז איר שטאָלץ און די ווייבערישע אייגנ־ליבע וועלן אויפוועקן צו אים פאַראַכטונג, — אַזעלכעס איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. נאָך ווייניקער, אַז יהודית וועט ווערן שווער קראַנק פון די צרות. ערשט ווען ער האָט זי דערזען אין שפּיטאָל אין איר צעבראָכע־נעם צושטאַנד, האָט ער זיך פון דעם אַלעם אָפּגעגעבן רעכנונג און פאַר־שטאַנען, אַז איר נשמה איז אַ סך אַן איידעלערע און אַ פילבאַרערע ווי ער האָט געמיינט. פריִער האָט ער געטראַכט, אַז יהודית איז שטאַרקער און קליגער פון זיין נייער געליבטער, אַז זי איז אַ קינד פון אַ געליטן פאָלק, אין וועמעס אָדערן ס'פליסט דאָס בלוט פון דורות, וועלכע האָבן געהאַט אויפצושטיין אַ סך לײַדן; ער האָט געמיינט, אַז זי וועט לייכט אַריבער־טראָגן דעם דאָזיקן קלאַפּ, אַ סך לייכטער ווי זיין טערעסאַ וואָלט איבער־געטראָגן, ווען ער זאָל זי געווען פאַרלאָזן.

אָבער נאַטאַליאַ האָט זיך דאַן געווערט קעגן די דאָזיקע געפילן. ער האָט פיינט געהאַט צו ליידן און האָט זיך געטרייסט, אַז עס וואָלט געקאָנט זיין פאַרקערט. ווייל וואָס וואָלט געווען, ווען יהודית פאַרליבט זיך אין אַ צווייטן? וואָס איז ער, נאַטאַליאַ, שולדיק, וואָס יהודית ליידט פון אַ היפּער־פילבאַרקייט? וואָלט זי געווען געפּאָדערט פון אים אַ חתונה־ביכל, וואָלט דאָך זיכער נישט געווען געקומען צו דער גאַנצער איבערקערעניש אין זייער לעבן. זיי האָבן דאַן ביידע אויפריכטיק געגלויבט, אַז אַפילו די בעסטע באַוואָרענישן קענען נישט אויפהאַלטן קיין געזונט און ערלעך פאַמיליע־לעבן, ווען די ליבע וועפּט זיך אויס. אָבער אַ פרוי טאָר נישט זיין אַזוי גלויביק — האָט ער צום סוף פאַר זיך אַליין צוגעגעבן.

גינער האָט אַרויסגעפילט, אַז נאַטאַליאַ האָט געטראַכט פון יהודיתן, האָט ער אים אַ טאָרע־געטון ביים עלנבויגן און שמייכלענדיק געפרעגט:

— וואָס, אייגנטלעך, האָט דיך אַזוי געערגעבראַכט, דאָקטערל?...

נאַטאַליאַ האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים און עטוואָס איינגע־האַלטן דעם אויטאָ. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז גינער זאָל עפּעס דער־ציילן וועגן יהודיתן. עס איז אים ליב געווען צו רעדן וועגן איר, אָבער זיין עגאָיזם, זיין אייגנליבע און דאָס טראַכטן, ווי פון אַ מענטש, וועמען

ס׳האָט זיך איינגעגעבן געליבט צו ווערן, האָט אים אָפּגעהאַלטן צו דערמאָ־נען איר נאָמען. גינער האָט אַ לאַך־געטון:

— צי ביסטו געקומען אָפּנעמען דיין אַלטע פידל, וואָס הענגט נאָך אויף דער וואַנט אין איר שטיבל?...

חוצפה האָט אַ שלאָג־געטון פון נאַטאַליאָס אברים און ער האָט גרויס־האַלטעריש געפרעגט:

— און דיך האָט יהודית נישט ליב?...

— וואָס גייט דאָס דיך אָן? איז דיר דען יהודיתעס לעבן טייער גע־וואָרן? דו ביסט דאָך תמיד געווען אַן ענגהאַרציקער!

מאָנונג און חוזק איז געווען אין זיין שטים. נאַטאַליאָ האָט אַריינגע־רעדט אין רעדל פון אויטאָמאָביל:

— יהודית האָט ליב קינדערלעך. וואָס, גינער, קענסטו איר געבן? דו ביסט תמיד געווען אַ לייכטזיניקער...

גינער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— אָך, ווי גרויסמוטיק דו ביסט! און אפשר וואָלסטו איר געבראַכט דיינע קינדער צו דערציִען? — האָט ער זיך צעלאַכט און באַלד צוגעגעבן:
— אויב דו ביסט נישט גרייט גוט צו מאַכן דיין פעלער, דאַן קריך נישט אַהער! צאַפּ נישט פון איר דאָס בלוט, דו געמיינער עגאָיִסט!

— און דו וועסט איר יאָ ברענגען גליק? — האָט נאַטאַליאָ נאָך אַ ווילע שווייגן בייז געענטפערט. — האָסט דען נישט אַ ווייב מיט קינדער?

ער האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ מאָנענדיקן בליק.

גינער האָט זיך פערטראַכט: קיין שום פרוי, אַפילו די שענסטע, וועט אים, גינערן, נישט קענען אויף לאַנג אָפּרייסן פון זיין שאַפן. ווען זיין איסאַבעל זאָל פון אים אַנטלויפן מיט אַן אַנדערן, וואָלט ער זי נישט נאָכ־געלאָפן זוכן און קיין זעלבסטמאָרד וואָלט ער זיכער נישט באַגאַנגען. ווען ס׳וואָלטן זיך אָבער אין אים אויסגעלאָשן די שאַפונגס־פייערן, דאַן וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון גרויזאַמען עלנט. יהודית קען ווערן די זון איבער זיין מוזע, אָבער קיין פליכטן קען ער צו איר נישט האָבן...

נאַטאַליאָ האָט ווי אַרויסגעפילט גינערס געדאַנקען און ס׳איז אים געקומען אין זין אַריין: אויב יהודית האָט ליב באַקומען גינערן, וועט זי ווידער ליידן, ווייל די מענטשלעכע נשמה קען מען נישט ניצעווען. ווי פריי אַ פרוי זאָל נישט זיין אין אירע מיינונגען, וועט זי אָבער פאָרט ליידן, ווען איר געליבטער וועט זי איבערלאָזן. גינער וועט מיינען— אָדער ער מיינט שוין, — אַז יהודית איז אַ לייכטזיניקע פרוי... גינער וועט נישט פאַר־שטיין, אַז זי האָט אים פריִער פון אַלץ אויסגעווילט פאַר זיך, ווייל ער האָט דער ערשטער אַ קלאַפּ־געטון איבער די סטרונעס פון איר האַרץ. ניין,

גינער וועט איר קיין פרייד נישט ברענגען. די דאָזיקע פרוי האָט אין איר פאַנטאַזיע און אין איר גרויסער בענקשאַפט נאָך שיינקייט אויסגעטראַכט אַ טיפּ פון אַ מאַן, אַזאַ איינעם, וואָס עקזיסטירט נאָר אין די ראָמאַנען... די פרוי איז קיינמאָל נישט גרייט ליב צו האָבן דעם מאַן אַזוי ווי ער איז אין דער אמתן. די פרוי, ווען זי האָט ליב אַ מאַן, קלעבט זי אים צו אַלער־ליי פליטערלעך און שיינקייטן, אין וועלכע זי נייטיקט זיך. פרויען זענען קיינמאָל נישט קיין רעאַלע מענטשן. די דאָקטערישע דערפאַרונגען האָבן מיך אין דעם איבערצייגט.

גינער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ זייטיקן בליק און געשמייכלט:

— גאָט צו דאַנקען, וואָס די פרוי איז נישט קיין מענטש מיט קיין קלאָרן פאַרשטאַנד — האָט זיך גינער אַרויסגעכאַפּט און נאַטאַליאַן שקאָציש אַ שטורכע־געטון אין עלנבויגן. — ווי וואָלט געווען צו אונדז, ווען אונ־דזערע ווייבער וואָלטן געוווסט, ווער און וואָס מיר זענען. איך בין דער ערשטער, וואָס וואָלט מיך געמוזט אומברענגען. דו, נאַטאַליאַ, ביסט אַ גרויסער עגאָיסט! ווען דיין ווייב זאָל דיר געווען געבוירן זין און נישט קיין טעכטער, וואָלסטו אינגאַנצן נישט געטראַכט וועגן די געפילן פון דער פרוי...

אַ שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום נאַטאַליאַס מויל און אַ דינער אומעט:

— פון ווען אָן, גינער, ביסטו געוואָרן אַן אַדוואָקאַט? וואָס אייגנטלעך זוכסטו איצט ביי יהודיתן?

מאָנונג און כעס איז געווען אין זיין שטים.

— איך האָב קיינמאָל נישט געזעטיקט בלויז מיין אינסטינקט, — האָט אים גינער איבערגעשלאָגן די רייד. — יעדע פרוי, יעדער מינדסטער פלירט איז געווען ווי אַ טראָפּן טוי, ווי אַ שטראַל פון דער גאָלדענער זון. און די זון האָט מיך באַוועגט צו שאַפן.

ער האָט צעפּירט פאַר זיך מיט זיינע הענט, פאַרזשמורעט די אויגן און האָט צוגעגעבן:

— יעדער פלירט האָט מיך אָנגערעגט און יונג געמאַכט:

— איז וואָס? — האָט זיך נאַטאַליאַ צעלאַכט. — האָסטו דען נישט אָפּגעגאַרט די געפילן פון יעדער פרוי באַזונדער? זיי האָבן דאָך אין דיר געזען די שיינקייט פון קינסטלער און האָבן ביי דיר געזוכט דערהויבונג און שיינקייט.

— איך האָב אָבער קיין איינער פון זיי גאָרנישט צוגעזאָגט, — האָט גינער טריומפירנדיק אַ לאַך־געטון. — איך האָב קיינמאָל נישט געלייקנט,

אַז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער. פֿאַראַן פּרויען, וואָס זוכן נישט מער ווי אַ נאַש צו טון...

זיי האָבן זיך אַדורכגענומען מיט די בליקן און זיך געפֿילט פֿריי און אָפֿנהאַרציק, פּונקט ווי אין די יאָרן פֿון זייער סטודענטנשאַפֿט. אויך דע־מאָלט האָבן זיי שוין־לאַנג ליב געהאַט צו רעדן וועגן די כאַראַקטער־אייגנשאַפֿטן פֿון די פֿרויען, וועלכע זיי האָבן געקענט. נאַטאַליאַ האָט זיך ווידער אָנגערופֿן:

— זאָג מיר דעם אמת: האָט יהודית אַמאָל גערעדט וועגן מיר? אָדער האָסטו איר שוין אַזוי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז זי טראַכט מער נישט פֿון קיינעם?

גינער איז געוואָרן ערנסט. ער האָט נישט פֿאַרגונען דעם חבר אַזאַ נחת צו הערן דעם אמת און ער האָט אומגערן געענטפֿערט:

— זי האָט דיך נאָך אַלץ ליב! ווען דו ביסט נישט קיין פּחדן! אַך, ווען דו...

— איך בין גליקלעך! — האָט אים נאַטאַליאַ איבערגעשלאָגן די רייד און איז רויט געוואָרן.

גינער האָט שפּאַטיש געשמייכלט. ער האָט אַרויסגעפֿילט דעם חברס צערודערונג. אים איז פּלוצים געקומען אויפֿן זין: יהודית און נאַטאַליאַ האָבן זיך אַלץ ליב. נאַטאַליאַ איז אַ פּחדן. ער וועט קיין כוח נישט האָבן צוצוגעבן, אַז זיין איבערלאָזן יהודיתן איז געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר זייביידע. אָבער יהודית, זי וואָלט אים יאָ געקאָנט פֿריי מאַכן דעם וועג אויף צוריק. דער ריינער געפֿיל פֿון ליבע איז מעכטיקער פֿון אַלע אַנדערע. דער כוח פֿון געפֿילן קען באַזייטיקן אַלע שוועריקייטן. אַ גרויס און שטאַרק ליבע־געפֿיל קען אויסהיילן אַלע ווונדן און אַפֿילו פֿאַרוועלקטע פֿרויען ווי־דער אויפֿוועקן צו אַ ניי, שיין לעבן. אָבער צו אַזאַ גרויסקייט זענען נאָר פֿעיִק גאָר גרויסע נשמות. פּחדנים אָבער זענען נישט פֿעיִק צו ברענגען קיין גרויסע קרבנות. זיי פֿאַרמשפּטן זיך זעלבסט צוליב זייער אייגענעם שקר. פּחדנים זענען קליינע מענטשעלעך מיט אייביקן שרעק אין די הערצער. אַ מיינונג פֿון אַ נישטיקן שכן שטעלן זיי העכער ווי דאָס לעבן און דאָס גליק פֿון די, וועלכע האָבן זיי דערהויבן און זיי אַרויסגעריסן פֿון דער דורכשניטלעכקייט. קליינע מענטשעלעך פּאַיאַצעווען און טאַנצן אויף שטריקלעך, וואָס לייט האָבן זיי אָנגעבונדן אויף די העלדזער. זיי ווילן איינ־שמועסן די מיטמענטשן, אַז קיינער קען זיך צו זיי נישט גלייכן. אָבער צו זינדיקן וועלן זיי זיך נישט אָפּזאָגן און שטענדיק מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן צאָלן פֿאַר דער זינד נישט מער ווי עטלעכע סענט...

נאַטאַליאַ האָט אים אַ שטורכע־געטון אין דער זייט און געשמייכלט:

— פון וואָס טראַכטסטו שוין ווידער, פילאָזאָף מײַנער?

— מאָרגן וועל איך די אַלע געדאַנקען אויפצייכענען אויפן פּאַפּיר און וועל זיי דיר צושיקן דורך דער פּאָסט. איינס נאָר קען איך דיר זאָגן, — איז גינער ערנסט געוואָרן — אויב דו האָסט אַמאָל ליב געהאַט יהודיתן, האָסטו דײַנע געפילן דעפּאָזיטירט אין דער נאַציאָנאַלער באַנק.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איבערגעטראָגן זײַנע בליקן צו די גרויסע, פעטע שאָף, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויף אַ שטיק פעלד. אויך נאַטאַליאַ האָט געשוויגן. ער איז געווען אומרויִק און נישט געוואָלט, אַז גינער זאָל וויסן, אַז זײַן אייגן ווײַב איז אים פרעמד געוואָרן. ערשט נאָענט פון גינערס שטוב האָט נאַטאַליאַ צו אים אויפגעהויבן דאָס פּנים און זיך אָנגערופן:

— איצט וואַרף דיך אַרויס פון אויטאָמאָביל און איך וועל פאָרן אַהיים.

גינער האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל, אים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— נו, דאָקטערל, ווען וועלן מיר זיך ווידער זען? צי ווייסטו, אַז איך גרייט צו אַן אויסשטעלונג?

נאַטאַליאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלענדיק צופרידן צו־געגעבן:

— איך האָב שוין געקויפט דאָס בילד פון יהודיתן!

ער האָט האַסטיק צוגעמאַכט דאָס טירל פון אויטאָמאָביל און זיך אַ ריס־געטון פון אָרט. גינער האָט אים נאָכגעקוקט פאַרוווּנדערט און נישט באַנומען, פאַרוואָס נאַטאַליאַ האָט אים פריִער מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן בילד.

נאַטאַליאַ איז צוגעפאָרן צו זײַן שטוב, אויסגעשטיגן פון אויטאָמאָביל און פאַרשלאָסן דאָס טירל. אַרײַנגייענדיק האָט ער געגריסט די שכנים, וואָס זענען גראָד געשטאַנען אויף די באַלקאָנען, און איז גיך אַרײַן אין הויף. שטילקייט איז אים פון דאָרט אַנטקעגנגעקומען און אַ מאָדנע אומ־היימלעכקייט. ער האָט אויפגעהויבן די בליקן צום אויבערשטן שטאָק און אָנגעשפּיצט די אויערן; ער האָט דערהערט מרימען שפּילן פידל. עפּעס אין אים האָט אַ ציטער־געטון. ער איז גלײַך אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און איז אַרײַן אין וואַרט־זאַלעכל. אויך דאָרט איז געווען שטיל און אומעטיק, נישט ווילנדיק זענען זײַנע אויגן געפאַלן אויף די איבערגעדרייטע צײַ־טונגען אויפן קײַלעכיקן טישל, אויף די אַשנבעכערס, אויף וועלכע עס זע־נען געלעגן שטיקלעך ציגאַרן. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווײַב זײַנס האָט מסתּמא געמוזט הייסן אהיימגיין די אומגעדולדיקע פּאַציענטן.

ער איז אַריין אין אויפנעם־זאַל, אויסגעטון דאָס רעקל און עס אויפ־געהאַנגען אויף אַ הילצערנעם הענגער. דאַן האָט ער זיך אָפּגעוואַשן די הענט און זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש פאַרשרייבן אייניקע אַדרעסן אין נאָטיץ־ביכעלע. אַזוי פאַרטון אין געדאַנקען האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים שרייבטיש, אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון טישקעסטל און פאַרויכערט. אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף די אויפגעשטעלטע הענט, האָט ער זיך גאַנץ יידישלעך אויסגעזיפצט און אין די געדאַנקען דורכגעקייט יעדעס וואָרט, וואָס גינער האָט אים געזאָגט. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז גינער איז צו אים געווען צו שטרענג און אַפילו האַרצלאָז. ס'האָט אים אויך פאַר־דראָסן זיין אָפּנהאַרציקייט. ער איז געווען זיכער, אַז גינער האָט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס עס האָט אים באַוויגן צו לויפן אין דער וועלט אַריין. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט גינערן נישט פאַרטרויט זיינע ראַנגלע־נישן.

פלוצים און צום ערשטן מאָל האָט ער טראַכט־געטון: אויך גינער איז נישט קיין קליינער עגאָיסט. ער הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס יהודית האָט איבערגעלעבט צוליב דעם טויט פון דער קליינער קוקי. אפשר האָט זי זיך גאָר אַרויסגעצויגן פון דאָרטן? אפשר איז איר פאַרמיאוסט געוואָרן די אייביקע פאַראַכטונג פון די שכנים צו איר? אייגנטלעך וואָלט זיך יהודית באַדאַרפט אָפּזוכן אַן אָרנטלעכן אַרבעטער און מיט אים חתונה האָבן. נאָך אַ יאָר צי צוויי, — וואָס וועט פון איר ווערן? ווער איז איר שולדיק, וואָס זי האָט זיך איינגערעדט צו נעמען אַ מאַן נאָר אַן אויסדער־ווילטן מענטשן? גינער איז נישט גערעכט — האָט עס אין אים געררודערט. — יהודית האָט זיך אַליין אויסגעקליבן דעם וועג. קיינער איז איר גאָר נישט שולדיק...

„אָבער ווען דו וויזט זיך פאַר איר אין דיין גאַנצער רוּיִקייט, וואָלט זי דיר נישט געווען געטרויט! — האָט ערגעץ־ווו אין זיין האַרץ אַ ציפּ־געטון דאָס דאָזיקע געפיל. — דו האָסט געטון אַלץ אויף צו געווינען איר צוטרוי. האָסט געמאָסטן און געוויגן יעדעס וואָרט. האָסט מורא געהאַט, אַז דיין צונג וועט דיך פאַראַטן. האָסט זיך געהיטן מיט אַ גראָב וואָרט און אויס־געמיטן צו רעדן וועגן איר איבערגעטריבענעם אידעאַליזם. און איצט שניידסטו די פרוכט פון דיין פאַרזיי. יהודית איז שוין אירע צרות איבער־געקומען. זי איז גרייט ליב צו האָבן גינערן. דיינע צרות אָבער הייבן זיך ערשט אָן... דיינע זיבן גוטע יאָר זענען אַוועק. די זיבן פעטע קי האָסטו שוין אויפגעפרעסן. איצט וועלן קומען די שלעכטע זיבן יאָר מיט די מאָ־גערע קי“...

נאַטאַליאַ האָט אַרויסגעלאָזט געדיכטע קנוילן רויך דורך די נאָז־

לעכער און געקוקט אַרום זיך מיט צעפּיבערטע אויגן. ער האָט זיך באמת ווייטער נישט צו טראַכטן, זיך געוואָלט אויסרוען, כדי צו קומען צו זיינע קראַנקע אַ מונטערער. ער האָט זיי ליב געהאַט. וויפל מאָל ער האָט עמעצן אַרויסגעשלעפּט פון אַ שווערער קרענק, האָט ער זיך געפילט ווי אַ זיגער נאָך אַ שלאַכט. דאָס לעבן איז אים דאַן געוואָרן גרינגער און אנגענעמער.

ער האָט אריינגענומען אין די הענט דאָס בילד פון זיין ווייב מיט די קינדער און זיך פאַרטיפט אין די געזיכטשטריכן פון זיין עלטסטער טאָכטער. זי איז געווען ווי איין טראָפּן פון זיין פרומער מאַמען. ער האָט אַרויסגענומען פון טיש אַן אַלטן פאַמיליע־אלבום און אָפּגעזוכט אַ בילדל פון זיין באַבען מיטן זיידן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר די הענט־לעך זייער טעכטערל, נאַטאַליאַס מאַמען. אַ יאָר אַכט איז זי דאַן אַלט געווען. דאָס דאָזיקע בילד האָט אים די מאַמע געגעבן אַ מתנה, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט זיך לערנען אויף אַ דאָקטער. „ווען דיר וועט זיין שווער" — האָט אים די מאַמע געזאָגט — „זאָלסטו אַ קוק־טון אויפן דאָזיקן בילדל און טראַכטן, אַז די צייט איז קליגער פון די מענטשן און אַז די צרות, וואָס מיר אַליין נעמען אויף זיך, מאכן אונדז גרוי און אַלט פאַר דער צייט. אָט זעסטו, מיין זון, דאָס בילדל איז מיר פאַרבליבן פון מיין שיינער קינדהייט, איז עס אַ שטיקל פּאַפּיר און נישט מער".

ער האָט פאַרגליכן דאָס בילדל פון זיין מוטער מיטן בילדל פון זיין קינד און ביידע פּנימלעך האָבן געהאַט אַן עכט־אָריענטאַלישן אויס־זען, מיט אַלע יידישע חנען.

נאַטאַליאַ האָט געטראַכט: מיין טאָכטער וועט מיך פאַראַכטן. זי האָט אַ נשמה פון אַ שונא ישראל. אין אירע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון טיטוס הרשע... וואָלט זי כאָטש נישט געטראָגן דעם נאָמען פון מיין מוטער, דער טייערער צדקות, וואָלט זי נישט געווען ווי איין שטיק פון מיין פרומער מאַמען, וואָלט איך זיך נישט געפילט אַזוי באַליידיקט און אויסגעלאַכט פון לעבן.

אַ פאַרטועננער אין זיינע געדאַנקען האָט ער נישט געהערט דאָס ווייב אויפמאַכן די טיר און אַריינקומען. די בלייכקייט אויף איר לענג־לעך מאַדאָנע־פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ ראָזער פאַרב און מיט אַ דינעם, קוים באַמערקבאַרן שמייכל. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און געטריי אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע אַקסלען. ער האָט אויפגע־הויבן צו איר דאָס פּנים און געשוויגן.

זי האָט זיך אָנגעבויגן און געקושט זיין קאָפּ.

ער האָט צוריק אַריינגעלייגט אין שופלעדל דעם אַלבום מיט די

בילדער, זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום הענגער, אַראָפּגענומען דאָס רעקל און עס אָנגעטון. ער האָט האַסטיק אַ נעם־געטון פון טיש זיין דאָקטעריש רענצל מיט די אינסטרומענטן און זיך איילנדיק געלאָזט צו דער טיר.

זי איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, פאַרוואָרפןביידע הענט אַרום זיין האַלדז און געהאַלטן אויף אים אַ בעטנדיקן בליק.

— טערעסאַ, פאַרשטעל מיר נישט דעם וועג, די קראַנקע וואַרטן אויף מיר, — האָט ער איר געזאָגט לאַקאָניש און די קאַלטקייט פון זיין שטים האָט אין איר אויפגעוועקט אַ שטאַרקן ווייטיק און באַליידיקונג. אָבער זי האָט נאָר ברוגזלעך געשמייכלט:

— מיין ליבער, טייערער, פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט? ווייסטו דען נישט, אַז נישט דיך האָב איך געוואָלט באַליידיקן... אים האָב איך געמיינט, דעם אַלטן, דעם עקלהאַפטן, די קליינע האָט מורא פאַר אים.

ער האָט אַרויסגעפילט אַ גרויסע אומשולד פון איר טאָן און ס'איז אים געקומען אין זין אַריין: נישט זיין ווייב איז שולדיק, וואָס זיין לעבן איז איר פרעמד; ער, נאָר ער, איז דער שולדיקער. ער האָט פאַרגעסן, אַז ווען אַ ייִד וויל זיך איינשמועסן, אַז ער איז געוואָרן אַ וועלט־מענטש, זאָרגט שוין די צייט אַליין, אַז ער זאָל צוריקגעוואָרפן ווערן צו זיין שטאַם. זיין מאַמעס שטים האָט ווידער אין אים אַ פליסטער־געטון: „די צייט, מיין קינד, איז קליגער ווי די מענטשן. די צרות, וואָס מיר נעמען אויף זיך, מאַכן אונדז אַלט און גרוי פאַר דער צייט״.

ער האָט אָנגענומען דעם ווייבס הענט און זייער שטיל צווישן די ליפּן געזייעט:

— צו דיר, טערעסאַ, האָב איך אייגנטלעך גאָרנישט... איך האָב באַדאַרפט געדענקען, אַז איך בין אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס קען נישט אַרויס פון זיין אייגענער הויט. איך בעט ביי דיר פאַרגעבונג... — האָט ער צוגעגעבן דערשלאָגן — ווען דו האָסט נישט חתונה מיט מיר, וואָלסטו געוועזן אויסגעמיטן אַ סך צרות און קאָמפּליקאַציעס.

זי האָט גאָרנישט באַנומען, וואָס ער האָט איר געמיינט צו זאָגן. זיין מילדער טאָן האָט זי אינגאַנצן צענומען. זי האָט, אַ געריירטע, אַוועק־געלייגט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און שטיל געוויינט. געוויינט פאַר פרייד, וואָס דער מאַן האָט זיך מיט איר איבערגעבעטן. זאָרג און אומ־געדולד האָבן זיך אָפּגעזעצט אַרום זיינע אָנגערוקטע ברעמען. ער האָט אומגעדולדיק צוגעגעבן:

— טערעסאַ, איך בעט דיך, מאַך מיר אַצינד נישט קיין סצענעס.

לאָז מיך גיין אַרבעטן! לאָז מיך! — האָט ער פּלוצים אַ רוף־געטון הויך אויפן קול.

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דער געוואַלדיקער פּרעמדקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעפילט פון זיין שטים. זי האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פון אויפרעגונג. די צוקנדיקע אַקסלען און יעדער אבר האָבן מיטגעוויינט און געמאָנט גערעכטיקייט. זי איז נישט געווינט געווען צו זען דעם מאַן אירן אַ ברוגזן. זי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון, אַז ער זאָל איר פאַרגעבן.

נאַטאַליאַ האָט זי פאַרזיכטיק צוגעפירט צום בעטל, אויף וועלכן ער פלעגט אונטערזוכן די פּאַציענטן, און זי געטריי אָוועקגעלייגט. דאַן האָט ער איר אויפגעשפּיליעט דעם קאָרסעט און דעם ביוסט־האַלטער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל לעבן בעטל און אויסגעהערט איר פּולס.

זי האָט געציטערט, אירע ווייסע שטאַרקע ציין האָבן געקלאַפּט ווי אַ בינטל שליסלען.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגענומען פון אַ שאַפקעלע אַ פלע־שעלע מיט קאַפּלעס קעגן היסטעריע און זי אַ ווײלע באַטראַכט. דאַן האָט ער אָפּגעציילט אַ צאָל טראָפּן אין אַ גלאָז אַריין און צוגעזאַפּט אַ ביסל סאָדע פון אַ סיפאָן. מיט מי האָט ער אויפגעריסן אירע ציין און איר אַריינ־געגאָסן די פליסיקייט אין מויל אַריין.

זי האָט מיט עקל אַראָפּגעשלונגען די רפואה, געשלוכצט און ביס־לעכווייז אָנגעהויבן איינצודרימלען. איר פּנים האָט זיך צעפלאַמט און באַלעבט. די אברים האָבן אַלע מאָל אַ קורצן ציטער־געטון. נאַטאַליאַ האָט איר צוגעהאַלטן די הענט. טיפע זאָרג האָט זיך געשניטן אַרום זיי־נע פעסט־פאַרשלאָסענע ליפּן.

פון די זויבערע, טיפע ווינקלען, פון די גראָבע רוקנס פון די בי־כער אויף די לאַנגע פּאָליצעס, פון די באַקוועמע, אויסגעבעטע פאָטעלן און פון דער הענגנדיקער פידל אויף דער וואַנט און פון זיין אומרויק, שווער געמיט האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן ווי אַ פּלאַסטישע זאַך יהודי־תעס צאַרטע שטים, זי האָט צו אים גערעדט אַזוי שטיל און גלייכצייטיק אַזוי מאָנענדיק:

„איצט, נאַטאַליאַ, איז געקומען דייַן ריי!... נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל געדויערן אן אייביקייט! דו האָסט געלעבט און פון לעבן אַ סך גע־נאָסן. איצט אָבער דאַרף דיין פרייד אַביסעלע פאַרטונקלט און געשטערט ווערן...“

שרעק האָט אויפגעצאַפּלט אין אים און אַ שווערער, אומהיימלעכער פּאַרגעפיל...

איבער זיי האָט אבלדיק געציטערט אַ בלייך שטיק זון און די בלומען אין בלומענטאָפּ אויפן טיש האָבן אבלדיק אַרונטערגעלאָזט זייערע עטוואָס צוגעוועלקטע קעפּ.

קאַפּיטל פּיראונצוואנציק

די פּופּיטשקע איז געשטאַנען אין דער קיך לעבן אַ קליין טישל און מיט אַ לאַנגער שמאָלער פלאַש געקאַטשעט אַ בלעטל אייעריקע לאָקשן. אירע באַקן האָבן געפלאַמט ווי נאָך אַ הייסן באָד און אַרום אירע פּאַר־נאַשטע ליפּן האָט געדרוט אַ באַנגיק שמייכעלע, וואָס האָט אָבער אויסגע־דריקט נצחון. זי האָט זיך שוין געגרייט פאָרן צוריק אַהיים. זי האָט אין דער לעצטער צייט פאַרלוירן אַ היפּש ביסל וואָג און זיך דערפאַר דער־פילט יינגער און געזינטער. אָבער נישט צוליב די פלעשעלעך מיט די פּילן וואָס דער דאָקטער האָט איר פאַרשריבן, האָט זי פאַרלוירן די וואָג, נאָר אַדאַנק דער אַרבעט אין דרויסן און ביי יהודיתן.

יהודית האָט געמוזט בלייבן אין בעט עטלעכע טעג און די פּופּיטש־קע האָט זי אָפּגעהיטן, זי געפלעגט און געפּירט איר שטוב. די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט איר צוגעהאָלפן פאַרלירן דעם וואָלפישן אַפּעטיט אינאיינעם מיט עטלעכע קילאָ פעטס.

זי האָט יהודיתן אויף אַן אמת ליב באַקומען און ס׳האָט איר אויך וויי־געטון פאַרוואָס זי מוז זיך מיט איר שיידן. אין איר קאָפּ האָבן זיך געדרייט טויזנט אויסגעפּלאַנעוועטע און צונויפגעשטיקעוועטע חשבונות, וועלכע האָבן זי דערפירט צום באַשלוס, אַז יהודית וועט דאָך מוזן חתונה האָבן מיט קעשינען. דער יונג גייט דאָך אויס נאָך איר און אירע טריט. לעבן אים וועט אויך יהודית אויפלעבן און זי וועט נאָך וויסן, וואָס אַזוינס עס הייסט אַ געטרייער מאַן.

אין די טעג וואָס זי האָט באַדינט יהודיתן, האָט זי אַלע טאָג גע־שיקט צו קעשינען אַ לופטפּאָסט־בריוועלע און אים איבערגעגעבן אַלע פּרטים וועגן יהודיתעס שטימונגען. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן צוצו־געבן, אַז ווען נישט זי מיט איר אַלטן, ווייסט איין גאָט אין הימל, וואָס פון דער אָרעמער אידיסל וואָלט געוואָרן. זי וואָלט נעבעך אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, נישט פאַר אונדז געדאַכט.

אין לעצטן בריוול האָט זי אים אַזוי געשריבן:

„קעשין האַרציקער, זיי ווייסן, אַז אידיסל איז שוין אינגאַנצן געזונט, אָבער איך הייב זי גאָר נישט אָן צו פאַרשטיין, זי איז געוואָרן ביי זיך ממש הפקר. זי מאַכט שיינע אויסנייעכצער. דער גאָרטן איז שיין ווי אַ גן־עדן, ער רייסט ממש אויף לייטישע אויגן און לייטישע פּיסקעס, אַז קיין גוטן סוף זאָלן זיי נישט האָבן. דערצו איז אידיסל גאָר געוואָרן אַ שול־מיידל. ווי געפעלט דיר איר איינפאַל? זי וויל גאָר ווערן אַן אַדוואָקאַטקע, נישט מער און נישט ווייניקער! אַזאַ נאַריש ווייבל, — נעמט און לייגט זיך אַליין אין דער ערד. אַז איך ווייס גאָרנישט, ווער ס׳לעבט אין איר! אירע טייערע שכנימלעך זאָגן טאַקע, אַז אידיסל האָט אַ שטיין און נישט קיין האַרץ. זי פילט אַפילו נישט, אַז מען מיידט זי אויס, ווייל, צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן, קיין גרויסע צנועה, זאָגן זיי, איז אידיסל קיינמאָל נישט געווען...

„איז זאָג איך דיר, אַז אויב דו האָסט נאָך אַ גאָט אין האַרצן, זאָלסטו שוין קומען צופאָרן און מיר וועלן מיט גאָטס הילף שטעלן אַ חופּה. מיר וועלן זי מיט געוואַלט אַרויסרייסן פון איר קבֿרל און פון לייטישע מיי־לער... נישט דאָ געדאַכט.

„גלייב מיר, קעשין, אַז איך אַליין ווייס גאָר נישט, פונוואַנען אַ מענטש נעמט אָן אַזוי פיל כּוח און אַזוי פיל גלייכגילטיקייט צו יעדן איינעם. נאָר זי אַרבעט און נאָר זי פּלאַנעוועט. און וואָס אייגנטלעך וויל זי? מען זאָגט, אַז איר דאָקטערל האָט זיך ווידער געיאַוועט און זיי פאַסטן גאָרנישט קיין תּעניתים... שכנים דערציילן, אַז זיי אַליין האָבן געזען... ווייסעד וואָס לייטישע מיילער רעדן, אַז ברענען זאָלן זיי אויפן פייער, זי־סער טאַטע אין הימל, נישט דאָ געדאַכט.

„קום צופאָרן און טו אַ קוק מיט דיינע אייגענע אויגן און שפּעטער זאָלסטו מיך נישט מאַכן פאַר קיין שולדיקער. מיינסט, אַז איך געדענק נישט, ווי דו האָסט מיך געזידלט? גלייב מיר אַז אַן אַנדערע פרוי אויף מיין אָרט וואָלט אויף דיר געגעבן אַ שפּיי און דיך אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט. איך אָבער רעכן מיך נישט מיט דיינע משוגעתן. חוץ דעם טו איך עס צוליב דער אָרעמער אידיסל. דו ווייסט גאָרנישט, ווי איך האָס די אַלע בייזע צינגער. מענטשן זאָלן האָבן אַזאַ שלעכטע טבֿע! דאָס זעט מען טאַקע נאָר צווישן די אומגעבילדעטע ווייבער... דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב גענוג געליטן און אַז איך בין אַ גרויסער מבֿין אויף אַ טשאַד. אַלזאָ, איך מיט מיין פינגעסלען גרייטן זיך צו נעמען אונטערפירעכץ. און זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה!“

אויף דעם בריוו האָט קעשין געענטפערט מיט אַ טעלעגראַמע: „איך קום צופאָרן. וואַרט אויף מיר ביי דער באַן״.

צו דער באַן איז געפאָרן פופיק. יהודיתן האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט וועגן קעשינס קומען.

די פופיטשקע האָט גערודערט און געפיבערט פון אומגעדולד. זי האָט אויפגעהויבן דאָס בלעטל לאָקשן אַנטקעגן דער זון, צו זען, צי עס איז געננוג דין און האָט עס אַרומגעוויקלט אַרום דער פלאַש. אַזוי איז זי אַריינגעגאַנגען אין צימער און אויסגעשפרייט דאָס בלעטל טייג אויף אַ שניי־ווייס טישטעך אויפן בעט און האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס בלויע ברייטע פאַרטעך. דאַן האָט זי אַראָפּגענומען די שמאַטע פון די פרישגע־פאַרבטע קנוידערן און איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, ווו זי האָט אונטער־געפירט אַרום די אויגן מיט אַ שוואַרצער פאַרב, אויסגעציפּט די אַזוי אויך געננוג אויסגעקראָכענע, רויטלעכע ברעמען און זיי צוגעשוואַרצט מיט אַ שטיקעלע קויל.

דאַן האָט זי אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ בלוי זיידן קליידל און זיך אויסגעפוצט. באַלד איז זי אַרויסגעלאָפן צום דרויסנדיקן טירל, זען, צי קעשין מיט איר מאַן זענען שוין אָנגעקומען און איז גלייך צוריקגעלאָפן דערוויל גרייטן צום טיש. זי האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן סערוועט מיט בלויע, ברייטע קאַנטןביים זוים, אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש מיט היימישן ווישניק און אַ צווייטע מיט בראָנפן „אַכט ברידער״. דאַן איז זי צוגעגאַנ־גען צום שענקעלע, אַרויסגענומען גלעזער, מעסער און גאָפּלען. נאָכדעם איז זי אַוועק אין הינטערשטן הויף, אָנגעריסן עטלעכע געלע און ווייסע בלימעלעך און זיי אַריינגעשטעלט אין הויכע גלעזער. ענדלעך האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט פון דער וויטנס און אָנגעקוואָלן:

— אַ טיש, שיינט ער, אַזאַ מזל צו מיר! און תנאים וועלן זיין, — אַזאַ יאָר צו מיר!

זי איז אַרויסגעלאָפן צום דרויסנדיקן טירל, געשאָקלט מיט די פריש־געקאַרבטע קנוידערן צו די שכנישע ווייבער און געוואָרפן אומרויקע בליקן צום סטעזשקעלע, וואָס האָט געפירט צו יהודיתן. אין דעם איז צום טראָ־טואַר צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל און קעשין איז דער ערשטער אויסגע־שטיגן. ער האָט אַראָפּגענומען עטלעכע קאַטשקעס, צונויפגעבינדענע ביי די פיסלעך, און עטלעכע בייכיקע הינער. די פופיטשקע איז צו אים צו־געלאָפן, אים מוטערלעך אַרומגענומען און זיך גוטמוטיק געבייזערט:

— נאָך וואָס האָסטו מיטגעבראַכט אַזוי פיל עופות? נאָך וואָס?

זי איז צוריק אַריינגעלאָפן אין הויף. קעשין האָט איר נאָכגעטראָגן די געבונדענע עופות. דערנאָך איז אויך פופיק אויסגעשטיגן און מיט זיך

געבראַכט צוויי סלויען, איינעם מיט פוטער און אַן אַנדערן מיט קעז. דער אויטאָמאָביל איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון קליינע קינדער. איינס האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קעסטעלע מיט אייער און אַ צווייטס אַ קעסטעלע מיט טרוקענע פרוכטן. נאָכדעם אַ טאָרבעלע מיט ניס און אַ קעסטל מיט פלעשער טייערן טשילענער וויין. שכנים האָבן געקוקט מיט נייגעריקע בליקן און זיך געשושקעט:

— דאָס איז דער חתן!

— די פּעטיסקעלע האָט גליק!

— האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז אין אירע אויגן ליגט אַ כישוף?!

— קען זיין, אַז דער מענטש ווייסט נעבעך נישט, וואָס זי האָט דאָ איבערגעאַרבעט.

קעשין האָט באַצאָלט דעם שאָפער, געגעבן יעדן קינד אַ פּעזע און איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטוב. ס'האָט אויף אים אַ ווייע געטון מיט געשמאַקע ריחות פון געבראָטנס און מיט יום־טובדיקן געמיט.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— ווו איז יהודיתל?

— פאַרלאָז דיך אויף מיר! — האָט זיך די פּופּיטשקע אויסגעגלייכט אַנטקעגן אים און האָט מאָדנע אַ קרום־געטון מיט די פאַרנאַשטע ליפּן. — ווען איך פאַרטראַכט עפּעס אַ זאַך — האָט זי אַ צעפּיר געטון מיט די הענט — האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז איך זאָל האָבן אַ דורכפאַל!

— געטעשי, האַריץ! — האָט פּופּיק גערופן פון קיך אַרויס, — גאַי, הינעץ, גאַי, די חיהלעך עלן דאָ אויסגאַין פון ענגשאַפט, עלן פּגרן פון הינגער, ווי איז מיא נעבאַך!

— לעמעשקע, קניש מיט דיניע! — האָט זי כעסדיק פאַרשנירעוועט די ליפּן און איז אַוועק אין קיך, אים געהאָלפן אויפבינדן די פיסלעך פון די עופות און האָט זיי איינציקווייז אַריינגעוואָרפן אין אַ שטייג פון דראָט, וואָס איז געשטאַנען הינטערן קיכל. דאַן איז זי צוריקגעלאָפן אין צימער, אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ ווייסן האַנטעך און אַ שטיקל זייף און דערלאַנגט קעשינען:

— שטיי נישט ווי אַ נעבטיקער! גיי, וואַש דיך אָפּ און טו דיך איבער!

ער איז אַרויס אין הויף, אויפגעדרייט דעם קראַן און אונטערגע־שטעלט דעם קאָפּ אונטערן קאַלטן וואַסער. לאַנג געזייפט די געדיכטע קנוידערן, דעם האַלדז און נאַקן.

פּופּיק האָט צו אים צוגעוווּנקען און די גוידערלעך האָבן געגלאַנצט פון גליק:

— געניג געזאָיפּט, געניג! עסט נאָך אָפּראַיבן אַ ביסל פון דיין שכל. אידיסלען עס דו שוין סיווי געפעלן. דאָס אָרימע מענטש האָט זיך נאָבעך אָנגעבידעוועט, אַז איין גאָט זאָל איר העלפן. יאָך מאַין, זי האָט שוין פאַרגעסן אָן אירע נאַזפּליגעלעך — האָט ער גערעדט און אַ קוועטש־געטון מיט אָן אייגל.

קעשין האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעווישט די נאַסע קנוידערן, דעם האַלדז און נאַקן:

— ווי אַזוי זעט זי אויס? — האָט ער אָפּגעאָטעמט דערלייכטערט.

פּופּיק האָט ווידער אַ קוועטש־געטון מיטן אייגל:

— עסט האָבן אַ וואַבל, אַזאַ יאָר צון אונדז ביידעמען!

שמייכל און פרייד האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום קעשינס מויל. ער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם האַנטעך אויפן אַקסל און איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין צימער. אַרויסגענומען פון רענצל אַ נייעם, שוואַרצן אַנצוג, אַ ווייס העמד און נייע שיך. זיך פאַרשטעקט הינטערן שפּאַנישן ווענטל און זיך איבערגעטון.

— גיטל, ווו זאָל איך באַהאַלטן דאָס אַלטווארג? — האָט ער געפרעגט די קוזינקע.

— גיי אַהער, חתן־בחור מיינער, אַ נייע זאָרג אויף אים, דאָס אַלטע בינטל שמאָטעס.

זי איז צוגעגאַנגען און אים געהאָלפן אויסבינדן דעם שוואַרצן שניפּס אַרום דעם קאָלנער פון העמד און דערביי אַ זאָג־געטון:

— קעשין, גיי צו צום שפּיגל און קוק דיך אָן מיט דיינע אויגן... קעשין, די שכינה פאָרט אויף דיר רייטנדיק... אידיסל וועט דיך נישט דערקענען, דו שיינסט!

ער איז טאַקע געווען מאָגערער און אויפגערוימט. יהודיתעס איבערלעבונגען האָבן אים פאַרשאַפט יסורים. אָבער דער גלויבן, אַז יהודית האָט ענדלעך איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אים, האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד, וואָס האָט אים אַרויסגעשיינט פון די אויגן. און די ראָזיקע פרייד האָט אים צוגעגעבן חשיבות. ער האָט סודותדיק געפרעגט:

— ווי אזוי זעט אויס יהודיתל?

— שיין ווי די וועלט! — האָט די פּופּיטשקע געמאַכט אַ זיסע מינע און זיך צעהוידעט אַנטקעגן אים. — קעשין, ערשט איצט זע איך, אַז איר זענט אַ שיין פאָרל, אַ פאָרל ווי פון גאָט אויסגעקליבן!

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— פאַרוואָס איז יהודיתל נישט געקומען צו דער באַן? און פאַרוואָס האָט זי מיר איבערהויפּט נישט געשריבן?

די פּופּיטשקע האָט געפּירט פּאַר זיך מיט די הענט און זיס געשמייכלט:

— דו קענסט נישט איר כאַראַקטער? זי האָט זיך איר אייגענעם צוגאַנג צו זאַכן. אָבער דער עיקר — האָט זי אים שטרענג געוואָרנט — פאַרגעס דיך נאָר נישט!... פאַל נישט אַרויף אויף איר ווי אַ ווילדער ביק. זי האָט דאָס פיינט! האַלט דיך ווי אַ לייטישער מאַנסביל און אידיסל וועט דיך ליב קריגן. ווענסט זען, אַז איך האָב רעכט געהאַט. ווענסט זען, ס׳וועט זיך איינאַרבעטן און זי וועט זיך צוגעוווינען!...

פּופּיק איז אַריינגעקומען, האָט זיך אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און באַרימעריש געזאָגט:

— אַ מאַנספּאַשוין באַדאַרף מע צו זיין, אַ מאַנספּאַשוין און ניש קא בייזעם!

קעשין איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט. די גוטע שטימונג פון זיינע קרובים האָט זיך אויף אים איבערגעטראָגן:

— דו ביסט דאָך נישט מער ווי אַ פּופּיק פון אַ לייטישן „מאַנספּאַרשוין" און דו גרייטסט דיך גאָר איבערקערן וועלטן! — האָט ער גוטמוטיק געלאַכט.

ער האָט איבערגעטראָגן די בליקן צו איר:

— גיטל, וואָס איז פון דיר געוואָרן?... דיין מאַן האָט מיר דערציילט זייער גרויסע העלדישקייטן וועגן דיר!...

זי האָט צוגעוואָרפן צום מאַן אַ גזלנישן בליק און זיך צעהוידעט אַנטקעגן קעשינען:

— אַז דו מיט מיין שלימזל וועלן מיך נישט אויפהערן צו יאַדען, וועל איך שוין אַוועקגיין צו יהודיתלען און מיר וועלן זיך מער נישט ווייזן אַהער!

באַלד האָט זי דעם מאַן געוואָרנט מיטן פינגער:

— איינמאָל האָסטו מיך איבערגערעדט און די ביסט שוין ביי דיר „משה גרויס". אָסור, צי איך וועל דיר אַמאָל נאָכגעבן די שמד, אָסור!

אירע פאַרנאַשטע ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן אין אַ ברוגזער גרימאַסע. פּופּיק האָט מחיהדיק אונטערגעטענצלט און אַ קוועטש־געטון מיטן אויגווינקל:

— קעשין, יאַך בין דיר ניש קא קרוב, נאָר אַ לאַבלעכער ברידער; קעשין, אַ מאַנספּאַשוין באַדאַרף מע צו זאַן און ניש קא יאַלד...

בעת אַט־די רייד איז אַנגעקומען יהודית. זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און געקוקט אויף קעשינען. פאַרוווּנדערונג האָט זיך געריסן פון אירע ברייטע בליקן. איר פּנים איז בלייך געוואָרן און אַ מאָדנע אומ־

צופרידנקייט האָט זיך געשניטן אַרום אירע ליפּן. קעשין האָט זי דערזען און ס׳האָט אים אַ ריס געטון פון אָרט. ער האָט זי געטריי אַריינגענומען אין זיינע לאַנגע, שטאַרקע הענט און זי צוגעדריקט צו זיך, געדריקט מיט איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט און איר געקושט די אויגן און דעם שטערן.

די פּופּיטשקע האָט אים בגנבה אַ צופּ־געטון:

— ס׳וועט אַמאָל נעמען אַ סוף, צי ווילסטו אויף איר שבת האַלטן?...

פּופּיק האָט זי געוואָרנט מיטן פינגער און צו איר אַ ווונק־געטון, אַז זי זאָל שווייגן און ער האָט קוועלנדיק באַטראַכט יהודיתן.

קעשין האָט זי ענדלעך אָפּגעלאָזט. אים האָט געוווּנדערט איר אָנ־טועכץ. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייס געפּרעסט שול־פאַרטעך. די גאָל־דענע צעפּ זענען געווען שטייף געפלאָכטן און אויסגעלייגט אַרום די אויערן. זי האָט אויסגעזען ווי אַן עלטער שול־מיידל. ער האָט צוגענומען ביי איר דעם שול־טאַש מיט די ביכער און העפטן און זיך אָנגערופן:

— יהודיתל, זעץ דיך אַוועק ביים טיש. מיינע קרובים האָבן דאָך גע־מאַכט אַ גרויסן יום־טוב פאַר אונדזערטוועגן!...

זי האָט אויף אים אַ צעשטרייטן בליק געטון און באַלד די בליקן אָנגעשטעלט אויף דער פּופּיטשקע, וועלכע האָט פאַרלוירן געשמייכלט. אירע פאַרנאַשטע ליפּן האָבן זיך אַ קרום־געטון און זענען באַלד ווי פאַ־ראַליזירט געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק אין קיך. דער מאַן האָט זיך איר נאָכגעבייכלט

— געטעשי האַרעץ, יאַך על מיר אַ מייסע אַנטון! געטעשי, דאָס וואַבל געפעלט מיר ניש...

יהודית האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביים טיש און אַרויסגערוקט אַ בענקל פאַר זיינעט וועגן.

— זעץ דיך אַוועק, קעשין, און דערצייל מיר עפּעס פון דיין לעבן. ווי אַזוי איז דיר לעצטנס געגאַנגען? ווי איז מיט דער אַרבעט און מיט דיין געזונט?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר און נישט געקאָנט באַנעמען, פון וואַנען ס׳האָט זיך צו איר גענומען אַזויפיל רויקייט און אַ טאָן ווי פון אַ מענטשן, וואָס האָט קיינמאָל פון קיין גייסטיקע ליידן נישט געוווּסט. זי איז אים אויסגעקומען ווי אַ ניי־געבוירענע, ווי אַ געהייליקטע אין אירע יסורים.

פּופּיק מיטן ווייב זענען צוריקגעקומען. זיי האָבן געטראָגן פאַר זיך צוויי גרויסע ערדענע שיסלען, פולע מיט געבראָטנס און מיט הייסע קני־שעס פון קאַשע און פון קאַרטאָפליעס. אַוועקגעשטעלט די שיסלען אויף אַ באַנק לעבן טיש, האָט פּופּיק אויסגעטיילט די פּאָרציעס פאַר די געסט.

די קלענצטע פּאָרציע האָט ער געגעבן דעם ווייב. דאַן האָט ער אָנגעפּילט די גלעזלעך מיט ווישניק, זיך אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די פינ־גער און אויפגעהויבן זיין גלעזל אין דער לופטן:

— פאַר אידישיס געזונט! אמן!

— פאַר קעשינס און אידעסעס גליק!... — האָט די פּופּיטשקע אויס־געדרופן.

— פאַר אייער גליקלעכער רייזע, מיינע פריינט!! — האָט יהודית געענטפערט.

— פאַר מאַ געטעשיס געזינט, אמן, זיסער גאָט אין הימל!

באַלד איז ביים טיש געוואָרן שטיל. יהודית האָט אריינגעקוקט אין איר טעלער. אירע אויערן האָבן אויפפאַלנדיק געפלאַמט. זי האָט געפילט, אַז די פּופּיטשקע האָט קעשינען פאַרדרייט דעם קאָפּ, אָבער זי האָט נישט געקאָנט זיין בייז אויף איר, ווייל יענע האָט זיך דורך איר געטרייקייט אינגאַנצן ריינגעוואַשן פון אַלע פריער באַגאַנגענע זינד קעגן איר. זי האָט באַשטימט צו שוויגן, אָפּפּטרן דעם מיטיק און גיין אַהיים.

אויך קעשין האָט געשויגן, נישט ניחהדיק געקייט אַ שטיקל פליש און אַלע מאָל צוגעוואָרפן אַ גזלנישן בליק צו זיין קוזינע. זי האָט נישט אויפגעהויבן צו אים די אויגן. זי האָט געשלונגען גרויסע שטיקער פליש אינאיינעם מיט שטילע זיפצלעך.

פּופּיק האָט אָנגעשטעלט אויף איר די צעוויינטע גוידערלעך פון אונטערן גאָמבעלע און איבערגעריסן די שטילקייט:

— געטעשי, האַריץ, נאָר ניש איבערכאַפּן די מאָס! געטעשי, דער דאָקטער האָט געהייסן האָבן גאָט אין האַריץ!...

— רייס מיר נישט אַרויס דעם ביסן פון האלדז! — האָט זי זיך אויף אים אָנגעבייזערט. ער האָט זיך צעהוידעט אויפן געזעס:

— ווייִ איז מיא נאַבעך! וואָס זאָגט עץ ניש צו דעם „ביסן“? דאָס מענש עט מיך אַוועקשיקן גלאַך אין גאניידען, ווי יאַך בין אַ ייִדן!

קעשין האָט זיך געווענדט צו יהודיתן:

— דו מעגסט טרינקען?

— מאַך מיך נישט פאַר קיין געפּערלעכן קראַנקן! — האָט זי געענט־פערט און נישט אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים. — מיך ווערט מען גאָר דאַרפן שיסן, ווייל מיט קיין נאַטירלעכן טויט וועל איך קיינמאָל נישט שטאַרבן!...

— וואָס זאָגט עץ ניש צו דעם מענטשן! — האָט פּופּיק געפּירט מיט די בליקן צו קעשינען און צו זיין ווייב. — ס׳פעלן אויס כוליגאַנעס?

ס׳פעלן אויס נאַציס? זע נאַר, ווער עס רעדט פון שטאַרבן, ווי איז מיִאַ נאבעך.

יהודית האָט אויסגעטרונקען אַ ביסל וויין, זיך אויפגעשטעלט און באַנגיק געזאָגט:

— איך מוז גיין, איך האָב אַ סך אַרבעט. דערצו האָט מיר מיין לערער געגעבן צו מאַכן שווערע אויפגאבן!

זי האָט גענומען דעם שול־טאַש און דערלאנגט קעשינען די האנט. אויך ער האָט זיך אויפגעהויבן. אַ קרענקלעכע בלייכקייט האָט געציטערט אַרום זיין מויל.

— מעג איך דיך אָפּפירן אַ היים? — האָט עס פון אים ווי אַרויסגע־ציטערט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי שטיל געענטפערט.

זי האָט אים היימיש אַ נעם־געטון אונטערן אָרעם, און אַרויסגעפירט פון שטוב. פופיק מיטן ווייב זענען זיי נאָכגעגאַנגען ביז צום דרויסנדיקן טירל. אויף דער שוועל זענען זיי געבליבן שטיין און זיי נאָכגעקוקט מיט געטרייע בליקן, פולע מיט ברכות און מיט געבעט צום גאָט פון דער ליבע.

— אפשר וועט גאָט נאָך העלפן! — האָט די פופיטשקע אַ קניפּ־געטון דעם מאַנס עלנבויגן.

ער האָט אויפגעהויבן צו איר דאָס גאָמבעלע און געזאָגט:

— הלוואי, געטעשי קערוין, הלוואי זאָל ער דאָס מאָל אויסנעמען באַם אָרעמען וואַבל, ווי איז מיִאַ נעבעך. יאַך על אַריינוואַרפן אין בעל־נס־פושקע.

יהודית האָט אויפגעשלאָסן דאָס טירל פון איר גאָרטן, פריִער אַריינ־געלאָזט קעשינען און איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט געפילט אויף זיך די נייגעריקע בליקן פון די שכנים, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין שום גע־פיל צו זיי, נישט קיין גוטן און נישט קיין שלעכטן, ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער אַלטער, צעפּאָרענער שטול צווישן די בלומען און געוויזן קעשינען אויף אַן אַלטן, גרויען שטיין:

— זעץ דיך אַוועק, קעשין, און דערצייל עפּעס.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיין, אויסגעצויגן זיינע לאַנגע, שטאַרקע פיס פאַר זיך און גענומען קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ און זיינע אויגן זענען הענגען געבליבן אויף איר דורכלויכטיק, בלייך פּנים מיט די טיפע קאַרבן אַרום דעם מויל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יהודית איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי שיין און אַזוי אָנציִענדיק ווי אַצינד. ער האָט נישט געוואַגט צו רעדן וועגן חתונה האָבן.

— וואָס איז דיר עפּעס פּלוצים איינגעפאַלן צו לערנען? — האָט ער

— ס'איז נישט קיין פּלוצימדיקער איינפאַל, — האָט זי רויִק גע־
נאָך אַ לענגערן שווייגן געפרעגט.
ענטפערט. — איך וויל נאָר פאַרווירקלעכן מיינעם אַן אַלטן חלום.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהויבן דאָס פּנים צום פּאַרהאַנג איבער דער טיר פון מאַרטאַס צימער. אַרום זיי איז געוועזן שטיל. בלייכע שטיקער זון האָבן זיך צעלייגט צווישן די גרינע גראָזן. דאָס זומערדיקע ווינטעלע האָט שפּילעוודיק צעשויבערט די קרוינען פון די ברייט־צעוואַק־סענע צוויט־ביימלעך. אין שאָרך פון אַ בלעטל האָט יהודית געהערט קוקיס שטים און אירע אָפּגעריסענע קרעכצן פון די לעצטע גסיסה־שעהן. זי האָט אַן אומעטיקן קוק געטון צו קעשינען און אים געפרעגט:

— האָסטו געקאָנט מיין שכנהס טעכטערל?

— רעד נישט וועגן זיי! — האָט זיך קעשין ביי איר געבעטן. — מיין קוזין האָט מיר וועגן זיי אַלץ דערציילט.

יהודית האָט געשוויגן. זי האָט שטאַרק געפילט זיין געטרייקייט און זיין גרענעצלאָזן געדולד אין וואַרטן אויף אירן אַ וואָרט. אַ געפיל פון ליבשאַפט האָט זיך אין איר צעגאָסן, אָבער אַ ליבשאַפט, וואָס נעמט זיך פון דאַנקבאַרקייט. ביי זיך האָט זי געטראַכט, אַז קעשין איז דער איינציקער ערלעכער מענטש, וועלכער איז איר געטריי געבליבן ביז משוגעת און אַז ער איז ווערט איר ליבע. זי וועט אים אָבער גאָרנישט זאָגן, ווייל אירע געפילן דרייען זיך משוגענערהייט און לויפן זוכן דעם נעכטיקן טאָג. אירע געפילן זענען ווי די פליגל פון אַ ווינטמיל, פליגל, וואָס ווערן גע־טריבן אין אַן אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג. קעשין איז שוין אַלט פערציק יאָר. און ווען וועט ער ענדלעך אַמאָל איינאָרדענען זיין לעבן? מיט וואָס וועט זי אים קענען פאַרגיטיקן פאַר אַזוי פיל ליידן?

„ווער איז דער בלינדער כוח, וואָס שטייט צווישן דיר און קעשינען?— נאַטאַליאַ! נאַטאַליאַ איז דער בלינדער כוח! — האָט עס אין איר אַ ציטער־געטון, — ער האַלט דיך נאָך אַלץ אין זיין נעץ. דו ביסט נישט מער ווי אַ קנעכט צו דיינע געפילן. דו האָסט קיין כוח נישט צו פאַראַכטן אַ מענטש, וועלכער האָט דיך פאַרביטן אויף אַ צווייטער!“

קעשין האָט געהאַלטן אויף אירע זיינע אַנגעצונדענע בליקן:

— יהודיתל, האָסט דיך געזען מיט דיין ימח־שמוניק?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. קעשין איז געוואָרן בלייך ווי אַ טויטער. ער האָט שטיל צוגעגעבן:

— האָסטו גערעדט מיט אים? וואָס האָט ער דיר געזאָגט? איז ער

גליקלעך, דער עגאָיסט? און וואָס האָט ער פון דיר ווידער געוואָלט, וואָאָאָססס?!...

יהודית האָט געהויבן מיט די אַקסלען און אומגערן געענטפערט:

— אונדזער שמועס האָט זיך געדרייט נאָר אַרום דעם אומגליקלעכן קינד. הלוואַי, קעשין, וואָלט איך אים מער נישט געווען געטראָפן!...

זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און אומעטיק געשמייכלט. קעשין האָט גוט געדענקט, וואָס די פּופּיטשקע האָט אים געשריבן אין לעצטן בריוו. ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו פרעגן יהודיתן, צי זי האָט אים נאָכאַמאָל געזען.

יהודית האָט ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— איך מיין, אַז נאַטאַליאַ האָט מיך שוין פון לאַנג פאַרגעסן. ווען נישט, וואָלט ער דאָך אַמאָל געקומען אַהער זען וואָס איך מאַך!

שוואַרצע פונקען און צאָרן האָבן אַ שפּריץ־געטון פון קעשינס אויגן. ער האָט אויסגערופן פאַרביטערט:

— און דו וואָלסט אים אַריבערגעלאָזט איבער דער שוועל פון דיין טיר? יהודית, ווייסטו, וואָס דו האָסט געזאָגט? ווו איז דיין ווירדע? — האָט עס פון אים אַרויסגעבראָמט.

זי האָט ביטער געשמייכלט און פאַרטראַכטערהייט געפירט מיט דער האַנט איבער די צעוויגטע, הויכע גרעזלעך.

— ווען ער קומט מיך זען, וואָלט איך גאָרנישט פאַרלוירן פון מיין ווירדע. ווען איך גיב מיר אָבער נאָך דעם געפיל, וואָלט ער מיך געהאַלטן ווי מען האַלט אַ נאָכגעביקן הונט...

זי האָט ביטער אַ לאַך־געטון, איבערגעטראָגן די בליקן ערגעץ ווייט, ווייט און ווידער געקוקט, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט.

קעשין האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— און וואָס דענקסטו איצט צו טון?

— איך האָב געפונען מיין וועג, קעשין, און איך וועל ווייטער אָנגיין מיט מיין איבערגעריסענעם שטודיום, — האָט זי ווי אַריינגערעדט אין דער ווייטער אומבאַשטימטקייט.

ער האָט אַרויסגעפילט די אַנטשלאָסנקייט פון איר שטים און געהאַ־מעוועט אין זיך דעם אויפגעברויזטן צאָרן און ביטערניש:

— קום צו מיר, יהודית! ביי מיר וועסטו קאָנען אָנגיין מיט דיין לערנען.

יהודית האָט געשמייכלט און געשוויגן. איר איז געקומען אויפן זין: ווען קעשין זאָרגט פאַר מיר, וואָלט די דערגרייכונג געווען מער זיינע ווי מיינע. ווען אַ פרוי קען ברענגען אַ קרבן און זיך אָפּזאָגן פון אַ רויִק לעבן

צוליב אַן אידעאַל, דאַן איז די פרייד און די דערהויבונג אַ דאָפּלטע. איך אַליין וועל ביסלעכווייז גיין אויף דעם וועג, וועלכן איך האָב זיך אַמאָל אָנגעצייכנט און וועלכן נאַטאַליאַ האָט פּאַרווישט. איך וועל אָבער מיינס דערגרייכן; איך מוז עס דערגרייכן!

קעשין האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— האָסט געפרעגט דעם דאָקטער, צי די מעגסט דיך אַזוי פיל אָנ־שטרענגען?

זי האָט רויִק געענטפערט:

— זיי נישט קיין נאַר. דאָס לערנען האָט מיך אַפילו געראַטעוועט פון טויט...

קעשין האָט זי ווידער געוואָרנט:

— געדענק, יהודית, עפן דיינע אויגן! מיר לעבן פּאָרט אין אַ צייט פון פּראַקטישן שכל. געדענק, אַז דיין דאַן קיכאָטעווען וועט דיך צו טייער קאָסטן...

— וואָס אַרט עס דיך? — האָט זי ברוגזלעך צוגעגעבן. — אין אַזאַ קלוגער געזעלשאַפט פון סאַמע פּראַקטישע מענטשן — האָט זי זיך צע־שמייכלט — מעג זיך דאָך געפונען איין משוגענע אין שטאָט...

קעשין האָט זיך צו איר צוגערוקט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איר שויס און אויפגעהויבן צו איר די וויינענדיקע לאָמפּן פון זיינע אויגן:

— שלאָג מיך, יהודיתל, רייס פון מיר שטיקער לעבעדיקערהייט, נאָר פּאַרטרייב מיך נישט מער פון דיר, מאַמע מיינע! לאָז מיך אָפּהיטן דיין ביסל געזונט און דיין שטיקל לעבן!

די ערלעכקייט פון זיין שטים האָט יהודיתן צעגומען ביזן מאַרך פון די ביינער. זי האָט אַריינגעפּלאָכטן אירע פינגער אין זיינע געדיכטע, שוואַרצע קנוידערן און דערביי אומבאַהאָלפן אַריינגעזיפצט אין זיך. טיף אין האַרצן האָט ביי איר ווידער אויפגעפּלעמלט אַ געפיל פון גרענעצלאָזער דאַנקבאַרקייט צו אים און אַ הייסער באַגער אָפּצוטון להכעיס גינערן און נאַטאַליאַן און אויף גיך חתונה האָבן מיט קעשינען... באַלד אָבער האָט ווידער אין איר אויפגעלעבט די דערמאָנונג אָן נאַטאַליאַן און איר בלוט האָט אַ שוים געטון. זי איז ווידער באַהערשט געוואָרן פון דעם אַלטן גע־פיל צו אים.

— קעשין, — האָט זי איבערגעריסן די שטילקייט — פאַר אַהיים און זיך דיר אָפּ אַ פּרוי. דו האָסט דיר פאַרדינט אַ רויִק, שיין און גליקלעך פאַמיליע־לעבן.

שוואַרצע פונקען האָבן אַ שפּריץ־געטון פון זיינע בליקן:

— שששששש, קיין איין וואָרט זאָל מער נישט דערמאָנט ווערן וועגן דעם, קיין איין וואָרט!

זי האָט יסורימדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אירע ברייטע, פּייכטע בליקן האָבן זיך געריסן אין דער ווייטער בלויקייט אַריין. דאָרטן האָט זי געזען נאַטאַליאַן און איר האָט זיך גערדאַכט, אַז ער האָט זי גערופן. אַ פרייד האָט זיך צעזונגען אין איר.

קעשין האָט זיך אויפגעזעצט, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און פאַרשטעלט די טרערן, וועלכע האָבן אַ פליייך־געטון פון זיינע אויגן. רויטע שטיקער זון האָבן זיך געקרישעט איבער זיי און די ווייסע און בלויע רויזן האָבן זיך שטיל און רוישלאָז באַוועגט אונטערן קילן זומער־ווינטעלע. זיי האָבן זיך באַוועגט ווי ביי אַ תפילה אין אַ געבעט צום גאָט פון ליבע, אַ געבעט, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף קעשינען...

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

אין אַ גרויסן פּירעקיקן זאַל מיט הויכע, ברייטע פענצטער צו דער גאַס האָט גינער איינגעאָרדנט די אויסשטעלונג פון זיינע נייע שאַפונגען. דער זאַל האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק אין איינער פון זיין רייכן שווערס געביידעס אין סאַמע צענטער פון שטאָט. אַן אויפגערוימטקייט און חשיבות האָבן גערוט אין די זויבערע טיפע ווינקלען. פון די שווערע, באַ־פרענדזלטע גרינע פאָרהאַנגען איבער די אָפענע פענצטער, פון געבלימלטן, פּלושענעם טעפּיך אויפן רויט־פּולירטן דיל, פון די זילבערנע מנורות אין די ווינקלען און פון די גרינע פּאַלמעס אין די הויכע כינעזישע בלומען־טעפּ האָט געווייעט מיט איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט און מיט גוטן געשמאַק.

אין פראָנט, אַנטקעגן דער אַריינגאַנגס־טיר, האָט געהאָנגען אַ ריזיק בילד אין טונקעלע קאָלירן. מיט דעם דאָזיקן בילד האָט גינער פּאַראייביקט די היסטאָרישע יהודית. אין אירע בלייכע הענט האָט זי געטראָגן דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון האלאפאָרנעסן. אַ צווייט בילד האָט פאַרגעשטעלט מחנות יידישע קינדערלעך, אַנטלויפנדיק פון די דייטשישע און פּוילישע מערדער. שרעק און איבערמענטשלעכער ווילן צום לעבן רייסט זיך פון די קינדישע אויגן. די קינדערלעך באַהאַלטן זיך אין אַ וואַלד־הייל, ווו מאַמעס לייבעכעס דערנערן זיי מיט זייער מילך. דאָס דריטע בילד ווייזט משהן אַרויספירן די יידן פון פרעהס קנעכטשאַפט. פאַראויס גייט מרים הנביאה

און שפּילט אויף דער האַרפע. ביים זוים פון דעם דאָזיקן בילד זיצט ישעיה הנביא צווישן אַ מחנה לייבן מיט ווייסינקע שעפעלעך. די חיות קוקן רויק צו, ווי ער שמידט־אויס פון אַ שווערד אַן אַקעראייזן. און אין מיטן פון זאַל אויף אַ גרויסן פּאַטעל איז געשטאַנען דאָס בילד פון דער לעבעדיקער יהודית און געזונגען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

דער בעל־שמחה, גינער, איז געווען ערנסט און פאַרטיפט אין זיך. אויך זיינע פריינט זענען געווען ערנסט. באַוווּנדערונג און נייגער האָבן אין זיי אַרויסגערופן די אויסגעשטעלטע בילדער. קיין פּראָפּאַגאַנדע אין די צייטונגען האָט דער קינסטלער נישט געמאַכט. ער האָט צו זיינע באַקאַנטע נאָר געריידט דורכן טעלעפאָן, און זיי זענען געקומען און מיטגעבראַכט אַ סך אַנדערע באַקאַנטע. יהודיתן האָט גינער געשיקט צוויי בריוו און זי איינגעלאַדן צו קומען, אָבער זי האָט זיך נאָך נישט באַוויזן.

די ערשטע געסט, גינערס אַלטע פּאַרערערנס, זענען געשטאַנען אַרום אים, פאַרטראַכטע, אויסגעפּוצטע אין ווייסע, שטייפע קליידער פון פיי־נעם באַטיסט און ווייסע ספּאָרט־שיכלעך. די געסט האָבן אים אַרומגע־רינגלט און אים באַשיט מיט קאָמפּלימענטן. אויף זייערע פראַגן וועגן יהודיתס געמעל האָט ער זיי דערקלערט: די טיפע קאַרבן אַרום איר מויל דריקן אויס אייביקע יידישע ליידן און מאַנונג; די אויפגעריסענע אויגן, — זוכונג און וויזיע פאַר דער גאולה; דער עיקר גלויבן, ליבע צו מענטשן און צו דער נאַטור; און די אַנדערע געזיכטס־שטריכן סימבאָליזירן עלנט און דערשטיקטע ליידנשאַפטן.

— ווייסט איר — האָט אים איינע פון זיינע פּאַרערערנס געזאָגט — די מיינסטע פון אייערע מאָדעל־מיידלעך זענען אייגנטלעך ווולגאַרע אין פאַרגלייך צו דעם בילד, אין וועלכן איר האָט אַריינגעלייגט אייער גאַנצע פאַנטאַזיע...

זוניקע פעדימלעך האָבן אויפגעשיינט אַרום זיינע שלייפן; ער האָט אין זיך צופרידן אַריינגעשמייכלט און פאַריסן געענטפערט:

— אָן דער וויזיע פון קינסטלער ווערן נישט געשאַפן קיין גרויסע קונסט־ווערק. איך קען די פרוי. זי האָט אַ גרויסע נשמה!

— פאַר וואָס קומט זי נישט?

— ווען וועט זי קומען? — האָבן זיי געפרעגט נייגעריקע און זייערע פּנימער געווענדט צו דער אַריינגאַנג־טיר.

און באַלד איז טאַקע יהודית אַריינגעקומען. זי האָט געלויכטן אין איר ווייס שטייף שול־פאַרטעך און מיט די גאָלדענע צעפּ, פאַרלייגט אַרום די אויערן. אונטערן אָרעם האָט זי געטראָגן אַ פּעקעלע מיט אַרבעט און אין

דער לינקער האַנט דעם לעדערנעם שולטאַש מיט העפטן און ביכער. אויפֿ־געררומטקייט און בענקשאַפֿט האָבן אַראָפּגעשיינט פֿון איר אָפּגעצערט פּנים.

גינער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען, זי געגומען אונטערן אָרעם און צוגעפֿירט צו די געסט. דערזעענדיק דאָס בילד, איז זי רויט געוואָרן, אָבער באַלד האָט זיך די בלייכקייט אין איר פּנים צוריקגעקערט. פֿון אירע אויפֿגעריסענע אויגן האָבן אַ שפּריץ־געטון בלויע פֿונקען. ווען גינער האָט דערזען איר פֿאַרלוירנקייט, האָט ער לעבהאַפֿט אַ זאָג־געטון צו זיינע פֿאַר־ערערס:

— מיידלעך, באַקאַנט אייך מיט מיין פֿריינדן! דאָס איז פֿריילן כודיט!..

פֿיינע, איידעלע הענט האָבן זיך געצויגן צו איר.

— מיר באַגריסן אייך!

— דאָס בילד איז הערלעך!

— איר האָט אינספּירירט גינערן! אַ דאַנק!

זי האָט צעטומלט און פֿאַרלוירן געשמייכלט, אָבער זי האָט נישט אַראָפּגענומען די בליקן פֿון בילד, ביי וועמענס זוים עס האָט געשטעקט אַ וויזיטקאַרטל מיטן צושריפֿט פֿון גינערן, אַז דאָס בילד האָט געקויפֿט דאָקטער נאַטאַליאַ ב. יהודית האָט אויפֿגעהויבן צו אים די בליקן, פֿולע מיט אומגלויבן און שרעק.

— כודיט! — האָט ער צו איר געשמייכלט. — ער ווערט משוגע פֿאַר דעם בילד!..

זי האָט געשוויגן. אַלץ אין איר האָט געברויזט פֿון אויפֿרעגונג. ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און זי אַריינגעפֿירט אין אַ זייטיק, זויבער זאַלעכל מיט גאָלדענע בלעטער אויף בלוי און אין אייל געפֿאַרבטע ווענט. דאָרט איז זיין פֿרוי איסאַבעל געזעסן לעבן אַ שוואַרצן, געשניצטן שרייב־טיש און פֿאַרשריבן אייניקע אַדרעסן פֿון קונים אויף די בילדער.

גינער האָט ענטוזיאַסטיש אויסגערופֿן:

— איסאַבעל, טו נאָר אַ קוק, ווער ס'איז דאָ!

זי איז אויפֿגעשטאַנען און איר געגעבן די האַנט:

— פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי שפּעט געקומען, כודיט? מיין מאַן האָט מיר וועגן אייך דערציילט אַ סך שיינע זאַכן...

אין איר שטים האָט געקלונגען פֿרייד און דאָס פּנים האָט געשטראַלט.

יהודית האָט געשוויגן. איסאַבעל האָט זי היימישלעך צוגעצויגן צו זיך און מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל איר אָנגעוויזן אויף אַ דיוואַן. ווען יהודית האָט זך אַוועקגעזעצט, האָט איסאַבעל זיך געווענדט צום מאַן:

— דו, מיין זיסע ליבע, גיי צוריק אין זאַל אַריין! דו דאַרפֿסט דיך געפֿינען צווישן דעם פּובליקום!

ער איז אײליק ווידער אַוועק. איסאַבעל האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנט־קעגן יהודיתן און געהאַלטן אויף איר די נײַגעריקע בליקן, פולע מיט באַ־וווּנדערונג.

יהודית האָט נישט אויפגעהויבן דאָס פּנים. אַ געפיל פון שולדיקייט האָט געברענט אין איר און אויך פאַרשעמטקייט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גינערן איז אָנגעקומען זייער לײַכט אָפּצונאַרן זײַן ווײַב... און אויב זי, יהודית, האָט אַמאָל געטראַכט צו געבוירן פון אים אַ קינד, איז דאָס געווען די פּרוכט פון זײַן לײַכטקייט און צודרינגלעכקייט. ווײַל ער איז אַ מאַן, וואָס שווימט אינעם לעבן; ער פליט איבער דער וועלט ווי די ווײַסע, זאָרגלאָזע מעוועס איבערן ים.

איסאַבעל האָט גענומען פון שרײַבטיש אַ גרויסן זשורנאַל, אים צע־עפנט און אים אַרויפגעלייגט אויף יהודיתעס שויס. יהודית האָט געזען אַ קאַריקאַטור פון גינערס פּנים. אַ דינער חוזק האָט זיך געשניטן פון זײַנע ליפּן און אַרום די פּעלדעלעך בײַ די שלייפן. זי האָט אויפגעהויבן די בליקן און זיך געווענדט צו איסאַבעלן:

— די קאַריקאַטור איז אַ געלונגענע!...

שמייכל האָט זיך צעטאַנצט אַרום איסאַבעלס מויל; זי האָט צופרידן געענטפערט:

— אַזוי ווי איך קען אים, קען קיינער נישט גינערן...

יהודית האָט אַ לײַכטן שמייכל־געטון און געשוויגן.

איסאַבעל האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— שוין לאַנג אַז איר פּאָזירט?

פאַרשטייענדיק, אַז גינער האָט גערעדט מיט זײַן ווײַב וועגן אַ נײַ מאָדעל־מיידל, האָט יהודית ווײַטער געבלעטערט דעם זשורנאַל און פאַר־לעגן געשמייכלט:

— יאָ, נאָך אין דער היים, אַלס קינד שוין, האָב איך פּאָזירט...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט איסאַבעלן די האַנט. גינערס פרוי האָט העפלעך געלאַכט, ווען זי האָט דערזען דעם שולטאַש מיטן פּעקעלע.

— וואָס טראָגט איר דאָ? — האָט זי נײַגעריק געפרעגט.

— איך קום איצט פון דער שולע, איך שטודיר!

פאַרוווּנדערונג און נײַגער האָבן זיך געריסן פון איסאַבעלס בליקן און זי האָט ווײַטער געפרעגט, דאָס מאָל שוין ערנסטער און מיט מער אָפּשײַ:

— וואָס ווילט איר ווערן?

— דערווײַל האַלט איך בײַם אָנהייב!... און איך אַרבעט אַ סך, אייגנט־

לעך שוין אַ ביסל צופיל, — האָט זי פאַרלוירן געשטאַמלט און איז געוואָרן רויט.

ביי איסאַבעלן איז געוואַקסן דער אינטערעס אויסצוגעפינען אַלץ. אָבער אַזוי ווי זי איז דעם מאָמענט געווען פאַרנומען, האָט זי יהודיתן איינגעלאַדן אויף זונטיק צו מיטיק:

— מיר וועלן דאַן שמועסן. מיר האָבן זיך אַזוי פיל צו דערציילן! נישט אמת? — האָט זי ברייטלעך געלאַכט און צוגעפירט יהודיתן צו דער טיר.

— אַלזאָ, ביז זונטיק!

אין זאַל האָט יהודית באַלד דערזען נאַטאַליאַן. ער איז געשטאַנען לעבן בילד און זיך עפּעס געסודעט מיט גינערן. איר האַרץ האָט אָנגע־הויבן צו ציטערן און די פיס זענען ביי איר געוואָרן שוואַך. עמעצער הינטער איר האָט געמורמלט: „דאָס איז דער ייִדישער דאָקטער, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט זיין קריסטלעך ווייב. ער קומט אַהער אַלע טאָג קוקן אויף דעם־אָ בילד...

יהודית איז געוואָרן שטאַרק בלייך. זי האָט פאַרלוירן געשמייכלט און געשוויגן. גינער איז צו איר צוגעקומען און איר איינגערוימט אין אויער:

— כודיט, גיי נישט אַוועק... בלייב, וועסט גיין מיט אונדז אין אַ קאַפע.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אַ מאָדנע נעבעכדיקייט האָט זיך געטיקט אין אירע בליקן. זי איז נאָך געווען שוואַך און אויסגעשעפּט פון די לעצטע איבערלעבונגען. אמת טאַקע, אַז זי האָט זיך געשטאַרקט און איז געגאַנגען לערנען, געאַרבעט, אָבער דאָס גאַנצע לייב און לעבן אירס האָט זיך געבעטן נאָך רו. נאַטאַליאָס אָנוועזנהייט האָט געוועקט אין איר דעם טרויער און די בענקשאַפט נאָך אים און זי האָט מורא באַקומען, אַז זי וועט אַוועקפאַלן און נאַטאַליאָ וועט זיין דער, וואָס וועט מוזן אויס־שטעלן דעם טויטנשיין...

גינער האָט זיך אָנגערופן:

— פילסט דיך שלעכט, כודיט?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן און געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. בעת־מעשה האָט זי אויפגעהויבן דאָס פּנים און זיך איינגעגעסן אין נאַ־טאַליאַן. ער איז געוואָרן ווי אַ יורד. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די נאַר־וואָס געהערטע ווערטער: „ער האָט זיך לעצטנס צעקריגט מיט זיין ווייב“...; „ער קומט אַהער אַליין און קוקט אויפן בילד“... — האָט עס אין איר געהאַמערט.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דעם דאָקטערס ווייב, אַן אויס־געפּוצטע אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. איר בלייך מאַדאָנע־פּנים האָט אָפּיר־געשיינט פון אונטער דעם ראָזעווען וואַל, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פון ראַנד פון איר שוואַרצן הוט. די געסט האָבן זי באַקוקט ווי עפּעס אַ וווּנ־דער און יהודית האָט געהערט, ווי מען שושקעט זיך:

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינהייט זי איז!

— דאָס איז אַ ווענוס! — האָט אַן אַנדערער אויסגערופן.

— איר פּנים איז ווי פון דער הייליקער מאַריאַ!

יהודית האָט דערשטיקט אין זיך די אייפערזוכט. זי האָט זיך געפילט ווי צעטרעטן און דערנידעריקט. זי האָט געטראַכט: „יאָ, נאַטאַליאַ איז גערעכט. די דאָזיקע פרוי איז ווירקלעך אַ שיינהייט. זי איז ווי אַ געטין אין מענטשלעכן געשטאַלט...

די דאָקטערשע האָט אויף זיך דערפילט יהודיתעס ברענענדיקע בליקן. האָט זי צו איר אַ נייגעריקן בליק־געטון, זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צו איר מאַן, לייכט אַרויפגעלייגט די שפּיצן פון די פינגער אויף זיין אַקסל און שטיל אַ פליסטער געטון:

— האָסט געזען דאָס מאָדעל־מיידל? זי האָט וווּנדערלעכע אויגן! — און זי האָט איבערגעטראָגן די בליקן צו יהודיתן.

אין יהודיתן האָט זיך צעהאַמערט קעשינס אָפּחוזק: „אָ, יהודיתל, דער אַלטער דרימפּעטש וועט דיך נאָך טרייבן יונגערהייט אין קבר”... „און ווער, יהודיתל, וועט דיך נעמען פאַר אַ ווייב? וויזעלע, אַראָד!”... — האָט איר מאַמעס שטים אַרויסגעשריִען פון ערגעץ.

זי איז געוואָרן געפאַלן ביי זיך; אַ נעבעכדיקער שמייכל האָט געצי־טערט אַרום די קאַרבן פון איר מויל. זי האָט זיך פּאַרזיכטיק אָנגעהויבן שאַרן צו דער אַרויסגאַנגס־טיר. קיינער פון די געסט האָבן מער נישט גע־קוקט אויף איר. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו דער דאָק־טערשע. נאָר גינער האָט זי געזען און איז איר נאָכגעגאַנגען. ווען זי איז אַרויס און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט און מיט אַ דערלייכטערט געמיט איז ער ווידער צוריק אַריין צו די געסט.

יהודית איז געלאָפן איבער דער לאַנגער גאַס קאַריענטעס; געלאָפן ווי אַ צעמישטע און אַלץ אַרום איר האָט זיך געדרייט און געחוזקט: „ווי־זעלע, פאַרזעעניש”...

איר בלוט און דער מאַרך פון די ביינער האָבן מיט איר מיטגעוויינט און זיך באַקלאָגט אויף דעם שווערן לעבנסוועג, וואָס זי האָט זיך אויס־געקליבן. די אייפערזוכט האָט געברענט און געמאַכט לעכער אין איר האַרץ. אין יענע מינוטן פון בענקשאַפט נאָך איר מאַן האָבן אויפגעפלאַמט

אין איר טויזנטער קללות. דאָס זענען געווען נייע געפילן אין איר, פון וועלכע זי האָט פריִער קיינמאָל נישט געוווּסט. „גאָט, שיק איר דעם טויט!" האָט זי געשאָלטן די פרוי און אַריינגעקרעכצט אין זיך. „שיק איר דעם טויט, דאַן וועט נאַטאַליאַ קומען צו מיר. איך וועל אים דערציִען די קינדער. זיי וועלן זיין ווי שטיקער פון מיין אייגן פלייש און בלוט. אָ, גאָט, גיב אים מיר צוריק!"...

באַלד האָט זי זיך פאַרשעמט פאַר אירע קנעכטישע געפילן און געדאַנקען און מורא באַקומען פאַר זיך אַליין. זי האָט זיך נישט דערקאָנט. דער עלנט און דאָס שווערע לעבן האָבן אין איר געגרעוועט און זי געצויגן צו דער ערד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַהין און צוריק, וואָלטן געוווּסט, אַז זי איז ווי אַן אָפּגעריסן צווייגל און אַז איר לעבן האָט זיך געוואָלגערט אונטער נאַטאַליאַס פיס.

צוגעקומען צום ראָג קאָריענטעס און קאַזשאַאַ, האָט זי באַדאַרפט נעמען אַן אָמניבוס צו דער באַן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן די צרות. ערגעץ טיף אין איר נשמה האָט נאָך געלעבט דאָס רחמנות-געפיל צו מאַרטאַן און אויך די אחריות, וואָס זינט די קראַנקע מאַרטאַ איז געבליבן אַליין, האָט זי זי נאָך נישט באַזוכט. האָט זי מיטאַמאָל באַשלאָסן צו נעמען אַן אַנדערן אָמניבוס און צופאָרן צו איר פריינדין, צו מאַרטאַן. אַלץ אין איר האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַריין. ביים ראָג פון מאַרטאַס וווינונג איז זי אויסגעשטיגן און צוגעלאָפן צום טירל. עטלעכע מאָל אַ קוועטש-געטון אין דער טיר-קנאָפּקע. קינדער פון די שכנישע שטיבער זענען אַרויסגעקומען און געקוקט אויף איר מיט שרעק אין די אויגן. אַ פענצטער פון אויבערשטן שטאָק פון מאַרטאַס שטוב האָט זיך צעפּראַלט און פנימער האָבן זיך באַוויזן צווישן די צעגומענע פאָרהאַנגען. אויגן האָבן זיך שטום איבערגעקוקט.

— קינדער, קומט אַהער! — האָט אַ בלייכע האַנט אַראָפּגעפּאַכעט צום קליינוואַרג. — קריכט נישט אַהין! — האָט אַ צווייטע געוואָרנט מיטן וויזפינגער.

דאָס קליינוואַרג איז געוואָרן נאָך נייגעריקער און דורכויס געוואָלט, אַז דער גאַסט זאָל דווקא אַריינגיין צו מאַרטאַן. די אַלע ווילדע מעשיות, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט פון זייערע טאַטע-מאַמע, האָבן אין זיי צעפלאַמט די פאַנטאַזיע און דערוועקט אַ בלינדן געפיל פון רחמנות. זיי האָבן יהודיתן געשלונגען מיט די אויגן. אַ יאַטל פון אַ יאָר צען האָט געפירט פאַר זיך מיט די צעגומענע הענטלעך. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ געבעט:

— סעניאָראַ, קלינגט נאָכאַמאָל... מאַרטאַ איז אַ גוטע... קוקי איז געווען מיין חברטע, אַרעמענקע... אַרעמענקע...

— יאָ, אָבער מאַרטאַ האָט געטריבן איר טאָכטער אין קבר אַריין!

— האָט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף ברוגזלעך אַ דריי־געטון מיטן קאָר־טאָפּל־נעזעלע און איז רויט געוואָרן; — אַז מען האָט אַ קראַנקע טאָכטער גייט מען נישט אין די טאַנץ־סאַלאָנען...

— אַ דיבוק איז אַריין אין מאַרטאַן! — האָט אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט שטיל צוגעגעבן. — מיין מאַמע זאָגט, אַז איר טאָכטערס גייסט וואַרגט זי...

— גיי, גיי פון דאַנען, דו אינדיטשקע! — האָט זיך די חברה צעלאַכט.

— דער גייסט פון אַ קינד קומט קיינמאָל נישט שלעכטס טון דער אייגענער מאַמע...

סיי פון די ווייבערישע בליקן און סיי פון די קינדערס רייד איז יהודיתן קאַלט געוואָרן אין די אברים. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַרטאַ איז די איינזאַמסטע און עלנטסטע פרוי פון דער געגנט. געוויין האָט זיך געשטיקט אין איר און אַ געפיל פון שולדיקייט. ווייל זינט מאַרטאַ האָט פאַרלאָזט דאָס פינצטערע אַרעסט־שטיבל, האָט זי יהודית מער נישט געזען.

די קרובים און גוטע פריינט האָבן זי אינאיינעם מיט סוסין אין ערשטן טאָג פון אַרעסט אַרויסגענומען. אָבער מאַרטאַן איז דאַן געווען שווער אײַ־בערצולאָזן יהודיתן אַליין. מאַרטאַ איז געווען צעבראָכן און מאַכטלאָז קעגן דעם גרויסן אומגליק. זי האָט דאַן אַריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און שטיל געוויינט:

— כודיט, חברטע מיינע, וואָס וועל איך טון אָן דיר? מענטשן וועלן מיך פאַרשטיינערן און באַשפּייען... כודיט, כודיט!...

ווען יהודית האָט זיך דערמאָנט אין מאַרטאַס קלאָגעדיקן אויסזען און אין איר צעבראָכנקייט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע אייגענע ליידן זענען גאָר ווי אַ טראָפּן פון ים אין פאַרגלייך צו דער פאַראַכטעטער און עלנטער מאַרטאַ.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו די שכנים פון די אויבערשטע שטאָקן און ווי צו זיך אַ זאָג־געטון:

— וואַרט, וואַרט, זייט נישט אַזוי זיכער ביי זיך מיט אייער גליק! וואַרט, אויך איר וועט אַמאָל כאַפּן אַ קדחות אין אייער גראָבן פלייש... דאַן וועט איר אפשר אויפהערן צו זיין אַזעלכע שטרענגע ריכטער...

זי האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און גערופן הויך אויפן קול:

— מאַרטיטאַ!

אָבער אַרויסגעקומען איז גאָר סוסי, אָנגעטון אין אַ שמאָל, שוואַרץ קליידל. איר פּנים איז געווען בלייך און אָפּגעצערט און דערפאַר האָט זי

אויסגעזען איידעלער און פיינער. זי האָט אויפגעשלאָסן דאָס טירל און גענומען יהודיתן אונטערן אָרעם.

— וואָס מאַכט מאַרטאַ? — האָט יהודית אומגעדולדיק געפרעגט.

סוסי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו די אויבערשטע שטאָקן און איז רויט געוואָרן. דאָס קליינוואַרג האָט זיך צעהוליעט:

— ביי מאַרטאַן אונטערן בעט ליגט אַ גרויסער שד...

ביי סוסין אין האַרצן ליגט נאָך אַלץ דאָן פּילקע. דערפאַר איז זי בלייך און איז נאָך אָנגעטון אין שוואַרצן... האָט יהודית געטראַכט...

סוסי האָט פאַרגיכערט אירע טריט און פירנדיק יהודיתן צו דער טיר זיך נישט אויפגעהערט באַקלאָגן:

— איך בין אַ יונג מיידל און איך קען דאָ לענגער נישט בלייבן. די שכנים און איבערהויפּט דאָס קליינוואַרג הערן מיך נישט אויף צו פאַר־פאַלגן!... אוי, אַ בליץ זאָל זיי אַלע צעשפּאַלטן!

זי איז אַוועק מיט יהודיתן אין מאַרטאַס שלאָפצימער. דאָרט האָט עס אויף איר אַ שלאָג־געטון מיט אַ ריח פון אַן אָפן קבר. זי איז שטיין גע־בליבן אין דער אָפענער טיר און פון דער ווייטנס, ווי דורך אַ נעפּל אַרום זיך, געזען מאַרטאַן. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. אַלץ איז געווען פאַרוואַרלאָזט און אין אַן אומאָרדענונג.

זי האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו סוסין, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין מוט עפּעס צו פרעגן. דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און שווייגנדיק געקוקט אויף מאַרטאַן. יענע איז געזעסן אויפן זוים פון בעט מיט אַ פלעשל בראָנפן אין די הענט און זיך אבלדיק געהוידעט אַהין און צוריק. אַרום איר זענען געשטאַנען אייניקע געטשקעס פון שוואַרצן שטיין און צווישן אירע שווערע מלבושים, וואָס האָבן געהאַנגען אויפן אויסגעדאַרטן גוף, האָבן געגליווערט עטלעכע גרויסע, מעשענע צלמים.

יהודיתן איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער מאַרטאַס צע־בראָכנקייט האָט אין איר אויפגעוועקט נייע כוחות צום לעבן און אַ שטאַרקן ווילן די פריינדן אַרויסצוצי׳ען פון דעם זומפּ און פון איר אומגליק. זי האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ בענקל די שולטאַש, געטריי אַרויפגעלייגט די שפּיצן פון די פינגער אויף מאַרטאַס אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און אַריינגערעדט אין איר טיף־געזונקענעם קאָפּ:

— מאַרטאַ, מאַרטיטאַ, וואָס טוסטו?

יענע האָט אויפגעהויבן צו איר אַ פינצטערן בליק און דאָס פאַר־ענדערטע פּנים האָט זיך אַ קרום־געטון. סוסי האָט זיך צוגעשאַרט צו יהו־דיתן און באַזאָרגט געזאָגט:

— זי וויל גאָר נישט עסן... אין די נעכט וויינט זי ווי אַ משוגענע, נאָר דער אַלקאָהאָל באַרויקט זי...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געווישט די טרערן פון די אויגן.

יהודית האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, איר געהייסן שווייגן און פאַרזיכטיק געפּרוווט אַרויסנעמען דאָס פלעשל בראָנפן פון מאַרטאַס הענט. אָבער מאַרטאַ האָט זיך אַ הייב־געטון פון אָרט. אירע פינצטערע בליקן האָבן זיך איינגעגעסן אין יהודיתן. דערביי האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שווערן קרעכץ. איר קאָפּ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט און זי איז צוריק געפאַלן צום בעט. יהודית האָט שווייגנדיק געגלעט אירע האָר און גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט פון אירע אויגן און זענען געפאַלן אויף מאַר־טאַן.

סוסי האָט פאַרבראָכן די פינגער און זיך אבלדיק צעהוידעט:

— זאָל די סעניאָראַ כודיט נישט מיינען, אַז איך היט נישט אָפּ די קראַנקע... זי איז מיר דאָך געוועזן אַ מאַמע און דאָן פילקע אַ טאַטע...

יהודיתעס פנים האָט זיך ווייטיקלעך געקרומט; דאָס האַרץ איז איר געשפּרונגען אין ברוסט־קאַסטן און זי האָט ווייטער געפרעגט:

— מאַרטאַ, מאַרטיטאַ, האָסטו מיר גאָר נישט וואָס צו זאָגן? מאַרטאַ, דערקענסט מיך נישט?...

די בלוט־פעדימלעך אין מאַרטאַס אויגן האָבן זיך פלוצים צעצינדן און ס'האָט פון איר אַרויסגעקלאַגט:

— ווי לאַנג און ביז ווען וועט מיך גאָט שטראָפן, כודיט? פאַרוואָס נעמט ער מיך נישט אַוועק צו מיין קינד? — האָט זי געאָימערט און גע־קושט דעם צלם, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון קייטעלע אַרום איר האַלדז.

יהודית האָט זי געטריי געטוליעט צו זיך און גערעדט דורך דער־שטיקטע טרערן:

— ווי אַ גלויביקע מוזטו זיין שטאַרק!...

— נאָך וואָס, נאָך וואָס? — האָט מאַרטאַ געהעשעט און דאָס גאַנצע לייב און לעבן אירס האָט מיטגעוויינט.

יהודית האָט ביי איר צוגענומען די פלאַש און זי אַוועקגעשטעלט אונטערן בעט. מאַרטאַ האָט זיך צעוויינט נאָך טרויעריקער:

— גיב מיר צוריק דאָס פלעשל! ס'ווירקט דאָך אויף מיר צו פאַר־געסן מיינע צרות! גיב צוריק דאָס פלעשל, דאָס פלעששששלל!

יהודית האָט קוים געקענט אָפּאָטעמען און זי האָט זיך מיט אַ שטיל קול געווענדט צו סוסין:

— קומט אַמאָל איר זון?

— ניין! — האָט סוסי אַראָפּגעשלונגען אַ זיפצל. — ער קומט נישט.

סיי אירע און סיי דעם מאַנס קרובים באַזוכן זי נישט — האָט זי געענט־פערט און זי האָט פאַרבראָכן די פינגער, זיך אבלדיק צעהוידעט און צו־געגעבן: — און איך בין אַ יונג מיידל. איך קען נישט פאַרפוילט ווערן דאָ לעבן דער האַלב־משוגענער...

יהודיתן האָבן די דאָזיקע ווערטער געשטאָכן ווי נאָדלען. און ווידער און אפשר שוין צום טויזנטסטן מאָל האָט זי דערפילט, ווי לייכטזיניק און אומרחמנותדיק ס'ווערן די מענטשן, ווען זיי דאַרפן ברענגען פאַר אַן אַנ־דערן אַ קרבן אָדער בלויז אָפּצאָלן פאַר טובות, וואָס עמעצער האָט זיי אַמאָל געטון. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די געטרייע אויגן פון מאַרטאָן און זיך אָפּגערופן:

— האָט איר דען וווהין צו גיין, סוסי?

סוסי האָט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און אומגערן געענטפערט:

— איך?... איך האָב שוין אַ חתן!...

יהודית האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס סוסי האָט זיך אַזוי גיך גע־טרייסט. אַנטשלאָסנקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין אירע אברים. זי האָט גענומען פון טעלער אויפן בענקל אַ קליינעם סאַנדוויטש פון דעם מיטאָג, וואָס סוסי האָט צוגעגרייט פאַר מאַרטאַן און צו וועלכע מאַרטאַ האָט זיך נישט צוגערירט.

— נעם און עס! — האָט יהודית צוגעלייגט דעם סאַנדוויטש צו מאַר־טאַס מויל.

זי האָט אַוועקגעשטופּט יהודיתעס האַנט מיטן סאַנדוויטש און אַן אָפּגעהאַקטן ברום־געטון:

— לאָז, לאָז מיך! איך וויל וואָס גיכער גיין אַהין, צו זיי!

זי האָט זיך איינגעקנוידערט אין איר שוואַרצן, צעקנייטשטן כאַלאַט.

אָבער יהודית האָט נישט נאָכגעגעבן. דאַן האָט מאַרטאַ זי געגעבן אַ שטויס־אָפּ פון זיך און יהודית איז צוגעפאַלן צום בענקל. סוסי האָט זיך צו איר געווענדט.

— אָט זעט איר שוין, אַז איך האָב רעכט... איך קען נישט פאַרפוילט ווערן לעבן אַ האַלב־משוגענער פרוי.

— גייט אַרויס פון דאַנען, סוסי! — האָט זיך יהודית אויסגעגלייכט.

— האַרצלאָזע מענטשן קענען משוגע מאַכן אַפילו אַ געזונטן! גייט!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זוים פון בעט. מיט איין האַנט האָט זי אַרומגעוויקלט מאַרטאַס געבויגענע פּלייצע און מיט דער אַנדערער ווי־דער און מער צודרינגלעך איר צוגעלייגט דעם סאַנדוויטש צום מויל:

— נעם, מאַרטיטאַ, און עס! עס, זאָג איך!

מאַרטאַ האָט אָנגעשטעלט אויף איר דעם קינבאַק און אירע בלוטלאָזע ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג־געטון:

— האָסט זיך צעקלאַפּט, כודיט?

יהודית האָט אויסגענוצט די דאָזיקע מינוט און האָט איר אויף כּוח אַריינגערוקט אין מויל אַ שטיקל פון סאַנדוויטש:

— עס, מאַרטאַ! טו דאָס פאַר מיינעטוועגן! — האָט זי זיך ביי איר געבעטן דורך טרערן. — איך בין קראַנק און איינזאַם. זיי מיר אַ מאַמע, מאַרטעלע!

אין מאַרטאַן האָט עפּעס אַ שלאָג־געטון אינעווייניק און זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף יהודיתעס ברוסט. זי האָט צעקייט און אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקל סאַנדוויטש און זיך באַקלאָגט מיט אַ קול פון אַ שוואַך קינד:

— דאָ איז אַזוי פינצטער!... אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט און פאַרשאָלטן!..

— נישט אמת! — האָט זי יהודית צערטלעך געגלעט. — איך בין געקומען דיך נעמען צו מיר, הערסט מאַרטאַ? צו מיר וויל איך דיך נעמען!

מאַרטאַ האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דאַן האָט יהודית אָנגעהויבן צו ווירקן אויף אירע רעליגיעזע געפילן. זי האָט צו איר גערעדט שטיל און אויפן אויער, ווי זי וואָלט געשעפּטשעט אַ תּפילה:

— אין אונדז, מאַרטעלע, איז געבליבן קוקיס נשמה. זי וויל, אַז מיר זאָלן לעבן, אַז מיר זאָלן רעדן פון איר און באַפּוצן איר קבֿרל מיט בלומען.

מאַרטאַ האָט אַ ציטער־געטון ווי אַ געטראָפענע פון אַן עלעקטרישן שטראָם. דאַן האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ מאָדנעם כּריפּ:

— כאָטש איינמאָל פיר מיך אַהין!...

— פאַרוואָס נאָר איינמאָל? אַלע זונטיק וועלן מיר גיין אַהין! — האָט זי יהודית געטרייסט.

און אַזוי רעדנדיק, האָט יהודית איר אַריינגעלייגט שטיקלעך סאַנדוויטש אין מויל אַריין. מאַרטאַ האָט זיך אַפילו געוואָרגן מיטן עסן, אָבער זי האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען. פון זינט דעם אומגליק האָט זי זיך אָפּגעוווינט פון עסן און סוסי האָט אויף איר נישט געהאַט קיין שום ווירקונג.

ווען מאַרטאַ פלעגט ווערן פאַרצווייפלט און זיך געכאַפּט צום אַלקאָהאָל, האָט איר סוסי אין דעם נישט געשטערט. אין קעגנטייל, זי האָט געוואָלט, אַז מאַרטאַ זאָל וואָס גיכער איינשלאָפן, כּדי זי זאָל קאָנען אַוועקגיין ערגעץ און אַ לעב־טון...

ווען יהודית האָט צוגעטראָגן צו מאַרטאַס מויל דעם צווייטן סאַנדוויטש האָט זי זיך שוין מער נישט געוועהרט און האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו עסן. און יהודית האָט געטראַכט: אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די יידישע

פרויען און מיידלעך וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס און אונטער־ערדישע היילן, אויס מורא פאַר די ברוינע גזלנים. אין יענע מינוטן האָט זיך איר געדאַכט, אַז אויך מאַרטאַ איז די גאַנצע צייט געלעגן אַ לעבעדיק באַגראָבענע און געוואַרט, אַז זי, יהודית, זאָל קומען און זי ראַטעווען.

זי האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו איר און גערעדט שטיל און פאַר־טרוילעך:

— און ווייסטו, מאַרטיטאַ, באַלד וועלן מיר ווידער זיצן אין גאָרטן און רעדן פון קוקיך, פון אירע שיינע אויגן און פון איר ריינער נשמה, וואָס וועט אַרומפלאַטערן צווישן די בלומען, און איר גייסט וועט זיין לעבן און אין אונדז.

מאַרטאַ האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט און אַ קרענקלעכע נעבעכדיקייט האָט אויפגעציטערט אויף איר פאַרשאָטנטן פנים. זי האָט זיך געוואָרגן מיט די ביסנס און מיט האַלבע, נישט דערזאָגטע ווערטער אַרויסגעמורמלט:

— און „ער״?... פון אים איז גאָרנישט געבליבן?... אָרעמער, אָרעמער!

יהודית האָט נישט געוווּסט, צי מאַרטאַ מיינט איר מאַן אָדער גומער־סינדאָן און זי האָט ווידער געפּרוּווט ווירקן אויף אירע רעליגיעזע געפילן.

— איבער הונדערט יאָר וועסטו מיט דיין מאַן און מיט דיין קינד ווידער זיין צוזאַמען.

מאַרטאַ האָט אויפגעשווידערט מיטן גאַנצן לייב און לעבן און אַריינ־געהעשעט אין יהודיתן:

— כודיט, העלף מיר בעטן פאַר זייערע נשמות! כודיט, דער אָרע־מענקער האָט דאָך דאָ קיינעם חוץ מיך נישט איבערגעלאָזט!

— גוט; וועלן מיר אויך פאַר גומערסינדאָס נשמה בעטן.

מאַרטאַ איז צוגעפאַלן מיטן מויל צו יהודיתעס הענט און זיי געקושט ווילד און קרענקלעך. דאַן האָט עס פון איר אַרויסגעוויינט:

— און דער אָרעמענקער וועט הערן, ווען מיר וועלן זיין ביי זיין קבר? און צי וועט אים דען גאָט פאַרגעבן די זינד?

— וויין, מאַרטאַ, וויין און דו וועסט קומען צו זיך! — האָט איר יהודית געעצהט, זי נאָך מער צוגעצויגן צו זיך און טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן און אַראָפּגעפאַלן אויף מאַרטאַס קאָפּ.

— אַלע טויטע זענען הייליק!

— אָרעמענקער, אָרעמענקער! — האָט מאַרטאַ נישט געקאָנט קומען צו זיך. און זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געזוכט די פלאַש מיט בראָנפן.

— ניין, ניין! — האָט יהודית אויסגערופן מיט שרעק און מיטן פוס

אַ שטויס געטון די פלאַש, וועלכע האָט זיך צעבראָכן און דער ריח פון אַלקאָהאָל האָט זיך פאַרשפרייט איבערן צימער.

סוסי איז צוגעקומען צו זיי און וויינענדיק געזאָגט:

— ווי וועל איך נעמען אַזוי פיל געלט? פאַרוואָס האָט איר צעבראָכן די פלאַש און אויסגעגאָסן דעם בראָנפן?

— מאַרטאַ וועט מער נישט טרינקען! — האָט זיך יהודית געבייזערט.

— איר האָט איר נישט געטאָרט צושטעלן אַזוי פיל משקה!

סוסי האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין. אַלע אירע אברים האָבן געציטערט:

— איך וועל אַוועק פון דאַנען!... איך קען שוין דאָ מער נישט אויסהאַלטן!

— שרעקט אייך נישט! — האָט זי יהודית געטרייסט. — אייביק וועט איר דאָ נישט בלייבן.

סוסי האָט אָנגעכאַפּט יהודיתעס הענט און זיי געקושט און געוויינט:

— נעמט זי צו אייך וואָס גיכער! איך קען שוין מער נישט!

יהודית האָט זיך באַפרייט פון סוסיס הענט און אויף שטים־לשון איר געהייסן אַרויסגיין פון צימער. דאַן האָט זי גענומען דעם גרויסן קאַם פון נאַכט־טישל און צוגעקעמט מאַרטאַן די האָר. זי האָט געקעמט צו ביסלעך און פאַוואָליע, ווייל די האָר זענען שוין געווען פאַרפלאָנטערט פון לאַנגן נישט וואַשן און קעמען. זי האָט זיי ענדלעך צעקעמט, האָט איר אויסגעפלאָכטן צוויי צעפּ און זיי פאַרשפיליעט מיט האָרנאָדלען אַרום קאָפּ. דאַן האָט זי אַרויסגענומען פון דער שאַפע ריינע אונטערוועש, אַ ריינעם כאַלאַט און האָט זי אַריינגעפירט אין באָדצימער, איר געמאַכט אַ הייסע באָד, לאַנג און געטריי אויסגעזייפט און אָפּגעוואַשן דעם פאַרדאַרטן קערפּער.

מאַרטאַ האָט זיך נישט געוועהרט. זי האָט זיך נאָר געבעטן:

— פאַרגיב מיר, כודיט, חברטעלע מיינע! איך בין אַמאָל געווען שלעכט צו דיר... שלעכט צו אַלע פון דיין שטאַם...

יהודית האָט איר נישט געענטפערט, נאָר זיך געקוויקט אין גרויס הנאה געהאַט פון די פרישע שטראָמען וואַסער, וואָס זי האָט אַלע מאָל געלאָזט לויפן איבער מאַרטאַס אויסגעהונגערטן גוף. פאַרטיק געוואָרן מיטן באָדן, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַ ווייסן באָדמאַנטל און זי צוריק אַריינגעפירט אין שלאָפצימער. זי האָט מאַרטאַן אַוועקגעזעצט אויפן בעט, זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און זי אַנידערגעלייגט. אַ שוואַכע און נאָכגעביקע האָט מאַרטאַ זיך אויסגעצויגן אין בעט און געהאַלטן אויף יהודיתן איר צעקנייטשט פּנים מיט די אויסגעוויינטע אויגן, פולע מיט חרטה.

יהודית האָט זי גוט צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך אונטער דער די־נער קאָלדרע, זיך אַוועקגעזעצט אויפן זוים פון בעט און געטריי געגלעט איר קאָפּ און די שוואַכע פאַרגעלטע הענט.

— שלאָף, שלאָף, שלאָף!

און אַזוי האָט זי לאַנג געשעפּטשעט אַלץ שטילער און שטילער.

אַ שוואַכער שיין פון דערלייכטערונג האָט געגרוט אַרום מאַרטאַס מויל. זי האָט געריכט אָנגענומען יהודיתעס הענט און זיי שטאַרק צוגעדרוקט צום האַרצן.

כאָטש יהודית האָט זיך געגעבן די מי, אַז מאַרטאַ זאָל אַנטשלאָפן ווערן, האָט די קראַנקע נישט צוגעמאַכט קיין אויג. זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען זי וועט איינשלאָפן, וועט יהודית אַוועקגיין און זי איבערלאָזן אַליין. חוץ דעם איז זי שוין געווען אַביסל אויסגעניכטערט פון אַלקאָהאָל און האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד.

— כודיט, איך האָב מורא צו בלייבן אָן דיר. ווען איך בין אַליין, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער גייסט פון מיין קינד שוועבט הינטערן פענצטער און וויינט, וויינט כסדר...

— ששששש! — האָט יהודית געשעפּטשעט און זי געגלעט. — שלאָף, שלאָף!

— אַז איך וועל איינשלאָפן, וועסטו גיין אַהיים; איך האָב מורא!

— איך וועל קומען צוריק! — האָט יהודית גערעדט דורך דער־שטיקטע טרערן. — איך וועל דיך נעמען צו מיר! איך שווער דאָס דיר ביים אָנדענק פון קינד.

דאַן האָט מאַרטאַ אָנגענומען יהודיתעס הענט און האָט זיי צוגעהאַלטן אַזוי שטאַרק, ווי זי וואָלט פּלוצים צוריק געפינען איר טאָכטער און זי מער נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך.

יהודית האָט זיך צו איר צוגעבויגן און מאַרטאַ האָט, ווי אַ שוואַך קינד, אָנגעהויבן צו דרימלען, עטלעכע מאָל אויפגעמאַכט און צוריק פאַרמאַכט די אויגן און אַ שיין פון דערלייכטערונג האָט זיך אָפּגעזעצט אויף אירע טרוקענע געקנייטשטע, כמעט מענערישע קינבאַקן.

אין צימער איז געווען שטיל. די צווייגלעך פון צוויט־ביימל האָבן געגלעט דאָס קויטיקע פאַרהענגל אין אָפענעם פענצטער.

סוסי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אנטקעגן דער אַלטער איקאָ־נע אין ווינקל און זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט, מורמלענדיק:

— הייליקע מאַמעלע, האָב רחמנות און פיר מיך אַרויס פון דעם דאָזיקן משוגעים־הויז...

יהודית האָט אויף איר אָנגעשטעלט די פאַרטרערטע אויגן און שטיל אַ זאָג געטון:

— איר וועט קענען גיין וווהין איר וועט וועלן! איך וועל מאַרטאַן נעמען צו מיר!

סוסי האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ צערודערטן בליק, און אָנגענומענעם מיט געבעט און מיט אומצוטרוי.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

טערעסאַ, דעם דאָקטערס ווייב, האָט נישט געקענט שלאָפן. זי האָט זיך אַלע מאָל איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אויפגעהויבן דעם ראָזעווען טיול איבערן בעט און באַלד איז איר שוואַרצער, געקרויזעטער קאָפּ מאַכטלאָז צוריקגעפאַלן אויפן ווייסן, זיידענעם קישן, און די געצונדענע בליקן און אַלע אירע אָנגעשפּיצטע חושים האָבן זיך געריסן אַראָפּ צום אונטערשטן שטאָק, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן צאַרטע, בענקנדיקע קלאַנגען פון דעם פידל, אויף וועלכן דער מאַן אירער האָט געשפּילט. איר אייגנליבע האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַריין. זי האָט מיט די הענט פאַרשטאָפּט אירע אויערן, כדי מער נישט צו הערן די פאַרשאָלטענע טענער, וואָס דער מאַן אירער האָט געשפּילט פאַר אַן אַנדערער און נישט פאַר איר.

זי האָט זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון די קלאַנגען; זיי האָבן אַלץ העכער און שטאַרקער צו איר אַרויפגעדרונגען און האָבן זיך געפלאָכטן פאַר אירע אויגן און שימערירט אין זייערע קאָלירן. און צווישן די פאַרבן־קלאַנגען האָט זי געזען יהודיתעס אויגן, פולע מיט אַ מאָדנער מאָנונג און מיט כוח.

די דאָזיקע אויגן האָבן אַרויסגערופן אין איר אַ געפיל פון שרעק און אייפערזוכט. זי האָט זיך געוועהרט קעגן דעם דאָזיקן געפיל, ווייל ער איז איר ביז דאַן אינגאַנצן פרעמד געווען. נישט די באַגעגעניש מיט יהודיתן און נישט די קריגערייַ מיטן מאַן האָבן זי געמאַכט אומרויִק און אַריינגעבראַכט דעם צווייפל אין איר פאַמיליען־גליק. זי איז אַליין געקומען אויף גינערס אויסשטעלונג, געבראַכן איר ווייבערישן שטאָלץ, כדי זיך איבערצובעטן מיטן מאַן און אים מאַכן פאַרגעסן אָן יענעם אויפדערנאַכט, ווען זי האָט אים געשאָלטן מיטן וואָרט „יודאָס". ער איז אָבער ווייטער געבליבן פאַרעקשנט. דער רוגז איז געבליבן און זי האָט אָנגעהויבן

חושד זיין איר מאַן אין פּאַראַט, ווייל ער האָט אויפגעהאָנגען אין אויפנעם־צימער יהודיתעס בילד. דערצו האָט ער אַלע אויפדערנאַכט און אין אַלע אַנדערע פרייע שעהן, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַציענטן, פאַרבראַכט אין אויפנעם־צימער אַנטקעגן דעם בילד און געשפּילט אויף דער פידל.

עס האָט זי געפּייניקט דער פאַקט, וואָס ער האָט געביטן זיינע געוווינהייטן און איז איצט אַן איר וויסן געפאָרן צו און געקומען פון די פּאַציענטן. ס׳האָט איר וויי־געטון ביזן מאַרך פון די ביינער, וואָס זינט יענער קריגעריי האָט ער זי מער נישט פאַרבעטן מיטצופאָרן מיט אים און זי אויך מער נישט געפרעגט ווי אַזוי זי מיט די קינדער האָבן פאַרבראַכט, ווען ער איז געווען פאַרנומען. ער האָט די קינדער אויך מער נישט געפירט שפּאַצירן צום ים, זייער באַליבטער פּלאַץ צו געניסן פון דער פרישער לופט.

אין די בייטאָגן האָט זי אים, ווען ער האָט זיך געווענדט צו איר מיט זיינע געשעפטלעכע פראַגן, אָפּגעענטפערט פּאַרריסן מיט איר ווייבערישן שטאָלץ, קורץ און שאַרף, און זיך מיט אים נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום שמועס. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע און טייערסטע חפצים, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און איז איינע אַליין אַוועקגעפאָרן אין צענטער אין אַ לוקסוס־קאַפע, ווו זי האָט געמאַכט נייע באַקאַנטשאַפטן און מיט זיי באַזוכט די טאַנץ־לאָקאַלן.

געטון האָט זי דאָס, כדי אַרויסצורופן אין איר מאַן אַ געפיל פון אייפערזוכט.

אָבער ווען זי פלעגט שפּעט אין די נעכט קומען צוריק אַהיים, איז איר מאַן נאָך אַלץ געווען אין זיין אויפנעם־צימער און געשפּילט פידל...

אין איינעם פון די לעצטע טעג איז טערעסאַ געבליבן אין דער היים. זי האָט געהאַט באַשלאָסן צו ענדערן איר שטעלונג צום מאַן. זי האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָך זיינע צערטלעכקייטן און זיינע קאָמפּלימענטן. זי איז דאָך געוווינט געווען צו זיין נישט מער ווי אַ פרוי, אַ פרוי וואָס פאַרשיכורט און מאַכט גליקלעך דעם מאַן.

זי האָט צוגעלייגט די הענט צו די אויערן און זיך איינגעהערט, צי דער מאַן קומט. אָבער ווען ער איז נישט געקומען, האָט עס אין איר אויפגעברויזט און געצאַרנט: וואָס טראַכט ער זיך? איך בין דאָך זיין געזעצלעך ווייב! איך בין דאָך די מאַמע פון זיינע קינדער! איך וועל מער נישט דערלאָזן, אַז דאָס בילד פון אַן אויסגעלאַסן מיידל זאָל הענגען ביי מיר אין שטוב און צונעמען מיין מאַנס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט! איך וועל...!

זי האָט זיך ראַפּטום אויפגעזעצט, אַוועקגעשאַרט דעם טיול צו דער

זייט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך. אַ בינטל ווייַנענדיקע קלאַנגען פון כל נדרי האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויז, זיך אַרייַנגעריסן אין איר שלאָפצימער און זי אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער שרעק. די מורא האָט זיך געריסן פון אירע ברייטע, שאַרפע בליקן. די שרעק האָט זי אַ ריס־געטון פון אָרט. איז זי אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענצטער. זי האָט צענומען דעם פאָרהאַנג און אַרייַנגעשטעלט דאָס פּנים צווישן די קלעטערפלאַנצן. די קילע, שמעקנדיקע ריחות האָבן אויף איר אַ שלאָג־געטון אינאיינעם מיט די מוזיק־קלאַנגען. ס׳איז איר ענג געוואָרן אין האַלדז. זי האָט געוואָלט שרייַען און נישט געקענט. זי האָט אַרויפגעקוקט צום הימל, זיך איבערגעצלמט און שטיל געפּרעפּלט אַ תּפילה: הייליקע מוטער, שיק אויף זיי אַ שוואַרצע מגיפה! זיי האָבן אומגעבראַכט אונדזער דערלייזער און איצט וויל אַן אויסגעלאַסענע ייִדישקע צונעמען בייַ מיר מייַן מאַן, דעם טאַטן פון מייַנע קריסטלעכע טעכטער!

ווען זי האָט זיך אַזוי אַראָפּגערעדט פון האַרצן, איז איר אַביסל לייַכטער געוואָרן. האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום שפּיגל, כּדי הנאה צו האָבן פון איר אייגענער שיינקייט. די געטאָקטע ליניעס פון איר שטייף, געזונט לייַב האָבן זיך אויסגעטיילט פון לאַנגן, ראָזעווען נאַכט־העמד. דאָס לייַב האָט געשמעקט ווי אַ פרישׂ צעקנעטן שטייף האָניק־טייגל. אַ לייַב, וואָס איז געווען אָנגעזעטיקט מיט איר ווייבערישן גליק און אַ געוואַשענס אונטער דער ברענענדיקער זון און אונטער קילע ים־ווינטלעך.

זעקס חדשים אין יאָר פלעגט טערעסאַ פאַרברענגען אין מאַר דעל פּלאַטאַ און אין אַנדערע באָד־פּלעצער. זי האָט דאָרטן געהאַט אַ שיינע לוקסוס־דירה, וווּ זי האָט פאַרבראַכט מיט די קינדער, ווען ס׳האָבן אָפּגעהיט צוויי דינסטן. זי האָט געשפּילט אויף דער רולעטע און אַרומגעריטן אויף פערד. ווען זי האָט זיך פאַרבענקט נאָך איר מאַן, אָדער ווען זי האָט געוואָלט ווייַזן אירע חברטעס בייַם ים, ווי שטאַרק דער מאַן האָט זי ליב, האָט זי אַ רעד געטון דורכן טעלעפאָן און דער מאַן איז באַלד געקומען צו פליִען מיט אַן אַוויאָן. זי איז געווען זיכער, אַז קיין שום אַנדערע פרוי וועט קיינמאָל נישט קענען צונעמען איר מאַנס ליבשאַפט בייַ איר.

שטייענדיק אַזוי פאַרן שפּיגל, האָט זי זיך דערמאָנט אין מאַר דעל פּלאַטאַ, וווּ זי פלעגט אַרומגיין אין די געפּאַסטע, ענגע באָד־קאָסטיומען; האָט זיך דערמאָנט אינעם מאַן, וועלכער פלעגט זיצן בייַם זוים פון ים און קוקן דורך אַ שפּאַקטיוו, ווי זי איז געשווומען און געמאַכט אַלערליי גראַציעזע באַוועגונגען, שפּילנדיק זיך מיט די ברויזנדיקע

כוואַליעס. און דער מאַן אירער און אַנדערע מענער, ס׳רוב טוריסטן, האָבן זי תמיד אַרומגערינגלט און זי באַוווּנדערט.

פּלוצים האָט זי אין זיך דערפילט אַ נייעם כוח און אַ שטאַרקן באַגער צו ווייזן דעם מאַן ווי שיין זי איז. אַ פאַרשייטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום אירע ליידנשאַפטלעכע ליפּן. זי האָט אַ טראַכט געטון: ניין, קיין שום אַנדערע פרוי וועט נישט זיין פעיִק צו פאַרשאַפן איר מאַן אַזעלכע פאַרגעניגנס ווי זי האָט אים פאַרשאַפט. דאָס ווולגאַרע מאָדעל־מיידל האָט טאַקע שיינע אויגן, נו, איז וואָס? פאַר פופציק פעזעס וועט זי זיך אָבער איבערגעבן צו יעדן שיכור. נאַטאַליאַ אָבער האָט פיינט אויסגעלאַסענע ווייבער. זאָל ער אָבער האָבן מיטגעריסן געוואָרן פון איר צוליב איר אָפשטאַם, וואָלט דאָס זייער נישט שיין געוועזן פון זיין זייט. זי אַליין אָבער איז אַן ערלעכע קריסטן און זי וועט אים פאַרגעבן די זינד. און טאָמער האָט ער זיך אַפילו איבערגעשלאָפן מיט דער דאָזיקער דאָ־רער צויג, איז דאָס אויך קיין אומגליק נישט. אין קעגנטייל, ערשט איצט וועט ער בעסער פאַרשטיין, האָט זי געטראַכט, אַז נאָר זי, זיין געזעצלעך ווייב, איז זיין איינציקע פיזישע פאַרטנערשע און זיין פריינט. אַ שאָד, איך האָב נישט באַדאַרפט דערלאָזן צו אַזאַ לאַנגן ברוגז, נישט באַדאַרפט!

זי איז געוואָרן רויִקער און אַנגעהויבן שפּאַנען אַהין און צוריק אי־בערן ווייכן, פלושענעם טעפּיך. דער לאַנגער שלעפּ פון דיניקן נאַכט־העמד האָט זיך ווייך און כישופדיק געשלענגלט אַרום אירע הויכע, גע־טאָקטע פיס. די האָר האָבן זיך געשפּילט אַרום איר אַנטבלויזטן און ווי אויסגעשניצטן האַלדז און נאַקן. אַ פאַרביסן שמייכעלע האָט זיך אויסגע־לייגט אַרום איר מויל און אומגעריכט איז איר געקומען אַ פּלוצימדיקער איינפאַל:

און טאָמער האָט נאַטאַליאַ יאָ פאַרפירט אַ פלירט מיט עפּעס אַ שיינער פרוי! ס׳קומען צו אים גענוג יונגע און שיינע פרויען, וואָס ווערן צעזעצט פון תאווה און ליבשאַפט צו אים. אייגנטלעך וואָלטן מענער קיינ־מאָל נישט פאַרראַטן זייערע ווייבער, ווען נישט די דאָזיקע אויסגעלאַ־סענע, אַ פייער זאָל זיי נעמען! די דאָזיקע קורוועס און געמיינע צויגן!

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, פאָרזיכטיק אויפגעמאַכט די טיר און גיך דורכגענישטערט אַלע קעשענעס פון מאַנס הויזן און רעקלעך. אַרויסגענומען אַלע נאָטיצבלעך און ביים ראַזעווען שיין פון נאַכטלעמפּל מיטן רויטן אַבאַזשור דורכגעקוקט יעדעס טיכעלע באַזונדער. אָבער זי האָט נישט געפונען קיין סימן אַפילו פון ווייבערישער שמינקע. זי האָט זיי גוט אַרומגעשמעקט, געוואָלט געפינען אַ ריח פון אַ פרעמדן פאַרפום, אָבער זי האָט גאָרנישט אַנטדעקט. האָט זי די טיכעלעך ווידער אַריינ־

געלייגט אין די קעשענעס און פאַרמאַכט די טיר פון דער שאַפע. דער חשד איז אָבער אַלץ נאָך ניט געווען פאַרשווונדן ביי איר. האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט און זיך ווייטער פאַרטראַכט. אָבער איצט האָט זי געזוכט אַ ניי מיטל ווי אַזוי אַרויסצורופן ביים מאַן זיין אַמאָליקע ליידנשאַפט און אומ־צוקערן די געטריישאַפט, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט פאַר אירעט־וועגן.

פון די טיפע, טונקלע ווינקלען, אָנגעזאַפּטע מיט קילע, שמעקנדיקע ווינטעלעך, פון די באַרייזלטע קלעטערפלאַנצן איבערן אָפענעם פענצטער האָט ווידער אַ ווייע־געטון אויף איר מיט די טרויעריקע קלאַנגען פון דער פידל און זי ווידער דערמאָנט אינעם מאַנס רוגז. ס׳האָט געווייט מיט אַ קאַלטקייט, וואָס האָט זי כמעט משוגע געמאַכט. האָט זי זיך ווידער דערפילט אומגליקלעך און פאַרלאָזט. זי איז געוווינט געווען תמיד צו זיין גליקלעך און צו געניסן פון לעבן. אין די בלויע פרילינגען און הייסע זומער־נעכט פלעגט נאַטאַליאַ תמיד, פונקט ווי אין די ערשטע חדשים נאָך זייער חתונה, אַרויפקומען צו איר און אויסקושן יעדן גליד פון איר ריי־צנדיקן גוף. אַ סך מאָל, ווען זיי זענען געווען זאַט און גליקלעך פון זייער מאַן־און־ווייב לעבן, האָבן זיי גאַנצע נעכט פאַרבראַכט ביים ים אין די שענסטע טאַנץ־ און נאַכט־לאָקאַלן, פאַרבראַכט מיט גרופעס פריינט, מייסטנס יונגע פאָרלעך, מיט וועלכע זיי האָבן אויך געמאַכט עקסקורסיעס אַרום דער ברייטער אַווענידאַ קאָסטאַנערא.

די ניין יאָר פון איר גליקלעך פאַמיליען־לעבן האָבן אינגאַנצן אָפּ־געווישט און געמאַכט פאַרגעסן די צרות פון איר גרויער קינדהייט. זי האָט שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איר מאַמע האָט געוואַשן וועש און געפּוצט די דילן ביי רייכע באַלעבאָסטעס. דער טאַטע איז געווען אַן אָרימער מויערער און אַ שיכור; און אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס אין שיכרות, פלעגט ער אַהיימקומען אַ ווילדער און שלאָגן דאָס ווייב מיט די קינדער. טערעסאַ איז כמעט פון קליינווייז אָן געווען אין אַ שפּיטאָל, ווו זי האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אָן אַ סענט, כמעט פאַרן בלויזן עסן. זי האָט נאָר פאַרדינט ביי די קראַנקע, וועלכע זי האָט אין די נעכט אָפּגע־היט. ערשט נאָך דער חתונה מיט נאַטאַליאָן האָט זיך איר לעבן אינגאַנצן געענדערט. ער איז נאָך געווען אַן אָרימער דאָקטער. האָט אָבער באַלד געקויפט אַ שטיקל פלאַץ פאַר אירע עלטערנס וועגן און געגעבן געלט אויפצובויען אַ הייזקע. דער טאַטע, דער שיכור, האָט זיך אָנגעהויבן אָפּ־געבן מיטן אויפבויען די שטוב און מאַכן אַ גאָרטן. אַזוי האָבן זיי באַקומען פרוכט־ביימער און גרינוואַרג, הינער און אייער, עטלעכע חזרים און אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. זי האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס אירע

עלטערן האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ שיין לעבן און וואָס זיי האָבן פאַר־געטערט נאַטאַליאַן. ווען איר מאַמע איז געגאַנגען יעדן זונטיק אין דער קירך, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַנידערצוקניען פאַרן דערלייזער און אים בעטן, אַז ער זאָל איר צושיקן נאָך דריי אַזעלכע אידעמס ווי נאַטאַליאַ. די קלענערע טעכטער האָבן אויך נישט אַנדערש געוואָלט ווי נאָר אַזעלכע מענער ווי זייער שוועסטער האָט גענומען...

טערעסא האָט זיך ווידער פאַרטראַכט וועגן די טעג פון איר מאַנס רוגז. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז נישט אַנדערש ווי נאָר דער מאַן אירער האָט דאָך געמוזט פון עמיצן פאַרפירט ווערן, ווייל ער האָט שוין לאַנג געוווסט פון מרימס ליבשאַפט צום דערלייזער און ער האָט זיך דער־פון קיין וועזן נישט געמאַכט. דער אַלטער ר' נחמן איז איר ווידער גע־קומען אויפן זין. זי האָט זיך דערמאָנט אָן שרעקלעכע מעשיות וועגן וואַנדע־רנדיקע ייִדן. ענלעכע מעשיות האָט איר אויך די מאַמע דערציילט און אַפילו די הייליקע שוועסטער פון שפיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט. זיי האָבן איר דערציילט, אַז אומעטום, ווו עס האָט זיך נאָר באַוויזן דער וואַנדע־רנדיקער ייִד, דאָרט האָבן זיך געמאַכט אומגליקן... שטעט זענען פאַר־שרפעט געוואָרן און פעלדער מיט סעדער האָבן אויפגעהערט צו בליען.

טערעסא איז בלייך געוואָרן ווי אַ טויטע. זי האָט פאַרפלאָכטן די פינגער ביי זיך אויף דער ברוסט און פרום געמורמלט אַ געבעט צום דערלייזער:

— טאַטע אין הימל, האָב רחמנות אויף אַ הייליקער קריסטן! פאַר־טרייב דעם שטן, דעם אַלטן כודאַס. מיין אָרעם קינד האָט דיך ליב; איר נשמה איז נאָר ביי דיר. זי האָט נישט געוואָלט קושן די זינדיקע האַנט פון דעם וואַנדערנדיקן ייִד און ער נעמט אַצינד פון אונדז נקמה. פאַר־שעלט אים, הייליקער פאָטער, שיק אויף אים אַ טויט!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך ווידער פאַרטראַכט. שוואַרצע שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין אירע הייסע צעצונדענע בליקן און בייזער איינפאַל. דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום נאַכטשאַפקעלע, אויפגעמאַכט דאָס שיפלעדל און אַרויסגענומען אַ קליין, געלאָדן רעוואָלווערל. זי האָט גע־וויגן דאָס רעוואָלווערל אויף איר איידעלער האַנט און די שוואַרצע פיי־ערלעך האָבן זיך צעפינקלט אין אירע אויגן. דאַן האָט זי עס צוריקגע־לייגט אויף זיין פריערדיק אָרט, פאַרמאַכט דאָס שיפלעדל און איז לייכט ווי אַ שוועבנדיקע אַרויסגעלאָפן פון שלאָפצימער. זיגזאַגיק זיך אַראָפגעטראָגן איבער די טרעפּ צום אונטערשטן שטאָק. דער לאַנגער שלעפּ פון נאַכטהעמד האָט זיך איר נאָכגעשלענגלט און דאָס פּנים אירס האָט געהאַט אַן איידעלן אויסזען, ווי דאָס פּנים פון דער מוטער מאַריאַ,

ווען זי האָט איבערגעגעבן צום יידישן גאָט די געפּייניקטע און געהייליקטע נשמה פון איר יידישן זון, דעם קריסטלעכן דערלייזער, יעזוס קריסטוס.

ווען טערעסאַ איז שוין געווען אונטן, איז זי שטיין געבליבן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר פון אויפנעם-צימער, צוגעלייגט אַן אויער און זיך באַלד אָנגעבויגן, כדי אַריינצוקוקן דורכן שליסל-לאָך. זי האָט געזען, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט: דער מאַן איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם בילד און געשפּילט. ער איז געווען בלייך און אומעטיק. אַזאַ בלייכן האָט זי אים אַמאָל געזען, ווען ער האָט זיך איר צום ערשטן מאָל דערקלערט אין ליבע; געשווירן, אַז זי איז די איינציקע, וואָס האָט אים אויפגעברויזט פון קאָפּ ביז צו די פיס. זי האָט עטלעכע מאָל שווער אָפּגעאָטעמט און אַ ווילדע אייפערזוכט האָט זיך אויפסנײ צעברענט אין אירע אברים, געריסן שטיקער פון איר באַליידיקט האַרץ און געצונדן אין איר דעם האַס צו יהודיתן.

אין דעם האָט נאַטאַליאַ אויפגעהערט צו שפּילן, זי האָט געזען, אַז ער האָט אַ קוק-געטון צו דער טיר און אַוועקגעלייגט די פידל אויפן שרייבטיש. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין טיפן, אויסגעבעטן פאָטעל, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָזטיכל און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פנים און פון האַלדז און נאַקן. דערנאָך האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און ווידער גענומען קוקן אויפן בילד. בענקשאַפט האָט זיך געריסן פון זיינע אויגן פולע מיט אַזאַ מאָדנעם שימער, וועלכן טערעסאַ האָט ביי אים קיינמאָל נישט געזען.

זי האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. זי האָט האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר און געבליבן שטיין אַנטקעגן איר מאַן. ער האָט אויפגעהויבן צו איר די בליקן פולע מיט אומעט און אומניחהדיקייט. אירע ברענענדיקע אויגן האָבן שטום געמאָנט אַ דערקלערונג.

ער האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— טערעסאַ, גיי צוריק, גיי, לייג דיך שלאָפן, גיי, איך בעט דיך; מאַטער דיך נישט צוליב מיר.

זיין שטים איז געווען ווייך און קאַלט. זי איז צוגעגאַנגען נענטער, אָנגעשפּאַרט אירע הענט אָן זוים פון שרייב-טיש און אַראָפּבויגנדיק איר קאָפּ צו זיינעם, האָט זי צאָרנדיק אַריינגעברומט אין זיין אויסגעמאַטערט פנים:

— זיי מיר נישט געטריי, דו פאַררעטער, דו כודאַס! דו זאָרג בעסער פאַר דעם אויסגעלאַסענעם מאָדעל-מיידל. זי וועט דיר זיין אַ בעסער ווייב ווי איך! — האָבן זיך אירע ליפּן געקרומט ווי אין אַנפאַל פון היסטעריע.

— איך ווייס — האָט זי אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פֿינצטערן בליק — איך ווייס, אַז די דייניקע ווילן דיך מיט כּוח אָפּרייסן פֿון מיר מיט מיינע אָרימע קינדער. איך ווייס, אַז איר אַלע פֿאַרפֿאָלגט מיך און אַז דער וואָנ־דערנדיקער כּודאָס האָט דיך פֿאַרכּישופֿט!

זי איז אנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעגלייכט און פֿאַרפֿלאָכטן אויפֿן האָרץ די בלייכע, אײדעלע פֿינגער פֿון די הענט, עטוואָס אויסגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און אָנגעשטעלט אויף אים אַ צעקרומט פּנים, אַ באַגאָסנס מיט טרערן.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז טערעסאַ האָט זיך ווירקלעך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַדאָנאַ, אָבער נישט אין גייסט פֿון מחילה און גענאָד, נאָר אין גייסט פֿון די הייליקע טאָרקוועמאַדאָס... ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿון וואַנען ס׳האָט זיך פּלוצים גענומען צו איר אַזאַ לשון און אַזאַ רציחה. און דאָך האָט ער געפֿילט, אַז טיף אין האַרצן איז אים טערעסאַ אַלץ נאָך ליב און טייער און ער האָט מיט אַלע כּוחות געזוכט גובר צו זיין דעם פּלוצימדיקן געפֿיל צו יהודיתן. ער האָט געהאָפֿט, אַז דער רוגז מיטן ווייב וועט אַליין און ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן; אָפּשטאַרבן אינאיינעם מיט דער בענקשאַפֿט נאָך יהודיתן. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איר ווי אויף אַ קאַפּריזנע קינד, אַ יונג מיידל, וואָס ווייסט, אַז זי איז שיין און אַז דער מאַן האָט זי ליב, אַז מען מוז איר פֿאַרגעבן אַלע קינדערייעז און שוואַכקייטן. אָבער איר אויסברוך פֿון כּעס האָט אים נאָך מער דערצאָרנט. ער האָט אַ טראַכט־געטון:

יענע האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מענטשן און איז צעבראָכן געוואָרן, ווען ער האָט זי פֿאַרלאָזט, און זי איז קיינמאָל נישט געקומען אים שטערן אין זיין גליק. יענע האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין; זי האָט דערשטיקט דעם ווייטיק אינאיינעם מיט איר אונטערגעבראָכן לעבן. אָרימע יהודית, ווי גוט דו ביסט! ווי איידל איז דיין האַרץ! טערעסאַ ווייסט גאָר נישט, ווי טייער דו האָסט באַצאָלט פֿאַר איר גליק און איר ווױלזיין. איצט האָט טערעסאַ אַליין מיט איר צאָרן פֿאַרשוועכט און צע־בראָכן מיין לעבן. אין טערעסאַס חושים זענען אַריינגעקראָכן ווערים און זי פֿאַרסמט מיך מיט אירע געדאַנקען וועגן דיר.

זיין שטומקייט האָט נאָך מער געוועקט אין איר דעם טשאַד, דאַן האָט זי אים אָפּגעגאָסן מיט ווייענדיקע בליקן און פֿונדאַסניי גענומען רעדן:

— פֿון וועמען טראַכסטו איצט, דו כּודאָס, פֿאַררעטער, אומפֿאַר־שעמטער?! אויף אַן אויסגעלאָסן מאַדעל־מיידל האָסטו מיך אויסגעביטן! זיינע בליקן זענען געוואָרן טיפֿער. גרויע קעלט האָט געשלאָגן פֿון

זיי און אויך וואָרענונג. ער האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרמאַכט דאָס פענצטער, כדי שכנים זאָלן נישט דערהערן זיין ווייבס קולות. ער האָט זיך אויך געשראָקן פאַר אירע היסטערישע אָנפאַלן, וועלכע האָבן זיך לעצטנס אָפט איבערגעחזרט.

נאָכן פאַרמאַכן דאָס פענצטער האָט ער זיך האַסטיק אַ לאָז־געטון צו דער אַרויסגאַנגס־טיר. טערעסאַ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און גע־נומען אומבאַזאַכט און צאָרנדיק קלאַפּן מיט די געבײלטע פויסטן אויף זיין ברוסט:

— זאָג, זאָג, דו כודאס, דו געמיינער יונג! פון ווען אָן האָסטו מיך פאַרביטן מיט דעם קליינעם, דאַרן קורוועלע? פון וועו אָן?

ער האָט אָנגעכאַפּט אירע ציטערנדיקע הענט, זי צוגעשלעפּט צום דיוואַן און זי פאַרזיכטיק אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און מיטן ווייזפינגער געוואָרנט:

— אַז דו וועסט מיר אַלע מאָל מאַכן סצענעס און דיך אויפפירן ווי אַ גאַסן־מויד, וועל איך אַוועק פון שטוב און מער נישט צוריקקומען... געדענק, טערעסאַ! — האָט ער בייז אויסגערופן, — געדענק, אַז אַזוי אַרום וועסטו שטעלן אַ מצבה אויף אונדזער גליק! ווי שעמסטו דיך נישט צו באַליידיקן אַ פרוי, וואָס האָט דיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטון! ווו האָסטו געהערט אַזאַ לשון? ווו? — האָט ער גערעדט מיט האַסט און איר צוגעוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג.

זי האָט געהאַלטן אויף אים אָנגעשטעלט דאָס פינצטערע פּנים, אַ באַהויכטס מיט איבערמענטשלעכן האַס. פאַרבראָכן די פינגער און זיך אבלדיק צעהוידעט אַהין און צוריק:

— דאָס מאָדעל־מיידל מוז אוודאי זיין אַ „הייליקע“... וואָלט זי נישט געווען איינע פון דייך ראַסע, וואָלסטו זי נישט פאַרטיידיקט און אוודאי זי נישט באַוווּנדערט.

ער האָט כעסדיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, גענומען אַ ציגאַר פון טישל און פאַררויכערט; אומגעשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן זאַ־לעכל, אַרויסגעלאָזט גראָבע קנוילן רויך דורך די צעשפּרייטע נאָזלעכער און אַלע מאָל אַראָפּגעשלונגען אַ בינטל מיט נישט דערזאָגטע ווערטער. ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסטענהן מיט זיין ווייב, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז נאָר ער אַליין איז דער, וואָס וועט דאַרפן פאַרקיטעווען דעם צעבראָכענעם שלום.

זי האָט ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— ווי איז מיר, אַ קליין, דאַר קורוועלע האָט אַראָפּגעפירט פון

גוטן וועג דעם טאַטן פון מיינע קינדערלעך! אוי, הייליקע מאַריאַ, שיק אויף איר אַ מגיפה!

ער איז געבליבן שטיין לעבן איר, זיך צעהוידעט אויף זיינע פיס און זי אַדורכגעבויערט מיט אַ טיפן בליק, אַ פולן מיט צאָרן און מיט וואָרענונג:

— ווען נישט זי, דאָס אָרימע מיידל, וואָלסטו היינט נישט געווען קיין גרויסע דאַמע — האָט ער צאָרנדיק געברומט. — דו וואָלסט נאָך אַלץ געטראָגן די נאַכט־טעפּלעך פון די אומגליקלעכע קראַנקע אין שפּיטאָל. און איך וואָלט אפשר געווען געבליבן נישט מער ווי אַ נאַרישער צייטונגס־פאַרקויפער!

אַ צענומענער פון זיינע אייגענע ווערטער האָט ער איבערגעטראָגן זיינע בליקן צום בילד. טערעסאַ האָט זיך צעלאַכט, געציטערט און גע־לאַכט; דאָס גאַנצע לייב און לעבן אירס האָט מיטגעלאַכט און מיטגעצי־טערט. זי האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָרט און געפּאָכעט קעגן אים מיט אַ געביילטער פויסט:

— צו דעם דאָזיקן קליינעם קורוועלע האָסטו זיך פאַרקויפט! זי האָט דיר געגעבן געלט, אַז דו זאָלסט מיט איר שלאָפן!... קענסט אויך איצט גיי צו איר. אָבער דאָס בילד, איר געדעכעניש, וויל איך דאָ נישט זען!

ער האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס צאָרנדיקע פּנים און געשוויגן. זיין שוויגן האָט זי נאָך מער צערייצט. איז זי צוגעלאָפן צום אַנדערן עק פון זאַל און האָסטיק אַראָפּגעריסן דאָס בילד פון דער וואַנט און עס אַ וואָרף־געטון אויפן דיל צו זיינע פיס. זי האָט אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אויפן בילד, געהעפּעט און געשריען, געסאָפּעט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האַלט ביים צעזעצט ווערן:

— אָט האָסטו דיר דיין מעטרעסע און טו מיר עפּעס! טו, טו! וואָס שטייסטו! דו שוואָכלינג, דו כּודאַס, דו פאַררעטער!

זי האָט ווידער אַ פּאָכע־געטון מיט אַ פויסט אין דער לופטן, זיך אויסגעדרייט און ווי אַן אָפּגעבריטע אַרויסגעלאָפן פון זאַל, שרייענדיק ווי נישט מיט איר קול:

— הייליקער דערלייזער, שיק אויף דיינע מערדער אַ שוואַרצע מגיפה! אַ שוואַרצן סוף!

נאַטאַליאַ איז בלייך געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן בילד און בי־טער געשמייכלט. עפּעס אין אים האָט זיך צעבונטעוועט. נישט פאַר זיין באַליידיקטער ווירדע האָט עס אים געוויייטיקט. ער האָט געוווּסט, אַז איין וואָרט זיינס, איין געשריי אָדער אַ פויסט איבערן ווייבס פּנים, זיין

קראַפט, וואָס זי האָט פאַרגעטערט, וועט אויף אייביק פאַרמאַכן איר מויל, פאַרשטומען אין איר די חוצפה פון אַ צעבאַלעוועטן מענטשן, און זי וועט ווערן אונטערטעניק, קנעכטיש ווי אַ הונט. אָבער נישט דעם קנעכט האָט ער ליב געהאַט אין איר. ער האָט זיך פאַרליבט אין איר מילדקייט, אין דעם ווייכן, שעמעוודיקן בליק און אין איר בלייך מאַדאָנע־פּנים. איר פּנים האָט פון ערשטן טאָג אָן אין אים געוועקט די פאַנטאַזיע און אַ געפיל פון מנוחה. זי האָט אים געמאַכט פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ סך שלעכטס און אַז ער שטאַמט פון אַ פאָלק, וואָס בלוטיקט און קומט־אָפּ פאַר דער זינד פון פרעמדע פאַרברעכנס. ווען ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז זי איז געווען דער סימבאָל פון אמתער קריסטלעכקייט; אַז די וועלט איז ריין פון זינד און פון מערדעריי. דערפאַר האָט ער זי פאַרגעטערט און האָט זיך באַמיט, אַז די ריינקייט פון איר נשמה זאָל נישט פאַרשאָטנט ווערן; אַז זי זאָל זען אין אים איר אידעאַל; אַז זי זאָל דאָס גאַנצע לעבן שוועבן אין איר גליק ווי אַ ווייסע טויב צווישן הימלישע בלויקייטן. ער האָט זיך באַמיט, אַז די גרויזאַמע ערדישקייט זאָל נישט אָנרירן די צאַרטע פעדים פון איר האַרץ.

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער אויפגעהויבן דאָס בילד און עס אַוועקגעשטעלט אויפן דיוואַן. דאַן האָט ער אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל פון קעשענע און אויסגעווישט אַ טרער, וואָס איז געבליבן שטעקן אין זיין רעכטן אויגנווינקל. די טרער איז געפאַלן אויפן בילד, וואָס ער האָט באַוויינט, ווייל צוליב אים איז זיין פאָלק באַשפּיגן געוואָרן; באַשפּיגן און פאַרשאָלטן געוואָרן פון אַ פרוי, וועמען ער האָט פריער געהאַלטן פאַר אַ מלאך. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אין טערעסאַן האָט אויפגעוואַכט דאָס בלוט פון טאַרקוועמאַדען און פון גזלן כמיעלניצקי. אַנשטאָט צו מאַכן אַ פּאָגראָם נאָר אויף איר מאַן, האָט זי, ווי יעדער יידישער שונא, אויסגעלאָזט דעם גיפט צום בילד פון יהודיתן און אויך צו זיין פאָלק.

דאָס בילד איז געבליבן גאַנץ, נאָר אויפן סאַמע מיטן פון פּנים איז געווען אַ קליינער בראַך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די בליקן פון בילד זענען געוואָרן ברייטער און פולע מיט שפּאָט. אַ געפיל פון בושה איז אויפגעגאַנגען אין אים. ער האָט אַריינגערעדט אין די אויגן פון בילד:

— יהודית, פריער האָב איך אומגעבראַכט דיין גלויבן און דיין נשמה און איצט האָט מיין ווייב צעבראָכן מיין גלויבן און מיין נשמה.

אין דעם האָט זיך טערעסאַ ווידער אַריינגעשטעלט אין דער אָפּענער טיר און זי האָט אויגנבליקלעך אָנגעפּייערט אויף אים אַ קויל פון רעוואָלווערל. די קויל איז אָבער אַריבער איבער זיין געבויגענעם קאָפּ,

האָט בלויז אַדורכגעלעכערט דאָס בילד און איז שטעקן געבליבן אין גראָבן, וואָלענעם אָנשפּאַר פון דיוואַן.

נאַטאַליאַ האָט זיך אויגנבליקלעך אַ וואָרף־געטון צום ווייב, אָנגע־כאַפּט אירע ציטערנדיקע הענט און זי צוגעדריקט צו דער לייסט פון דער טיר. זי האָט אָנגעהויבן צו בייסן זיינע הענט. האָט ער אומגערן אַ קוועטש־געטון דאָס צינגל פון רעוואָלווער און אַ קויל איז אַרויס מיט אַ בליץ און דורכגעבערענט דעם אַרבל פון זיין דאָקטערשן כאַלאַט, פון וואַנען זי איז אַרויסגעפלויגן דורכן פענצטער. ער האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש איבערן פּנים. זי האָט אַ געשריי־געטון און איז אַוועקגעפאַלן. ערשט דאַן האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון אירע הענט און איז גיך אַראָפּגעלאָפן אין גאָרטן.

צום געשלאָסענעם טויער איז צוגעקומען אַ פּאָליציימאַן, אַ קוועטש־געטון דאָס קנעפּל פון גלעקל און גערופן:

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

נאַטאַליאַ איז רויִק צוגעגאַנגען צו אים, אָבער אַ דינער ציטער האָט געקלונגען אין זיין שטים:

— מיין רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן בעת איך האָב אים גע־רייניקט...

דער פּאָליציימאַן האָט אים דורכגענומען מיט אַ טיפן בליק, אַן אָנגענומענעם מיט אומצוטרוי, זיך אויסגעדרייט און איז געגאַנגען צוריק צום ראָג אויף זיין וואַך־פּאָסטן.

נאַטאַליאַ איז אַוועק טיפער אין גאָרטן פון הינטערשטן הויף. שכנים פון די אַרומיקע שטיבער זענען געשטאַנען נעבן די אָפענע פענצטער און האָבן אים נאָכגעקוקט. ער איז געווען אויפגעשווידערט ביזן מאַרך פון די ביינער. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די רייען גלייכע, נידעריקע ביימלעך און געהאַט דאָס געפיל, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס ניצול געוואָרן פון אַן ערדציטערניש, אָבער פון אונטער די ברענענדיקע חורבות רייסט זיך נאָך אַ ווולקאַן, אַ פייער, וואָס וועט אים אומברענגען. ער האָט געפילט, אַז די צוויי נישט געלונגענע רעוואָלווער־שאָסן אויף אים, מיט וועלכע זיין ווייב האָט געוואָלט שטילן דעם אויסברוך פון צאָרן און אייפערזוכט, האָבן איבערגעריסן די גאָלדענע פעדים, וועלכע האָבן זיי ניין יאָר לאַנג געהאַלטן צונויפגעבונדן. זי האָט אומגעבראַכט די נשמה־פעדים פון זייער פאַמיליען־לעבן, פעדים, מיט וועלכע ער וואָלט זיך אפשר יאָרן־לאַנג געראַנגלט אין פּיין און נישט בכוח געווען זיי אי־בערצורייסן.

ער האָט געהאַמעוועט אין זיך די אומרו און געפּרוווט ברענגען אין

אָרדענונג זיינע געדאַנקען. אַלץ אין אים איז געווען צעררודערט און צע־בראָכן. אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין לייב און זיין פּנים איז געווען בלייך און פאַרעלטערט.

ער האָט אַרויסגעקוקט צום פענצטער פון זיין שלאָפצימער. קיין סימן פון לעבן האָט זיך דאָרט נישט געמערקט. נאַטאַליאַ האָט מורא באַקומען, אַז דאָס ווייב זיינס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַ קעלט איז אַריבערגעלאָפן איבער זיין לייב. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. האָט ער זיך אַ לאָז־געטון צו דער שטוב. טאַרסיל, דאָס דינסט־מיידל, איז אים אַנטקעגנגעקומען. זי איז געווען בלייך און דערשראָקן.

— וווּהין גייסטו, טאַרסיל? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— די קינדער וויינען און איך קען זיי נישט איינשטילן.

— ווו איז די באַלעבאָסטע? — האָט ער אַ דערשראָקענער געפרעגט.

— די באַלעבאָסטע האָט נאָרוואָס איינגענומען פּילן צו שלאָפן און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זי נישט וועקן...

— גיי, טאַרסיל, און זאָג די קינדער, אַז איך וועל באַלד זיין מיט זיי. זי האָט אונטערטעניק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— סי, סעניאָר, סי!

זי איז איילנדיק אַרויפגעלאָפן צוריק. נאַטאַליאַ האָט ווידער דער־הערט דאָס קלינגען פון דער טיר־קנאַפּקע און ער איז איילנדיק געלאָפן צום דרויסנדיקן טירל.

אַ הויכער, טונקלהויטיקער פּאָליציימאַן איז געשטאַנען ביי די אייזערנע שטאַכעטן און זיך אָנגערופן:

— אַ גוטן אָוונט, סעניאָר דאָקטער! פון וואַנען איז געקומען די שיסעריי? איך האָב געמיינט, אַז גנבים זענען אייך באַפאַלן!...

נאַטאַליאַ האָט געהאַמעוועט אין זיך די אומרו און געענטפערט:

— איך אַליין האָב שיעור נישט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף מיר. איך האָב געריייניקט מיין רעוואָלווער און פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון אים די קוילן...

— מיט געווער און מיט פרויען מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק, — האָט דער פּאָליציסט גוטמוטיק צוגעגעבן, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין וואַך־פּאָסטן.

די פיס האָבן נאַטאַליאַן געפירט צוריק. ער האָט צעשפּיליעט דעם כאַלאַט און איינגעאָטעמט די פרישע, קילע לופט. ער האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף אַ באַנק לעבן שווימבאַסיין און זיך איינגעקוקט אין די בלויע, רוישלאָזע כוואַליעלעך. אַרום אים איז געווען מערקווירדיק שטיל. אַ רויטע לבנה ווי אַ שטיק פייער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער פון

באַסיין און די בלעטער פון דיביימלעך הינטער אים האָבן זיך באַוועגט, ווי זיי וואָלטן אים עפּעס דערציילט און עפּעס געוואָרנט.

נאַטאַליאַ האָט אַרומגעטאַפּט זיין דורכגעלעכערטן כאַלאַט און בי־טער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיינע בליקן זענען געוואָרן טיפער און פול מיט קריגערישקייט. ער האָט אַרויפגעקוקט צום פענצטער פון שלאָפצי־מער, אויס מורא, אַז דאָס ווייב קען נאָך פון דאָרט נאָכאַמאָל שיסן און אים דערהרגענען.

געדאַכט האָט זיך אים, אַז יהודית האָט זיך באַוויזן, זיך פאַר־שטעקט הינטער די קלעטערפלאַנצן און גערעדט צו אים:

„אָט זעסטו שוין, נאַטאַליאַ, אַז דיינע גוטע זיבן יאָר האָבן זיך געענדיקט. מיינע וועלן שוין קיינמאָל נישט קומען. ערשט ווען מיר ווערן באַשטראָפט פאַר אונדזערע זינד, דעמאָלט ווערט אין אונדז גע־בוירן דער מענטש. איך לעב און איך ראַנגל מיך מיט דער ביטערניש און דו האָסט אויף דיר רחמנות, ווייל דו פילסט דיך איצט עלנט. און איך בין עלנט, און איך בין עס פון מיין ערשטן געבוירנטאָג אָן. און דו האָסט דאָס געוווסט און דו האָסט מיך פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט, אויסגעביטן אויף אַ פרוי, וואָס האָט נאָר געררייצט דיינע אינסטינקטן.

„דו האָסט אויסגעלאָשן אין מיר די פרייד און דעם גלויבן. האָב איך געפּרווט אויסוואַרעמען אין מיין נשמה אַ נייעם גלויבן און ס׳האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. דו האָסט צעבראָכן מיין גאָט און טערעסאַ האָט צעבראָכן דיינעם. אָ, מיר זענען באַשטראָפט געוואָרן פון די געטשן, צו וועלכע מיר האָבן זיך פרייוויליק פאַרקנעכט. דו ביסט אַ פּחדן און אַ עגאָאיסט. דו האָסט דיך תמיד געשראָקן פאַר אַ שווערן וועג. ווען דו וואָלסט געווען אַ מאַן מיט ווירדע, וואָלסטו נישט געווען אָנגענומען מיין שטיצע. דיין נשמה איז געווען ווייט פון מיר. איך האָב דיר אָנגעג־טרויט מיין פרייד און דו האָסט מיר צוריקגעצאָלט מיט טרויער און מיט יסורים. דיר איז צו גרינג אָנגעקומען סיי מיין ליבע און סיי דיין דאָק־טערישער טיטל. אויך דיין אַוועקגיין פון מיר איז געווען נישט קיין ווירדיקע. פריער האָסטו דיר אָפּגעזוכט אַ צווייטע פרוי, וועלכע האָט דיר געהאָלפן פאַרגעסן אָן מיר. אָן דער האַנט פון אַ פרוי וואָלסטו קיינמאָל נישט געווען געוואגט אַריינצוברענגען אַן ענדערונג אין דיין לעבן. ווען נישט די האַנט פון דיין פרוי, וואָלסטו געווען אָפּגעלעבט מיט מיר דיין גאַנץ לעבן, געלעבט אָן ליבע און אָן ערלעכקייט; געלעבט, כדי נישט צו דאַרפן זוכן דעם אמת און די ליבע. צוליב דיינע באַקוועמלעכקייטן און צוליב דער מורא צו מוזן ליידן האָסטו אָפּגעלעבט אייניקע יאָרן מיט מיר און דו וואָלסט עס געוועז געטון מיט אַ נאָך מיאוסערער פון מיר אויך.

מיין נישט, אַז דו האָסט מיך באַוועגט צו זיין דיין ווייב. איך האָב אין דיר געזען דעם מאַן, וועלכן איך האָב פון קינדווייז אָן געחלומט צו זען. ווען איך בינד מיך צו צו אַן אַנדערן, וואָלט איך אים געווען געליבט מיטן זעלבן פייער און מיט דער גאַנצקייט ווי איך האָב דיך געליבט. אַזוי איז מיין נאַטור. אין דעם האָסטו גאָר קיין חלק נישט. דיר האָב איך איינגע־רעדט, אַז דו ביסט איידל און צאַרט און דו האָסט אָנגעהויבן צו גלויבן אין מיינע רייד. דו האָסט דיך דערפילט אַ סך שטאַרקער און וויכטיקער ווי דו ביסט געווען אין דער אמתן. דו ביסט נישט מער ווי אַ קליין מענטשעלע און אַ פאַרליבטער אין דיין אייגענער שיינקייט. איך האָב מיר איינגעשמועסט, אַז דו ביסט דער ערלעכסטער פון אַלע מענער. דערפאַר האָב איך דיך אַזוי שטאַרק געליבט. אַ נישט ערלעכן מענטשן וואָלט איך קיינמאָל נישט געווען אַריינגענומען אין מיין נשמה. איך האָב באַצאָלט אַ טייערן פרייז פאַרן גלויבן. איצט, נאַטאַליאַ, איז געקומען דיין ריי. איצט וועסטו צאָלן און צאָלן...

„דיינע קינדער וועלן אויסטראָגן און געבוירן די פרוכט פון דיין לייכטזין. זיי וועלן ווערן גרויס און זיך דערוויסן, אַז דו האָסט געלערנט און דיך אויסגעהאַלטן פון מיין שווערער האַרעוואַניע. דו האָסט אויסגע־נוצט דעם גלויבן פון אַ פרוי. דאַן וועט אויפוואַכן אין זיי דאָס געפיל פון דער דאָזיקער פרוי און זיי וועלן דיך פאַראַכטן. דיין מרים פאַר־אַכט דיך שוין היינט. דו שטייסט פאַר איר ווי אַ נאַרישער בעטלער און דו חנפעסט אויס ביי איר אַ נאַרישן שמייכל. דיין גאַנץ לעבן וועט זיין איין קייט פון שקר. דו וועסט אָפּנאַרן דיך אַליין און דיינע מיטמענטשן. דיין גאַנץ לעבן וועסטו פּאַיאַצעווען. דו וועסט ווידער קושן און צערט־לען דיין ווייב, וואָס איז דיין שונא. טון וועסטו דאָס נאַטירלעך צוליב דיינע קינדער און צוליב דיינע מיטמענטשן, אין וועמענס אויגן דו וועסט וועלן אויסזען ווי דער אידעאַלסטער מאַן. דיין נשמה וועט זיך צוגעוווי־נען צום אייביקן שקר. און ווען דו וועסט ווערן אַלט און מיאוס, וועט די פאַרדאַרבנקייט אַרויסקוקן פון דיינע אויגן. מענטשן וועלן דערקענען, אַז דיין נשמה איז קויטיק. דו וועסט אויסוויינען ביי דיינע קינדער אַ ביסל מיטגעפיל; וועסט זיי אַלע טאָג דערציילן, אַז צוליב זיי האָסטו פאַרלוירן דיין לעבן. אָבער זיי וועלן לאַכן פון דיר און דיך רופן אַלטער משוגענער"...

נאַטאַליאַן איז געוואָרן קאַלט. ער האָט שווער געאָטעמט. ער איז נישט געווען קיין גלויביקער און אויך נישט קיין אבערגלויביקער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע געדאַנקען זענען שוין לאַנג געלעגן אין זיין מוח באַהאַלטן און נאָר די צוויי רעוואָלווער־שאָסן האָבן זיי פריי

געמאַכט דעם וועג, אויפגעריסן די קעמערלעך און די געדאַנקען, אין וועלכע ער האָט מורא געהאַט צו גלייבן.

ער האָט זיך געוועהרט קעגן די דאָזיקע שטראָפרייד און צו זיך אַליין געטענהט:

„טערעסאַ האָט מיך ליב! זי איז בלויז משוגע געוואָרן פון איפער־זוכט. מאָרגן אָבער וועט זי זיך אָפּגעבן רעכענונג, וואָס זי האָט אָפּגעטון, און זי וועט וויינען פון חרטה און בושה. זי וועט ווערן שטיל ווי אַ טייבעלע. איין בליק מיינער וועט זי מאַכן נאַכגיביק ווי אַ קינד...

„זיי נישט גרויזאַם, יהודית! דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין גע־מיינער מענטש״...

יהודיתעס שטים האָט אים אָבער ווידער פאַרפאָלגט:

„דיין ווייב וועט דיר אָפּצאָלן פאַר מיינע שווערע ליידן. זי וועט דערשטיקן דיין פרייד און דאָס לעבן פון דיינע קינדער״...

„ניין, ניין! — האָט עס אין אים אַ רודער געטון און זיין בלוט איז אים פאַרגליווערט געוואָרן, — מיינע קינדער טאָרן נישט אָפּקומען פאַר אונדזער זינד, ניין!״

אין דעם האָט ער זיך גאָר דערמאָנט, אַז זיין ווייבס אַ קרובה, וואָס האָט חושד געווען דעם מאַן אין פאַרראַט, האָט אָפּגעסמט זייערע דריי קינדער, צוויי יינגעלעך מיט אַ מיידל, און נאָכער באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. אויף אים האָט יענער אומגליק שטאַרק געווירקט. אָבער טערעסאַ, זיין ווייב, האָט אין דעם געזען אַ גערעכטע האַנדלונג פון דער פרוי און זיך אויסגעדריקט אַז אין פאַל איר מאַן זאָל זי פאַרראַטן, דאַן וואָלט זי אומגעבראַכט די קינדער און אויך אים, דעם מאַן, און זיך זעלבסט.

ער האָט זיך געפּרוווט ווערן קעגן יענע געדאַנקען, וואָס האָבן אים דערמאָנט אָן זיין ווייבס וואָרענונג. אָבער די אומרו אין אים האָט זיך צעבושעוועט איינאיינעם מיט אומצוטרוי צום ווייב, צוזאַמען מיט אַ שווער פאַרגעפיל, אַז איר נקמה איז נאָך נישט אינגאַנצן געשטילט געוואָרן.

ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט צו זיינע קינ־דער און אַ באַגער צו אַנטלויפן מיט זיי. אים האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז דאָס בייז־געוואָרענע ווייב האָט זיי שוין פאַרסמט. דאָס בלוט האָט אים אַרויפגעשלאָגן צום קאָפּ. ער האָט אַ קוק־געטון צום אָפענעם פענצ־טער פון די קינדערס שלאָפצימער און געזען אַ בלייכע, עלעקטרישע שיין צווישן די קלעטערפלאַנצן איבערן פענצטער. ווען ער האָט גוט אָנגע־שטרענגט זיין געהער, האָבן זיך צו אים דערטראָגן עטלעכע זילבן פון אַ וויגליד, וואָס טאַרסיל האָט געזונגען ביים איינשלעפן די קינדער.

נאַטאַליאַ איז געוואָרן רויִקער; אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן די הענט, האָט ער זיך ווידער אַריינגעטראַכט אין זיין לאַגע. אים איז געקומען אויפן זינען:

ווען זיין ווייב איז אַ גוטע שיסערן, וואָלט ער אַצינד געלעגן אויפן דיל און זיין בלוט וואָלט געוואַשן יהודיתעס בילד. אין זאַל וואָלטן אַצינד געווען שכנים און געטרייסט זיין ווייב מיט די קינדער. אין זאַל און אין הויף וואָלטן געברענט אַלע עלעקטרישע לאָמפּן און פּאָליציילייט וואָלטן זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי די באַלעבאַטים און איבערגעפרעגט טויזנט מאָל, ווי אַזוי דאָס אומגליק איז פּאָרגעקומען. די קינדערלעך וואָלטן גע־יאָמערט און מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויפן דערשאָסענעם טאַטן. דאָס ווייב, בלייך און צעדרודערט, אָבער זיכער אין זיך. זי וואָלט דערציילט, אַז דער מאַן האָט זי פאַרראַטן און לעצטנס האָט ער אַריינגענומען אין שטוב אַ בילד פון זיין געליבטער און ער האָט גאַנצע נעכט געשפּילט פאַרן בילד.

אַ בייסיקער שמייכל און חוזק האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע געטאָקטע ליפּן. ער האָט געזען זיין ווייב אין איר גאַנצער אומבאַהאָלפּנ־קייט; זי געזען אין שוואַרצע טייערע טרויער־קליידער און איר מאַדאָנע־פּנים ווידער העלער און אויפגערוימט.

באַלד אָבער האָט ער זיך געזען אין טויטן־שטיבל, טאַקע אין שפּי־טאָל, ווו ער אַרבעט...

נאַטאַליאַ האָט אַ לאַך־געטון. ער האָט זיך ווידער דערזען ליגן אויפן ווייסן מאַרמאָרנעם טיש אין אַ צימערל, ווו מען פּאַלמעסט די מתים. ער האָט געהערט די רייד פון זיינע חברים:

— ער איז געווען אַ קאַנאַליע! אַזאַ שיינע פרוי פאַרראַט מען נישט!

— אָן אייזערן האַרץ האָט ער געהאַט!

— פונדעסטוועגן וואָלט איך נישט געווען געגלייבט, אַז ער האָט אַ מעטרעסע.

— אַלע יידן זענען פאַררעטער... איך האָב זיי פיינט!...

— שווייג! שווייג!

ער האָט מיר איר געלעבט, נאָך איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין ווייב.

— יענע האָט אים אויסגעהאַלטן מיטן לערנען!

— אַלע יידן ווערן דאָקטוירים אויף אַזאַ אופן!

— נישט אמת! — האָט נאַטאַליאַ זיך געוועדט קעגן זיינע שלעכטע געדאַנקען און ווידער געטראַכט: — יידישע יונגע לייט פאַרדינען זיך בשר זייערע טיטלען. אויך איך האָב יהודיתן נישט געזוכט אָפּצונאַרן! —

האָט עס אין אים געווייטיקט. — איך האָב זי ליב געהאַט. איך האָב זי קיינמאָל נישט פֿיינט באַקומען. ווען מיר נעמען דאַן אַרויס אַ חתונה־ביכל, וואָלט איך נישט געווען געהאַנדלט לייכטזיניק. איך וואָלט מיינע געפילן צו טערעסאַן געווען דערשטיקט אָדער איך וואָלט זי געווען אינ־גאַנצן אויסגעמיטן. דאָס געפיל, אַז איך בין געווען פריי, האָט מיר פריי געמאַכט דעם וועג חתונה צו האָבן מיט אַ צווייטער. אויך יהודית איז שולדיק געווען אין דעם. זי איז געווען איבערגעטריבן אין איר גלויבן, אין דער פרייהייט פון דער ליבע. ס'איז אָבער נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אבסאָ־לוטע פרייהייט. אַ מענטש מוז האָבן גרעניצן אין זיין האנדלען. אַ מענטש טאָר נישט נעמען נאָר פאַר זיך; ס'איז אַ זינד. די מענטשלעכע נשמה נויטיקט זיך אין אַן ערלעכער צוגעבונדנקייט צו עמיצן. נאָר אויס־דערווײלטע נשמות זענען ראוי פאַר אַבסאָלוטער פרייהייט. איך האָב מיך נישט געקאָנט צורעכענען צו די דאָזיקע אויסדערוויילטע. איך בין אַ דורכשניטלעכער מענטש. ווער איז שולדיק, אַז יהודית האָט מיך גע־האַלטן פאַר אַ מענטש מיט העכערע געפילן? איך בין געווען יונג און שיין און דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן שיינען איבער מיר. דאָס גליק האָט מיר פאַרבלענדט די אויגן. טאָ ווער איז שולדיק?

אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פנים. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר זיין געוויסן, וואָס האָט פּלוצים אין אים דער־וואַכט, זיך אויסגעצייטיקט אינאיינעם מיט די צרות, וועלכע די צייט האָט אים אונטערגעטראָגן.

אין דעם האָט אים ווידער אָנגעהויבן צו שרעקן דעם ווייבס נישט געשטילטע נקמה־געפילן. ער האָט אויסגעטון די שיך און איז שטיל און פאָרזיכטיק אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק. אין די קאָרידאָרלעך איז געווען טונקל. האָט ער זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אַרונטער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ווייב איז געשטאַנען פאַר־שטעקט הינטער די טרעפּ און געצילט אויף אים מיטן רעוואָלווער. ער איז איילנדיק אַריינגעלאָפן אין די קינדערס שלאָפצימער. מרים איז גע־לעגן מיטן פנים צו דער וואַנט און טאַרסיל איז געזעסן לעבן איר און אונטערגעברומט אַ ניגון פון אַ קינדער־לידל. ער האָט איבערגעטראָגן די בליקן צו די ייִנגערע קינדער. זיי זענען געשלאָפן אין זייערע נידע־ריקע, ווייסע בעטלעך. אַ לייכטער שווייס און שרעק האָט באַדעקט זיי־ערע פּנימלעך. ער האָט אַ ווונק־געטון צום דינסטמיידל. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אויף די שפּיצן פון די פינגער אַרויס פון צימער. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו מרימס בעטל און זיך אָנגעבויגן איבער איר:

— שלאָפסט, מיין קינד?

זי האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ דאָס ליילעך און זיך צעוויינט. אירע שמאָלע אַקסלען און דאָס גאַנצע לייב און לעבן האָבן מיטגע־וויינט. נאַטאַליאַ האָט אַראָפּגענומען דאָס ליילעך פון קינדס פּנים און געטריי אַריינגערעדט אין אירע געשלאָסענע אויגן:

— וואָס קוועלט דיך, קינד מיינס? דערצייל דעם פּאַפּי און איך וועל דיר העלפן.

טרערן זענען געפלאָסן איבער אירע באַקן. זי האָט געקלאָגט און געציטערט.

נאַטאַליאַ האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע זיפצלעך דורך די צעשפּריי־טע נאָזלעכער און באַהאַרצט געבעטן:

— עפן די אייגעלעך, קינד מיינס. האָסט נישט קיין צוטרוי צו דיין פּאַפּי? ווייסטו דען נישט אַז דער פּאַפּי האָט דיך ליב?, שטאַרק ליב, נשמהלע מיינס!

זי האָט אַרויסגעפילט די געטרייקייט פון זיין שטים און איר שטראָם פון טרערן האָט זיך אַביסל אָפּגעשטעלט. זי האָט אַריינגעכליפּעט אין זיך:

— פּאַפּי, פאַרוואָס האָסטו געוואָלט שלעכטס טון דער מאַמי?

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? — האָט נאַטאַליאַ אויסגערופן דערשראָקן. ער האָט ווידער דערזען זיין ווייב מיטן מאָדנעם פּנים.

די קליינע האָט אַ שעפּטשע־געטון:

— פּאַפּי, האָב רחמנות אויף מיר מיט מאַמי! לאָז אונדז ליב האָבן דעם דערלייזער.

ער האָט זי געטריי צוגעטוליעט צו זיך און לאַכנדיק געענטפערט:

— האָב אים ליב, קינד מיינס, וויפל נאָר דיין האַרץ באַגערט! דו הערסט, מרימל, וואָס דיין פּאַפּי זאָגט דיר?

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די קויל־שוואַרצע ייִדישע אויגן, פולע מיט פרומקייט און מיט מאַנונג. נאַטאַליאַן האָט אַ זעץ־געטון אין האַרצן. אָט אַזוינע אויגן האָט ער געזען ביי זיין מאַמען, ווען זי איז געקומען פון שיל. ער האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— מרימל, וויסן זאָלסטו, אַז דער דערלייזער איז געווען אַ ייִדי, אַ ייִד ווי דיין פּאַפּי און דיין זיידע, וועמענס האַנט דו האָסט מורא צו קושן...

זי האָט אַ פינטל־געטון מיט די אויגן. אומפאַרשטענדלעכקייט האָט זיך געריסן פון זיי און אויך שטוינען.

זאָרג האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיין שטערן, רחמנות צום קינד האָט געדריקט זיין געמיט. ער האָט געזען, אַז די קליינע האָט מורא פאַר אים,

אַז זי איז גייסטיק צערודערט. אים איז געגאַנגען אין לעבן צוריק גע־זונט צו מאַכן זיין קינד.

— מרימל, — האָט ער איר געגלעט דעם קאָפּ, — איך בין דאָך דיין פּאַפּי און איך בין אַ דאָקטער... פּאַפּי וועט נישט נעמען ביי דיר קיין געצאָלט פאַר אַ וויזיט... דערצייל מיר, נשמהלע מיינס, דערצייל וואָס דיך קוועלט, — האָט ער גערעדט אין אַ לייכטן, שפּאַסיקן טאָן.

איר אומצוטרוי צו אים האָט זיך איינגעשטילט. זי האָט אַריינגע־זיפצט אין זיך און יסורימדיק געקנייטשט דעם שטערן:

— פּאַפּי, דו האָסט געוואָלט שלעכטס טון דער מאמי, ווייל מיר האָבן ליב דעם דערלייזער?...

— נישט אמת, קינד מיינס! איך שווער דיר ביי דיין לעבן און ביים לעבן פון דיינע שוועסטערלעך. ס'איז אַ געמיינער ליגן! — האָט עס פון אים אַרויסגעקרעכצט.

— ווער דען האָט אויסגעשאָסן צוויי מאָל? פאַרוואָס איז מאַמי אַריין אין שלאָפצימער און גענומען שלאָף־פּילן? פאַרוואָס בלייבסטו שעהן לאַנג אין דיין קאָנסולטאַריע און שפּילסט פאַרן בילד פון דער אויסגעלאַ־סענער פרוי? פאַרוואָס ווילסטו נישט, אַז איך זאָל גיין זונטיק אין קירך? פאַרוואָס איז די באבע אַ פרומע און דו נישט?

נאַטאַליאַ האָט איר געקוקט אין די אויגן און געלאָזט, אַז זי זאָל זיך אויסלאָדן דאָס הערצל און זיך באַפרייען פון אַלע צווייפלען, וואָס האָבן זי קראַנק געמאַכט.

זי האָט געשלונגען די טרערן, אים דורכגעבויערט מיט די אויגן און ווידער גענומען פרעגן מיט אַ צודרינגלעכן טאָן:

— פאַרוואָס ברענגסטו אַהער דעם וואנדערנדיקן ייד? מאַמי זאָגט, אַז ער וויל דיך צונעמען פון אונדז. ווו וועלן מיר דאַן נעמען צום לעבן? און וואָס וועלן זאָגן אויף דעם מיינע חברטעס? פּאַפּי, איך בעט דיך, פאַרשעם מיך נישט!

זי איז ענדלעך אנטשוויגן געוואָרן. פרומער אויפבראויז האָט גע־ברענט אין אירע אויגן און אויך אַ גרענעצלאָז געבעט.

נאַטאַליאַ האָט זיך באַמיט צו זיין רויִק. ער האָט זיך אָנגערופן:

— מרימל, דו ווילסט אַז דער פּאַפּי זאָל זיך אַוועקלייגן לעבן דיר?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, זיך צוגעשפּאַרט לעבן איר און געגלעט אירע הענטלעך, געקוקט אין אירע אויגן:

— מרימל, איך האָב אויסגערייניקט דעם רעוואָלווער און ס'האָט דערביי אויסגעשאָסן... מאַמי האָט זיך מסתמא דערשראָקן, האָט זי גע־

מיינט, אַז איך האָב איר געוואָלט שלעכטס טון... מיינסטו, מרימל, אַז דיין פּאַפּי איז אַ מערדער?... קוק אריין אין מיינע אויגן און וועסט זען, וואָס אין מיין נשמה טוט זיך. קוק, מרימל, איך בעט דיך, און שפּעטער וועסטו מיר ענטפערן דערויף און אויף נאָך אַ פּאָר אַנדערע פראַגן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן. וואָס האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

זי האָט אים דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן בליק, אַ בליק פון אַ דער־וואַקסענער.

נאַטאַליאַ האָט זי ווייטער געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזען אין מיינע אויגן?

די קליינע האָט פאַרלעגן געשמייכלט און געענטפערט דורך טרערן:

— איך ווייס גאָר נישט, פּאַפּי, איך בין נישט קיין דאָקטער. זאָג מיר, פּאַפּי, מענער וויינען אויך?

ער האָט אַ לאַך־געטון און צוגעגעבן:

— ווער האָט דיר דערציילט וועגן מיר די אַלע נאַרישקייטן?

זי האָט כמאַרנע צונויפגעצויגן די ברעמען און פאַרביסן געשוויגן. נאַטאַליאַ האָט ביטער געזיפצט. ער האָט זיך פאַרטראַכט און באַלד ווי־דער אַ פרעג געטון:

— מרימל, דיין פּאַפּי וועט אין גיכן מאַכן אַ ווייטע רייזע. דו ווילסט פאָרן מיט מיר?...

— אָן דער מאַמי וויל איך נישט פאָרן.

ער איז געוואָרן אומעטיק, עפּעס אין אים האָט מיט אַמאָל אויפגעוואַכט. האָט ער צוגעטוליעט צו זיך זיין קינד און דערשלאָגן געענטפערט:

— גוט, וועסטו בלייבן מיט דער מאַמי און איך מיט דיינע שוועס־טערלעך וועלן אַוועקפאָרן...

ערנסט און נייגער האָבן זיך אָפּגעזעצט אַרום אירע ליפּן. זי האָט געפרעגט:

— ביסט בייז אויף מיר מיט דער מאַמי?... האָסט מיך שוין מער נישט ליב?

— ניין, מיין קינד! איך האָב דיך ליב, מער ווי מיין לעבן. און וואָס דו וועסט נאָר וועלן, וועל איך טון פאַר דיינעטוועגן. פּאַפּי וויל דיך זען אַ גליקלעכע...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך וויל, דו זאָלסט מיך לאָזן ליב האָבן דעם דערלייזער!

— מרימל, קינד מיינס, ליב אים און דין צו אים. האָב נישט מורא פאַר מיר!

— וועסט מיר געבן דיין ערנוואָרט, אַז וועסט מיר מער נישט שטערן?

ער האָט אַריינגענומען אירע הענטלעך אין זיין האַנט און אַריינגעקוקט טיף אין אירע בליקן.

— איך שווער דיר ביים לעבן פון מיינע קינדער, אַז קיינמאָל וועל איך דיר נישט שטערן צו ליבן דעם דערלייזער. איך שווער דיר און גיב דיר מיין ערנוואָרט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט שלעכטס טון דיין מאַמי. און איך בין נישט קיין מערדער און קיין פאַררעטער... איך שווער דיר, מרימל, אַז דער זיידע איז נישט קיין וואַנדערנדיקער ייִד, וואָס האָט אונדז געבראַכט שלעכטס, נאָר אַז ער איז אַ מענטש אַזאַ ווי דיין פּאַפּי...

אירע בליקן האָבן געציטערט, געמאָסטן און געוויגן יעדעס וואָרט זיינס... זי האָט געפילט, אַז דער טאַטע האָט געזאָגט דעם ריינעם אמת און זי האָט זיך אָנגערופן:

— פּאַפּי, וועסט מיך ליב האָבן ווי דו האָסט ליב מיינע קלענערע שוועסטערלעך?

— איך האָב דיך ליב נאָך מער ווי זיי, ווייל... ווייל... דו ביסט דאָך אַזאַ דערשראָקענע און ווייל דו הייסט נאָך מיין מאַמען...

די קליינע האָט געזיפצט ווי אַ געבונדענע, זיך איבערגעלייגט און באַלד ווידער געפרעגט:

— פּאַפּי, מעג איך זאָגן דעם דערלייזער אַ גוטע נאַכט?

— פאַר וואָס נישט? — ער האָט דערביי פאַרלעגן געשמייכלט.

זי האָט אָפּגעשלעפּט פון אונטערן קישן אַ קליין, שטיינערן יעזוסל, אים אַ קוש־געטון אין אָפּגעריבענעם פּנימל, זיך איבערגעצלמט, אַריינגערעדט אין זיין אָפּגעריבן נעזל: הייליקער דערלייזער, פון היינט אויף ווייטער וועל איך דיר מער נישט האַלטן אונטערן קישן. מיין פּאַפּי איז גוט צו אונדז. מיין פּאַפּי האָט מיך ליב.

זי האָט אויפגעהויבן די בליקן צום פאָטער און שטום געוואָרט, אַז אויך ער זאָל אַ קוש־טון דעם דערלייזער. נאַטאַליאַ האָט אַ קוש־געטון און זיך אָנגערופן:

— הייליקער יעזוס, איך שווער דיר, אַז איך האָב נישט געוואָלט שלעכטס טון מיין ווייב... איך שווער דיר, אַז קיינמאָל וועל איך נישט שטערן מיין קינד דיך ליב צו האָבן און דיר צו דינען. איך גיב דיר מיין וואָרט, הייליקער דערלייזער, אַז מיין קינד האָט זיך אומזיסט געשראָקן פאַרן זיידן... און אַז דער אַלטער האָט ליב מרימלען. ער האָט איבערהויפּט ליב אַלע קליינע קינדערלעך. ער איז אַ ייִד, אַזאַ ווי דו ביסט געווען...

מרים איז געוואָרן בלייך. שמייכל און פאַרוווּנדערונג האָבן זיך אויס־

געלייגט אַרום איר מויל. זי האָט פאַרוואָרפן די הענטלעך אַרום דעם טאַטנס האַלדז און אַריינגעזיפּצט אין זיך:

— פּאַפּי, ווי גליקלעך דו האָסט מיך געמאַכט! אַ דאַנק, פּאַפּי, אַ דאַנק!

— איצט, קינד מיינס, וועסטו שוין קענען שלאָפן רויק! — האָט ער געזאָגט און איר אַ קוש־געטון. זי האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער האָט ברייט געשמייכלט:

— גלייבסטו שוין, אַז פּאַפּי האָט דיך ליב?

מרים האָט אָפּגעזיפּצט און אַ ווייטיקלעכער שמייכל האָט אויפגעצי־טערט אַרום איר מויל:

— איך וויל, אַז זאָלסט ליב האָבן מאַמי אויך. פּאַפּי, טו דאָס פאַר מיר. איך האָב מורא צו זען, ווי איר זענט ברוגז...

זי האָט ווידער אַ קוש־געטון יעזוסלס אָפּגעריבן מיילעכל און גע־שעפּטשעט:

— הייליקער פאָטער, פון איצט אָן וויל איך, אַז דו זאָלסט ליב האָבן מיין פּאַפּי פּונקט ווי איך האָב דיך ליב...

נאַטאַליאַ האָט געשמייכלט. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין האַנט־זייגערל. ס'איז געווען איינס. האָט ער זי צוגעדעקט מיטן ליילעך, אַרויס־גענומען דאָס יעזוסל פון איר הענטל און אים אַוועקגעלייגט אונטער איר רעכטן אָרעם... די קליינע האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, צוגעטוליעט צו זיך דאָס געטשל און שטיל אָנגעהויבן צו שעפּטשען די באַנאַכטיקע תּפילה. אַ גליקזעליקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון איר אויסגעמאַטערט פּנימל און אַ טיפע דערלייכטערונג.

דער טאַטע האָט געהאַלטן אויף איר זיינע דאָקטערישע בליקן. ער האָט געזען אַז די טאָכטער געפינט זיך אויפן בעסטן וועג געראַטעוועט צו ווערן. זיין נאָכגעביקייט האָט געווירקט אויף איר געזונט־צושטאַנד און זי באַפרייט פון אַ דערדריקנדיקער פאַרפאָלגונגס־מאַניע.

דאַן האָט ער איר צאַרט געקושט אין שטערן און אין די מידע, האַלב געשלאָסענע אויגן.

די קליינע האָט שוין שלעפעריק געמורמלט:

— ווי גליקלעך בין איך, ווי גליקלעך!

נאַטאַליאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און איז געבליבן שטיין מיטן פּנים צום פענצטער. ער האָט צענומען די באַרייזלטע קלעטערפלאַנצן און האָט אויפגעהויבן די בליקן צום הימל. די לבנה האָט אַרומגעשפּאַנט ווי אַ רויט

שטיק פּייער צווישן בלוילעכע, שימערירנדיקע בריליאַנטן. רויטע שטיקער שיין האָבן זיך געשפּרייט אויף די ווענט און קליינע אָפּגעריסענע, רויטע פּלעקן זענען געפאַלן אויף זיין ווייסן כאַלאַט און אויף די ווייסע, איידעלע הענט. נאַטאַליאַ האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די רויטע פּלעקן זענען טראָפּנס פון זיין אייגן בלוט...

ער האָט אומגעדרייט זיינע אויגן צו די שלאָפנדיקע קינדער. די בליקן האָבן געבלאָנדזשעט פון איין בעטל צום אַנדערן. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען דעם ווייבס ווערטער:

— פּריִער וואָלט איך דערהרגעט מיין מאַן און שפּעטער מיך און די קינדער...

ער האָט ווידער דערפילט אַ קעלט איבערן לייב. ס'איז אים געקומען אויפן זין:

„מרימלען האָב איך שוין אַרויסגעראַטעוועט פון דער געפאַר. איִצט מוז איך אויך ראַטעווען מיינע צוויי קלענערע טעכטערלעך... מרימלען וועט די מאַמע בישט אומברענגען, ווייל זי גלייבט, די בהמה, אַז איך האָב מיין קינד פּיינט... אָבער די אַנדערע קינדער קען זי מיר יאָ אומברענגען, אויס נקמה צו מיין ייִדישן אָפּשטאַם און צוליב אייפערזוכט צום בילד, צו דער אָרעמער און אומשולדיקער יהודית. איך מוז די קינדער אַרויסנעמען פון שטוב און זיי אַוועקפירן ערגעץ; אַוועק פון דעם דאָזיקן ברענענדיקן בנין און אינגאַנצן איבערייסן מיט אַ קראַנק־געוואָרן לעבן"...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ער האָט אומגעדרייט דאָס פּנים צום קינד און עס פון ווייטנס געגלעט מיט די בליקן; באַנג און באַשטימונג האָט פון זיי אַרויסגעפינקלט. עפּעס אין אים האָט זיך אָנגעהויבן איינצוברעכן און די שטוב, דאָס ווייב, זענען געוואָרן אַלץ פרעמדער און ווייטער. אַ ברענענדיקער ווייטיק האָט געשניטן זיין אַנטוישט און באַליידיקט האַרץ.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל לעבן מרימלען און זיך גוט איינגעקוקט אין איר פּנים. טרערן האָבן געפינקלט אין זיינע אויגן און אויך ליבשאַפט צו איר. דאַן האָט ער אויסגעקושט אירע הענטלעך און דעם שטערן. זיך אויפגעהויבן, אַראָפּגעלאָזט דעם רולעט איבערן פענצ־טער און אויף די שפּיצן פון די פינגער זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער. איז שטיין געבליבן הינטער דער טיר, מורא האָבנדיק, אַז עפּעס שלעכטס וועט געשען מיט אים און מיט די קינדער.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

יהודית איז געזעסן צווישן די בלומען אין איר גאָרטן און געאַרבעט איבער די אויסנייעכצער. אַ מאָדנע אויפגערוימטקייט און דערוואַרטונג האָבן גערוט אויף איר פּנים. אין איר האָט אויפגעשיינט די האָפענונג, פּונקט ווי די גאָלדענע זון האָט אויפגעשיינט און צעשפּרייט אירע שטראַלן איבער דעם ווייס־בלויען געפלעכט פון איר צעבליטן בלומען־גאָרטן. זי האָט שוין געהאַט איבערגעקרענקט און אויסגעווייטיקט דעם צער צוליב דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש מיט נאַטאַליאַן און מיט זיין ווייב, דאָרטן ביי גינערן אויף דער בילדער־אויסשטעלונג.

ס'איז שוין געווען די ערשטע טעג פון זומער און יהודית האָט נאָך אַלץ קיין צייט נישט געהאַט אָפּצורוען זיך פון איר אַרבעט. זי איז זעלטן געפאָרן אין שטאָט אַריין און זינט דער אויסשטעלונג האָט זי זיך מער ניט באַגעגנט מיט נאַטאַליאַן און אויך נישט מיט גינערן. זי האָט אָבער געהאַט דאָס געפיל, אַז ביידע וועלן אין אַ שיינעם טאָג אומגעריכט אַריינפאַלן אין גאָרטן. זיי וועלן איר מאַכן אַ וויזיט.

דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען שטאַרקער פון איר ווילן און פאַר־שטאַנד. זי האָט אויך געוואַרט אויף בריוו פון פּופּיקן מיט זיין ווייב. ס'איז שוין פאַרביי עטלעכע וואָכן זינט זיי זענען צוריקגעפאָרן אין זייער היים אין אַ ווייטער פּראָווינץ־שטאָ.ט. יהודית האָט געבענקט נאָך זיי, ווייל זי האָט זיי ווירקלעך ליב באַקומען. זייער חרטה האָט דערוועקט אין איר אַ געפיל פון רחמנות. ווען זי האָט זיי געשריבן אַ בריוו, האָט זי אין אים אונ־טערגעשטראָכן איר אויפריכטיקע פריינטשאַפט און דערמאָנט די אַלע טובות, וואָס זיי האָבן איר געטון.

אין יענעם טאָג, אַזוי זיצנדיק צווישן די בלומען ביי דער אַרבעט, האָט עס אין איר גערודערט פון בענקשאַפט און פאַרלאַנגען, אַזאַ געמיש פון געפילן און שרעק האָבן געצאַפּלט אין איר האַרץ. אין די הענט איז אַרומגעלאָפן אַ ציטערניש, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אירע געפילן און וואָס האָט זי אָנגעפילט מיט אַ מאָדנער אומרויִקייט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און זיך אַרומגעקוקט. פון יעדן צעעפנטן קנאָספּ האָבן צו איר אַרויסגעפינקלט נאַטאַליאַס אויגן, פולע מיט בענקשאַפט נאָך איר. דאָס וויברירן פון ווינטל מיט די צערודערטע, צעצווייגטע בלומען, מיט זייערע לאַנגע שטענגלעך האָבן זי דערמאָנט אָן זיין שפּילן פידל פאַר אירעטוועגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין געדעכעניש האָט זיך באַזעצט אין איר לייב

און לעבן. האָט ביי איר צוגענומען די רו און דעם ווילן צו טראַכטן וועגן אַנדערע ענינים.

אָבער די דאָזיקע אומרו האָט איר פאַרשאַפט איבערמענטשלעכע פרייד. ס'איז איר נישט אָנגעגאַנגען, צי נאַטאַליאַ וועט יאָ צי נישט צוריק־קומען. איר איז גענוג געווען צו וויסן, אַז איר בילד הענגט ערגעץ אויף אַ וואַנט אין זיינעם אַ צימער. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זי ווידער געזונט גע־מאַכט און אַלע פאַרבאָרגענע ווייבערישע חנען האָבן זיך אויפסנײ אין איר צעבליט. געבליט און געשיינט פאַר זיינעטוועגן. זי איז געוואָרן לעבנסלוס־טיקער און אַ סך אַרבעטסזאַמער ווי פריער. די אַרבעט איז מער נישט גע־ווען ווי בלויז אַ מיטל צו פאַרטרייבן דעם אומעט און די איינזאַמקייט, נאָר אַן אָנשפּאַר, אַ נויטווענדיקייט, וואָס האָט איר פאַרשאַפט פרייד. זי האָט זיך טאַקע געפרייט מיט יעדער נייער דערגרייכונג און זיך באַמיט מיט אַלע אירע כּוחות צו ווערן אינערלעך ליכטיקער.

זי האָט פלייסיק געלערנט און זיך אויך אויסגעצייכנט. איר לערער איז געווען פון די קאַרדילערן־בערג, אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק און מיט אַ נשמה ווי פון אַ קינד. ער האָט זי מיטגעפילט. איר גורל האָט אים גע־רירט ביז טרערן. ער האָט מיטגעליטן מיט איר און זייער הויך געשעצט איר צוטרוי צו אים. פּונקט ווי זי האָט ער אויך מורא געהאַט פאַר די גרויסע שטעט און זיי פיינט געהאַט. אָבער געקומען אַהער איז ער צוליב אַן אייניקל, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, זיין פאַרשטאָרבענער טאָכ־טערס אַן אומגעזעצלעך קינד. דאָס אייניקל איז אויסגעוואַקסן שיין, שלאַנק און מיט בלאָנדע קוטשערן און בלויע, לעבעדיקע אויגן. זי האָט זיך פאַר־עקשנט און געוואָלט לערנען אין דער גרויסער שטאָט. האָט דער זיידע באַ־שלאָסן צו פאָרן מיט איר.

יהודית איז געווען די איינציקע פון זיינע דערוואַקסענע שילערנס, פאַר וועמען ער האָט זיך פאַרטרויט. זיינע פאַרדינסטן האָבן נישט גע־קלעקט אַפילו פאַר די באַשיידנסטע אויסגאַבן. ער מיטן אייניקל האָבן געוווינט אין אַ קליין האָטעל־צימערל אויפן העכסטן שטאָק, וווּ די לופט איז געווען שטיקנדיק. דאָס אייניקל האָט אים אָנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן אויף האַלבע נעכט. ער בעט זיך ביי איר דערקלערונגען וועגן איר צעלאָזנקייט, אָבער זי ענטפערט אים נישט און ווערט גאָר ברוגז. זי קען נישט בלייבן אין קליינעם, שטיקנדיקן צימערל. זי מוז האָבן פרישע לופט. שפּאַצירט זי אַרום מיט אירע חברטעס אין די שטאָטישע פּאַרקן, — האָט זי אים אַמאָל גלאַט אַזוי אַ זאָג־געטון.

האָט יהודית באַשלאָסן זיי צו געבן אַ צימער. זי האָט זיך שטאַרק גע־פרייט מיט איר אויפטו. זי האָט עס אויסגעפאַרבט און געפאַרבט דעם דיל,

די טירן און פענצטער. זי האָט דאָס אַלץ אַליין געטון, כדי צו פילן פרייד פון העלפן פאַרשענערן און גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס איז איר געוואָרן ווי אַן אייגענער.

זי האָט אַ סך געשפילט אויף דער האַרמאָשקע און אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די וועלט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן יאָמער־טאָל און אַז אין דעם דאָזיקן יאָמער־טאָל זענען אומגעקומען אַלע אירע ליבסטע און טייערע. זי האָט פון דעם אַלעם נישט געקאָנט טראַכטן. איר נשמה איז מער נישט פעיִק געווען צו טרויערן. זי האָט פאַרגעסן, אין וואָס אירע שכנים האָבן זי באַשולדיקט... פאַרגעסן דעם קאָמיסאַרס פלינקע אייגעלעך און דאָס בייזע איבערהזרן: „מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?...״ זי האָט אויך שוין פאַרגעסן קראָכמאַלס צודרינגלעכקייט און האָט פאַרטריבן פון זיך יעדן צווייפל אין די אייגענע כוחות. יהודית האָט זיך געפילט ריין און פריי ווי אַ טויב. אַ טויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון די וואָלקנס. קיינמאָל האָט זיך יהודית נישט געפילט אַזוי פריי, אַזוי רויִק און גאַנץ אין אירע געפילן... אַזוי זיכער, אַז נאַטאַליאַ שפּאַצירט ארום און טראַכט נאָר וועגן איר.

אין דעם איז גאָר אַריינגעקומען דער בריוטרעגער און איר צוגעוואָרפן צוויי בריוו, באַגלייט מיט אַ ניגונדל פון אַ טאַנגאָ, מיט וועלכן ער איז אַ פריילעכער און סווישטשנדיק ווידער אַרויס פון גאָרטן.

זי איז געווען גליקלעך און זיך געפילט באַרעכטיקט אין אירע געפילן פון דערוואַרטונג, ווייל זי האָט נאַטאַליאַן נישט פאַרביטן און איר לייב איז פון קיין שום אַנדערן מאַן נישט באַרירט געוואָרן.

אויך איז איר צוטרוי צו גינערן געוואָרן שטאַרקער. זי האָט זיך געפרייט מיט דער פריינטשאַפט זיינער, אַ פריינטשאַפט, וואָס וועט אייביק בלייבן צווישן זיי. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַ שיינער בלומען־גאָרטן.

אין אַ געהויבענער שטימונג האָט זי אָנגעהויבן לייענען:

„טייער יהודיתל: דיינע קורצע בריוועלעך זענען פול מיט איבערגעטריבענער פרייד און מיט אַזאַ גליק, אין וועלכן מיר גלויבן נישט. מיינסטו נישט, אַז אין דעם זוכסטו איבערצושרייען דיין עלנט און די אַנטוישונגען, וואָס האָבן דיך געמאַכט פאַר אויס מענטש?... פונוואַנען, וויל איך וויסן, האָט זיך צו דיר מיטאַמאָל גענומען אַזאַ לייכט געמיט?... איז דאָס נישט אַמאָל קיין חוזק איבער דיינע אייגענע שוואַכקייטן? איך גיב צו, אַז אַפילו דאָס אָפּחוזקן פון זיך אַליין איז שוין אויך אַ מדרגה און איך באַגריס דיך טאַקע דערפאַר.

„אויך איך בין געוואָרן אַ שטיק לץ. די וועלט מיט אירע דריידלעך

זעט מיר אויס צו זיין ווי אַ גרויסע מאַשין, וואָס איז פאַלש פאַרשרויפט און צעטרייסלט און ס׳איז נישטאָ קיין געניטער מעכאַניקער, וואָס זאָל זי קע־נען צורעכטמאַכן. איז וואָס וועל איך, אַ פשוטער מענטש, וועלן זיין קליגער און וויכטיקער ביי זיך ווי די מעכאַניקער פון דער וועלט־מאַשין?... לאַך איך פון מיין נאַרישן קאָפּ און איך זאָג דיר צו, אַז ווען דו זאָלסט אַהערקו־מען כאָטש אויף עטלעכע טעג, וואָלסטו דיך גוט אויסגערוט און איך וועל קיין איינציק וואָרט נישט דערמאָנען וועגן „דעם״...

„דאָ איז אַלץ צעבליט און די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט געזונט און מיט אַלערליי שמעקנדיקע ריחות. דו דאַרפסט נאָר קומען. דו קענסט דיך דאָ איינאָרדענען לויט דיין אייגענעם געשמאַק און לויט דיין ווילן. איך וואַרט אויף דיר.

אויף אייביק דיין קעשין״.

יהודית האָט אָפּגעזיפצט און זיך דערמאָנט ווי נאַריש און אומבאַ־האָלפן ער האָט אויסגעזען אין יענעם טאָג, ווען ער איז געווען אויסגעפוצט אין שוואַרצן חתונה־פראַק. זי האָט געקוקט אויפן בריוו און געטראַכט:

קעשין איז אַן אויבערמענטש. וואָס קומט אייגנטלעך פאַר אין זיין נשמה? ער מיינט זיכער, אַז קיין שום אַנדערע פרוי קען אים נישט אַזוי גוט ווי איך. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז ער דאָך פאָרט דורכאויס מענטש און נאַריש פאַרליבט.

אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט איז אויפגעגאַנגען אין איר; האָט זי זיך אויפגעהויבן, איז אַריין אין שטיבל און גלייך אָנגעשריבן אַן ענטפער:

„טייערער קעשין: מיט וואָס קאָן איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דיין גרוי־סער פריינטשאַפט? מיט וואָס האָב איך פאַרדינט ביי דיר אַזוי פיל פאַר־שטענדעניש? צי זעסטו דען נישט איין, אַז מער פון אַ האַלב לעבן האָסטו שוין פאַרלוירן? טאָ אויף וואָס האָפסטו נאָך?... צי מיינסטו טאַקע, אַז נאָר איך, דאָס שוואַכע שטיקל פרוי מיט די נאַרישע אויגן, וואָס קענען פאַר־שלינגען אַ וועלט, אַז נאָר איך וועל דיר אַמאָל קענען זיין דאָס, וואָס דיין דאָן־קיכאָטישער קאָפּ האָט אויסגעטראַכט?... ווייסטו דען נישט, אַז איך שטיי שוין מיט איין פוס אין „גן־עדן״... איי די אויגן קוקן, איז ווער איז אין דעם שולדיק?... איך מיין, אַז אין אַזאַ פּראַקטישער וועלט, אַ וועלט פון סאַמע חכמים, מעג זיך געפינען איין פרוי, וואָס מאַכט זיך נאַריש און שפּילט זיך אַ ביסל אין ראָמאַנטיק...

„פון מיר זאָלסטו גאָרנישט איבערטראַכטן. איך בין געזונט ווי תמיד. דאָס לערנען דערהייבט מיך. איך ווייס נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, אָבער איך האָב מיך גוט אויסגעלערנט צו זיין געדולדיק און מיט גלויבן צו וואַרטן אויף אַ שענערן מאָרגן. וואָס אייגנטלעך זעט זיך איצט

אַן דאָס לעבן פון אַן איינצעלנעם מענטשן? ס׳זענען דאָך אומגעקומען מיליאָנען אומשולדיקע, געזונטע לעבנס און צווישן זיי דאָס שענסטע און איידלסטע, וואָס אונדזער פאָלק האָט פאַרמאָגט. איז וואָס־זשע באַדאַרף איך זיך אַזוי שטאַרק צאַצקען מיט מיין ביסל ביינער? איז דען ווינציק, וואָס איך זע יעדן פרימאָרגן אַזאַ לויטערן הימל? איז דען ווינציק פרייד, ווען איך שטיי צווישן די בלומען־בייטן און איך הערש איבער זיי? ווען אַ שטענגעלע בויגט זיך אויס, גלייך איך עס ווידער אויס און — עס בליט ווייטער. ווען די ביימעלעך ווערן קראַנק און די אינזעקטן פרעסן די פרוכטן, הייל איך זיי אויס, פאַרטרייב די אינזעקטן און די פרוכטן וואַקסן ווייטער. און מיין נשמה וואַקסט־מיט פאַר פרייד.

„איך זאָג דיר, קעשין, אַז איך קוק היינט גאָר אַנדערש אויפן לעבן. איך בין ענדלעך אויסגעוואַקסן און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ווער ס׳האָט אויסדויער, דער קען זיך אויף אַלץ דערוואַרטן, דערוואַרטן אויף עפּעס אַזעלכעס, פון וועלכן מען האָט אַפילו נישט געהאַט די העזה צו חלומען... איך האָב דאָס געפיל, גלייך איך וואָלט אַרויסגעקראָכן פון אונ־טער ברענענדיקע חורבות און שטיי איצט אין מיטן פון דער וועלט, קוק אויף מיינע צעהרגעטע ביינער און — שמייכל. איך לאַך און פריי זיך, וואָס דווקא איך, „דאָס שטיקל״ מענטש, וועמענס נשמה ס׳שטייט אויף דער שפּיץ נאָז, אַז דווקא איך שטיי ווידער אויף מיינע אייגענע פיס און הייב שוין אָן צו פאַררייסן מיין נאַרישן קאָפּ, און אַזוי הויך, גלייך איך וואָלט בייגעקומען דעם טויט.

„וואָס גייט מיך אָן די קליינלעכקייט פון די מענטשן? וואָס גייט מיך אָן עמעצנס טראַכטענישן? איך לערן, לערן און דאָס איז אַלץ, אַלץ!

„קעשין, איך האָב דיר זייער אַ סך צו דערציילן... איך וועל גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פון דיר... דו מוזט וועגן אַלץ וויסן, ווייל כ׳האָב צו דיר אַ גרויסן צוטרוי. מיין לערער מיט זיין אייניקל וועלן זיך מאָרגן אַריינציִען אין קליינעם צימערל און איך וועל ביים אָנהויב פון די וואַקאַציעס קומען צו דיר מיט דיינע קרובים. איך בענק נאָך אייך אַלע!

„אויף דיר פאַרדריסט מיך שטאַרק, פאַרוואָס דו ביסט אַן איבערגע־וואַקסענער „בער״, אַן אייביק גלויביק און נאַריש יינגל. איך פאַרגין דיר נישט די גוטקייט, וואָס לעבט און געוועלטיקט אין דיר און אויך נישט דיין סטאַלישע געדולד. איך בין תמיד געווען צו דיר אַ „קאַלטער מערדער״ און דו ביסט געבליבן אַ דאַן־קיכאָט... דו זעסט מיך נאָך אַלץ אַ שענערע און איידעלערע ווי איך בין. פאַרוואָס, קעשין, זוכן מיר נאָר דאָס, וואָס מיר קענען נישט דערגרייכן און וואָס פאַרשאַפט אונדז צער? פאַרוואָס זענען מיר צו שוואַך זיך קעגנצושטעלן דעם דאָזיקן בלינדן און צעשטערערישן

כוח? אַ סך מאָל, ווען איך פֿיל, אַז איך ליג שוין אין די נעגל פֿון דעם דאָ־זיקן צעשטערערישן כוח, באַקום איך מיך אַליין פֿיינט. איך מיין אַ דאָ, אַלטער בחור און נאַריש קינד, אַז דו האָסט יאָרן־לאַנג געפֿלאַנצט אַ גאָרטן, וואָס האָט דיר געגעבן מער דערנער ווי בלומען... דיין איבערגעוואַקסענע גרויס ליגט תמיד אין די צעשטערערישע נעגל און דו פּרוּווסט דיך אַפֿילו נישט אַרויסרייסן פֿון זיי.

„אין מיר האָסטו אויף אייביק געשטאַרקט דעם גלויבן אין מענטש און אין דער שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון געפֿיל. ווען מען האָט מיך געזוונקען אין אַ ים פֿון שקר, בין איך אָפּגעקומען פֿאַר נישט באַגאַנגענער זינד און מיין האַרץ האָט שטיל געיאָמערט, האָב איך אַ סך געטראַכט פֿון דיינע אידעלע געפֿילן, און וועלכע איך האָב מיך אָנגעכאַפּט ווי אין אַ רעטונגס־גאַרטל. דו, קעשין, ביסט דער איינציקער, פֿאַר וועמען איך האָב אָפּשיי און איך וויל, אַז ביזן סוף פֿון מיינע טעג זאָל דיין אידעלע פֿריינטשאַפֿט צו מיר בלייבן אומפֿאַרענדערט...

„אין מינוטן פֿון עלנט, ווען די באַליידיקונג און די מענטשלעכע רשעות האָבן מיך געצויגן צו דער ערד, האָב איך מיך געטרייסט מיט דיין עקזיסטענץ, אַז דו ביסט דאָ! אַז דו קענסט מיין האַרץ און אַז דו ווייסט ווי אַ לייב צערייסן אַלע שוואַרצע בענדער אַרום מיר. קעשין, ווייסטו וואָס עס הייסט זיין פֿריי און נישט הפֿקר?... ווייסטו, אַז איך האָב מיך געראַנגלט קעגן יעדן שלעכטס? אַז מיין לעבן איז שווער און ביטער, ווייל איך וויל זיין דאָס, וואָס איך בין, און נישט דאָס, וואָס דער שקר און די געמיינקייט האָבן געוואָלט איך זאָל זיין? קעשין, ביזן לעצטן אָטעמצוג וועסטו זיין דער איינציקער מאַן, וועמען איך באַוווּנדער און שעץ.

„אַלעס איבעריקע וועל איך דיר דערציילן, ווען איך וועל זיין ביי דיר. גריס דאָרטן מיין טייערן דאָן פּופּיק מיט זיין ווייב.

„אויף אייביק דיין יהודית".

זי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו איינמאָל און נאָכאַמאָל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט נישט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס איז איר געלעגן אויפֿן האַרץ און וואָס זי האָט געפֿילט צו אים. ס'האָט איר פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס זי האָט אים נישט געשריבן וועגן בילד, וואָס נאַטאַליאַ האָט גע־קויפֿט. זי איז געווען זיכער, אַז טיף אין האַרצן האָט זי קעשינען געוואָלט אויסהיטן פֿון ערגערנישן.

יהודית האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם אַדרעס, צוגעקלעבט אַ מאַרקע און זיך גענומען איבערלייענען דעם בריוו פֿון דער פּופּיטשקע.

„אידיסל, טייערקייט!

„מיר קענען זיך גאָרנישט דערוואַרטן אויף אייך. מיין פינחסל איז דאָך אויס מענטש געוואָרן! ער זאָגט גאָר, אַז איך זאָל פאָרן אין שטאָט און אייך אַהערנעמען מיט געוואַלד. וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? אין גאַנצן אומגערעכט איז דער אַלטער מיינער אויך נישט. דאָ דאַטשעווען שוין די נגידישע וואַבעלעך. מען דאַטשעוועט און דאָס איז עס... אידעסל, מירביידע פאַרשטייען זיך אויפן ווונק און דאָס איז עס... הימל און ערד ציטערן דאָך. אַ חרפה און אַ בושה פאַר די גויים, און דאָס איז עס... שטעלט אייך נאָר פאָר, אַז אַ וואַבל פון צווייהונדערט קילאָ רוקט זיך אַריין אין אַ פּאָר שמאָלע רייטהייזלעך און זי קנאַקט אַראָפּ פון פערד, צעברעכט שיער דעם האַלדז און נאַקן און פאַרט ווייטער. נאָר איר, אידיסל, טייערקייט, וועט מיך פאַרשטיין און דאָס איז עס! ברענגט מיר מיט אַ פּאָר ביכלעך צום לייענען. דאָ לעבט מען דאָך נאָר ווי אין די וועלדער און דאָס איז עס.

„איך בין דאָ געוואָרן אַ פּרעזידענטעכע און ס'זאָל מיינע שונאים אַזוי גרינג אָנקומען דאָס לעבן ווי גרינג ס'איז צו זיין ביי ייִדן אַ פּרעזידענטעכע. מען האָט מיך שוין באַשולדיקט אין גניבה אויך און דאָס איז עס.

„מיין פנחסל האָט פון ווייטיק געהאַלטן אין איין וויינען און נישט געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן לענגער אין „סאָסיעדאַד". האָב איך אים געזאָגט, אַז מיינע שונאים להכעיס וועל איך יאָ בלייבן און דאָס איז עס. אויף דעם האָב איך געלערנט אין אַ רוסישער שקאָלע און אויף דעם לייען איך אַזויפיל ביכער און דאָס איז עס".

יהודית האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. ס'איז איר געקומען אויפן זין:

אָרעמע גיטל, די ווייבער וועלן פון איר מאַכן אַ וואַרניטשקע און זי וועט זיך קיין רעכענונג נישט געבן. נאָר אַ פּרעזידענטקע האָט איר געפעלט צו זיין...

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און אים נישט געוואָלט דורכלייענען ביזן סוף. דערפאַר האָט זי אויך אָפּגעלייגט דאָס שרייבן ענטפער... איר איז תמיד אָנגעקומען שווער צו שרייבן דער פּופּיטשקע. זי איז געגאַנגען אַוועקשיקן דעם בריוו צו קעשינען.

גייענדיק צוריק, איז זי אַוועק צאָלן דירה־געלט. אַריין אין קראָכמאַלס שרייבצימער. אַ טונקלהויטיק מיידל איז געזעסן אין אַ געבעטן שטול ביים שרייבטיש און געשריבן אויף אַ מאַשינקע. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו יהודיתן און געפרעגט:

— וואָס ווינטשט די סעניאָריטאַ?

יהודית האָט אויפגעמאַכט דאָס בייטעלע, אַרויסגענומען אַ הונדערטער און אים אַוועקגעלייגט אויפן שרייבטיש:

— איך האָב אייך געבראַכט דירה־געלט!

דאָס מיידל האָט אַ באַוועג־געטון מיטן קאָפּ:

— דער באַלעבאָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קבלה... איך ווייס נישט פון קיין שום דירה־געלט...

יהודית האָט געהאלטן אויף איר די ברייטע בליקן אירע און געפרעגט:

— ווען וועט קומען דער סעניאָר?

— איך ווייס נישט; ער וועט עס מעלדן אין אַ בריוו.

יהודית האָט אומצופרידן געקנייטשט דעם שטערן און ווידער גע־פרעגט:

— ווו איז אייער באַלעבאָס? ווען קען איך אים טרעפן?

דאָס מיידל האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע און מעשה געטרייער ביור־ראָ־מענטש אָפּגעענטפערט שטיל און באַזאָרגט:

— די סעניאָרא פון באַלעבעסל שוואַנגערט. נעכטן בין איך געבליבן מיט איר אַ גאַנצן טאָג... דער באַלעבעסל האָט זי מיט די קינדער אַוועק־געפירט קיין מאַר דעל פּלאַטאַ. ער איז אַ געטרייער מאַן.

יהודית האָט צוריקגענומען די הונדערט פעזעס, איר געדאַנקט און איז אַרויסגעגאַנגען. דער דינער האָט זי אַרויסבאַגלייט און פאַרשלאָסן דאָס טירל פון ברייטן טויער. אַלץ אין איר האָט גערודערט און געווייטיקט. זי האָט געטראַכט:

דער געוועזענער לערער אירער וואָלט אויך געקאָנט זיין אַן אויסגעצייכנטער אַרטיסט. אָרימער דאָן קראָכמעל! דאָס געלט האָט אים נאַריש געמאַכט! זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג האָט ער זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים נישט פאַרטרייבן, ווייל ער איז אומגליקלעך אין זיין פאַמיליען־לעבן.

יאָ, ער וואָלט געקאָנט זיין אַן אויסגעצייכנטער שוישפּילער, האָט יהודית געשמייכלט, ווי גוט ער קאָן אָפּנאַרן! סיי זיך אַליין און סיי זיינע נאָנטע.

ווען זי איז אַריין אין איר גאָרטן, איז איר גינער אַנטקעגנגעקומען פון צווישן די בלומען. ער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין די הענט און אונטערטאַנ־צנדיק גערופן:

— כודיט, כודיט!

זי איז געווען איבערראַשט פון זיין פּלוצימדיקן לאַנגדערוואַרטן וויזיט. עפּעס אין איר האָט זיך דער וועלט אַריין און געצאַפּלט אין דערוואַרטונג. גינער האָט אַרויסגעפילט איר אומגעדולד, ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז איר שוואַך האַרץ וועט נישט איבערטראָגן די פרייד, וואָס ער האָט איר מיטגעבראַכט. שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע אויגן און סודותפולקייט.

— ווייסטו וואָס איך האָב דאָ איבערגעלעבט? — האָט יהודית אויס־געשריען און זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס. — ווו איז דיין פריינטשאַפט צו מיר?

ער האָט זי דורכגעבויערט מיט דער באַגייסטערונג פון זיינע בליקן און כמעט קעגן אייגענעם ווילן אַ זאָג געטון:

— נאַטאַליאַ האָט פאַרלאָזט זיין פרוי!

— וואאאס? — האָבן אירע אברים אויפגעצאַפּלט און אַלץ אין איר איז געוואָרן ווי פאַרשיכורט.

כדי זי אויפצוטרייסלען פון איר פאַרגליווערטקייט, האָט ער לאַכנדיק צוגעגעבן:

— איך פאַר קיין ישראל שאַפן אַ בילד פון אונדזערע נייע מכבייער!

זי האָט אויפגעהויבן צו אים אַ דורכלויכטיק בלייך פּנים און שוואַך געמורמלט:

— זאָלסט מצליח זיין! געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט!

גינערס פּנים האָט זיך צעשיינט. איר פרייד האָט זיך אויך אויף אים איבערגעטראָגן. און כאָטש ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף נאַטאַליאַן, האָט ער אָבער צוגעגעבן:

— דאָס בילד האָט דערפירט צו זיין אנטלויפן פון איר!

ער האָט זי באַקוקט מיט אַ זייטיקן בליק און די באַגייסטערונג אין אים האָט געשיינט. סיי דער צעבליטער גאָרטן און סיי איר שיינער אויס־זען האָבן אין אים געוועקט אַ געפיל פון שטאָלץ, ווייל יהודית איז געווען ווי אַן אויסדערוויילטע צו בלייבן זיין פריינדן, זיין שוועסטער. ער האָט געבענקט נאָך איר קליין, אָרעם שטיבעלע, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל שיינע שעהן און אַזויפיל גענאָסן. ס׳האָט אים געפרייט, וואָס יהודית איז געווען די, וואָס האָט זיך געוויזן אין איר גאַנצער פרויען־ווירדע און נישט דערלאָזט צו קיין נאָנטקייט, וואָס וואָלט געווען אַ סוף געמאַכט צו זייער פריינטשאַפט און מיט דער צייט אויך צו זיינע וויזיטן צו איר.

אַזוי טראַכטנדיק וועגן די טעג פון שיינקייט, וואָס וועלן באַנייט ווערן צווישן זיי, ווען ער וועט צוריקקומען פון זיין רייזע, האָט ער זי אַרומגענו־מען פאַר דער טאַליע און אריינגעפירט אין שטיבל, צוטרוילעך, שטיל, ווי צוויי נאָנטע, וואָס קענען זיך שוין יאָרן און יאָרן און האָבן נישט קיין פאָראורטייל איינער קעגן אַנדערנס שוואַכקייטן. ער האָט איר דאַן דער־ציילט פון זיינע וויטערדיקע אַרבעטס־פּלענער.

ביידע זענען געזעסן אויפן זוים פון שמאָלן, אייזערנעם בעטל. ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, גערעדט און אַלע מאָל צוגעגעבן:

— דו, כודיט, האָסט מיך אָנגערעגט צו אַ ניי לעבן! ווי דאַנקבאַר בין איך דיר!

זי האָט געשוויגן. די איבערראַשונג האָט זי פאַרשטומט. זי האָט אַרויסגענומען פון קאָמאָד אַ פלעשל מיט היימישן ווישניק און צוויי גלעזלעך, זיי אָנגעפילט און אים געווונטשן:

— זאָלסט נאָר האָבן גרויס דערפאָלג!

ער האָט אויסגעליידיקט זיין גלעזל און איר אויסגעקושט די אויגן און דעם שטערן:

— כודיט, דו ביזט מיר טייערער און ליבער ווי אַ שוועסטער!

— ווען גייט־אָפּ די שיף? — האָט זי נאָך אַ לענגערן טראַכטן געפרעגט.

— אַרום 8 אַזייגער אין אָוונט! מוזט אומבאַדינגט קומען!

— גינער, דערצייל מיר נאָך עפּעס!... — האָט יהודית אָנגעשטעלט אויף אים אַ בעטנדיק פּנים. ער האָט געשמייכלט, אַלץ אין אים האָט מיט־געשמייכלט:

— נישט איצט, כודיט, איך מוז שוין גיין, איך מוז!

און ער איז אַרויס פון שטיבל.

זי האָט אים נאָכגעקוקט און פון איבערראַשונג אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך...

אָבער ערגעץ טיף אין איר האָט אַ מאָדנער אומרו, ווי אַ קליין שעדעלע, אויסגעלאַכט איר פרייד און פאַראויסגעזאָגט, אַז איר וועג הייבט זיך ערשט אָן, אַז ער איז לאַנג און שווער...

גינער איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג, אויפגעהויבן צו איר אַ האַנט און גערופן:

— כודיט, זאָלסט קומען, וועסט קיין חרטה נישט האָבן... ס'וואַרט אויף דיר אַ סיורפּריז...

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

פאַרנאַכט האָבן שכנים איינגעאָרדנט דעם ערשטן אָנדענק־טאָג נאָך זייער אומגעקומענעם שכן גומערסינדאָ. הינטער קראָכמעלס פאַבריק האָט זיך אויף אַ שטיל פּייער געבראָטן אַ גאַנץ קאַלב און אין בלעכענעם מיסט־קאַסטן מיט אייז זענען געלעגן פלעשער מיט וויין און ביר.

— פאַרן גוטן אָנדענק פון אונדזער ליבן חבר גומערסינדאָ! — האָט איינער פון די אַרבעטער אויפגעהויבן זיין גלאָז.

— אַן אָרימער, גוטער מענטש געווען, איי, איי!

— און אַ וויצלער! צום טיול, און אַ חכם!

— און זאָרגלאָז ווי אַ שטוביקער הונט!

— און אַ פריילעכער ווי אַ קלעזמער!

— און פריי ווי אַ פויגל!

כערטרודעס האָט אַריינגעגאָסן אין זיך דאָס לעצטע ביסל וויין פון דער פלאַש און אַ שטורע־געטון מיטן עלנבויגן איר שכנטע:

— און אַ ווייבערניק איז ער געווען נישט צום אָפּשאַצן! אָבער ער האָט גוט באַצאָלט פאַר זיינע גלוסטונגען! — האָט זי געגאַוועדט מיטן ברייטן, פאַרשמאַלצעוועטן מויל. — יאָ, ער איז געווען אַ זכר!

זי האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און ווייטער גערעדט:

— שווייג, מויל, איך וויל נישט רעדן! אַ שוואַרצער קוימען האָט אים געפירט צום טויט!

זי האָט אַ קוועטש־געטון מיטן אויגווינקל און זיך געקלאַפּט איבער די ליפּן.

— האַלט דעם פּיסק! מען טאָר נישט באַליידיקן קיין טויטן! גענוג טרויעריק איז אין געסל זינט ער איז נישטאָ! — האָבן זיך פויסטן גע־הויבן קעגן איר.

— סי, סעניאָר! אַזוי איז עס! קיין שטערבלעכער איז נישט ביי זיך אין די הענט. זיין שפּילן גיטאַרע איז ווערט געווען שטיקער גאָלד.

כערטרודעס האָט אַ קוק־געטון צו יהודיתעס גאָרטן, זיך אַ קלאַפּ־געטון איבער די פאַרשמאַלצענע ליפּן:

— שווייג מויל, איך וויל נישט רעדן!... אָבער צו דער גרינינקער האָט ער געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט...

— שווייג, דו בהמה! — האָט איינער אויפגעהויבן קעגן איר אַ פלאַש,

— די גרינינקע איז דעם באַלעבעסלס אַ פּאַיסאַנאַ!״

— כאַ, כאַ, כאַ! דיין באַלעבעסעלע האָט אַ קאָפּ אויף די אַקסלען און, ער וועט מיט אונדז קיינמאָל נישט ברוגז ווערן צוליב איר.

— נו גוט, — האָט כערטרודעס אַ קוועטש־געטון מיטן אויגווינקל און אויפגעהויבן אין דער לופטן אַ פולע פלאַש, — גומערסינדאַ האָט ליב געהאַט צו העלפן אַן אָרימען. זאָל ער רוען אין גן־עדן!

— אמן!

— אמן!

— אמן!

און זיי האָבן גענומען פּראַווען די סעודה.

כערטרודעס האָט זיך פּלוצים צעלאַכט:

— נישטאָ וואָס צו זיין בייז. „זי״ איז אויך נישט מער ווי אַ זינדיקע שטערבלעכע און גאָט האָט איר געגעבן אַן אבר, נישט אויף צו האַלטן אין אים קוילן...

דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער און געקוקט אויף איר מיט צושטימונג אין די פאַרשיכורטע אויגן. באַלד האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון אַ גיטאַרע און עמיצער פון עולם האָט געזונגען דאָס לידל, וואָס גו־מערסינדאָ האָט געהאַט אויסגעטראַכט פאַר מאַרטאָס וועגן. ווייבער האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט און דאָס קליינוואַרג פון די אַרומיקע געסלעך איז זיך צונויפגעלאָפן, זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם פייער און שטיל גע־רעדט צווישן זיך:

— דער יום־טוב ווערט געפּראַוועט פאַרן כבוד פון גומערסינדאָן.

— אָרימער, אָרימער! אַ שאָד אַזאַ גוטער מענטש!

— אָ, ער האָט אונדז אַ סך מאָל געגעבן געלט צו קויפן אייזקרעם.

— און מיר האָט ער געגעבן אַ פּעזע צום דרייען זיך אויפן קאַרוסעל.

— זיין נשמה זיצט אויף דער לבנה. טו אַ קוק, זעסט נישט זיין פּנים אויבן?

— ניין, זיין נשמה זיצט אין דעם גרויסן שטערן.

— אַוועק, דו ליגנער! אין גרויסן שטערן זיצט די נשמה פון דער אָרימער קוקי.

— ניין, נישט אמת! קוקיס נשמה זיצט אין אַ בלום, און ווען איר מאַמע וועט שטאַרבן, וועלן זיך ביידע נשמות פאַראייניקן.

— ס'אַ ליגנט! קוקי איז ברוגז מיט איר מאַמען... ווייל... ווייל... פרעג מיין מאַמען וועסטו הערן! — האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אין דעם האָט אַ יאַטל דערזען אַרויסקומען יהודיתן. זינט זי איז צוריקגעקומען פון אַרעסט, האָט זי קליינוואַרג אויסגעמיטן, אויפן פאַרבאָט פון זייערע מאַמעס. ער האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָרט, איר געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג און ווי תמיד ביי איר בעטן עטלעכע סענט פאַרן אָפּ־היטן דעם גאָרטן. כערטרודעס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים פּיסל און ער איז אומגעפאַלן.

— לויף נישט צו דער „הייליקער״!...

דער עולם אַרום איר איז געבליבן ערנסט. עס איז קענטיק געווען, אַז יהודיתעס גלייכגילטיקייט האָט ענדלעך געווירקט און זיי האָבן אויפגע־הערט צו רעדן פון איר. אין די אויגן פון אייניקע שכנים האָט זיך גאָר געמערקט אַ געוויסער אָפּשיי, אַן אָפּשיי פאַר איר אויסדויער און פאַרן שטעלן זיך צוריק אויף די פיס.

איינער האָט זיך אַפּעטיטלעך באַלעקט די ליפּן און שטיל אַ זאָג־געטון:

— די גרינינקע שמעקט ווי אַ צוויט־ביימל. זי איז אַ מענטש!

— דערפאַר גיט איר דאָס באַלעבעסעלע גענוג געלט...

— אַזאַ איינע, ווען זי האָט מער שכל, וואָלט זי געוווען אָנגעטון אין גאָלד...

— וואָס דען ווילט איר, אַז ער זאָל איר גאָרנישט געבן, ווען ער לעבט אין ווילטאָג און זי פאַרשאַפט אים אַזויפיל פאַרגעניגנס? ווו האָט זיך דאָס געהערט? קאַראַמבאַ!

כערטרודעס האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריקלעך־שיכורן כריפּען, ווי דער כריפּ פון אַ צערייצטן הונט, וואָס ווארגט זיך מיט אַ גרויסן ביין, זי האָט זיך אַ קלאַפּ־געטון אין שטערן און צוגעגעבן:

— אָבער דאָס צען־פּעזעדיקע חתונה־ביכל האָבן מיר און נישט זי...

— יהודית האָט דערקאָנט דאָס ווולגארע געלעכטערל פון איר שכנה. ס'איז איר אָבער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. איר נשמה, איר יעדער אבר האָט געשיינט און געזונגען: נאַטאַליאַ האָט פאַרלאָזט זיין פרוי!... פאַרלאָזט, פאַרלאָזט!..

זי איז געוווען אויסגעפּוצט אין אַ ווייס קלייד פון דינעם, טייערן שטאָף. אַרום דעם זוים פון קלייד און דער פּירעקיקער דעקאָלטע זענען געוווען אויסגענייט געלע און גרינע צווייגעלעך. דאָס מלבוש האָט זי זיך געמאַכט, ווען נאַטאַליאַ האָט איר געבראַכט דאָס כלה־פינגערל. ער האָט ליב געהאַט דאָס קליידל. זינט ער האָט זי פאַרלאָזט, האָט זי עס מער נישט געקאָנט אָנטון. אָבער אין יענעם טאָג, אין טאָג פון איר גרעסטן יום־טוב, האָט זי זיך ווידער אויסגעפּוצט פאַר זיינעטוועגן.

זי האָט אויסגעלייגט אירע גאָלדענע, שווערע צעפּ אַרום דעם הינטערשטן טייל פון קאָפּ און אַריינגעשטעקט אין זיי אַ ווייסע, לעבעדיקע בלום. די שכנים, וואָס זענען געזעסן ביים זוים פון טראָטואר, האָבן איר קנאהדיק נאָכגעקוקט און מער נישט געפונען קיין מוט צו רעדן עפּעס שלעכטס וועגן איר. אַ גרעניצלאָזע אייפערזוכט האָט געשרפעט אין זייערע אויגן.

יהודית איז אַוועק צום צווייטן ראָג גאַס און געוואַרט אויפן אָמניבוס. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט ערשט געבוירן געוואָרן און איר גליק איז געקומען אין דער וועלט צוזאַמען מיט איר. זי איז דערווייל אַריינגעגאַנגען צו ברונאָ דעם איטאַליענער אין קלייטל און געקויפט פאַר מאַרטאַס וועגן אַ פּעקל טריקענע פייגן, אַ קילאָ ניס און אַ קילאָ האָניק. זי האָט גיך באַצאָלט, גענומען דאָס פּעקעלע, וואָס ברונאָ האָט איינגע־

פּאַקט, און איז ווידער אַוועק צום ראַג. זי האָט געצאַפּלט פון אומגעדולד און פון אַ מאָדנעם שווערן געפיל. ברונאַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט פאַר־ליבטקייט און אַפּעטיטלעך באַלעקט זיינע גראָבע ליפּן.

יהודית האָט אים מער נישט געזען. דאָס קילע ווינטל האָט אַנגעווייט אויף איר מיטן געשמאַקן ריח פון נאַטאַליאַס מויל און פון זיין רייַן, געזונט לייב. אירע אברים זענען געוואָרן פילבאַרער צו אים און האָבן וויברירט ווי די סטרונעס פון אַ פידל, וואָס ווערט באַרירט פון אַ קינסטלער־האַנט. טויזנט בלויע פרילינגען האָבן זיך געריסן פון אירע בליקן און אַן איבער־מענטשלעכע ליבשאַפט און פאַרגעבונג צו די מענטשן.

זי האָט אָפּגעשטעלט דעם דערוואַרטן אָמניבוס, אַריין אינעווייניק, באַצאָלט פאַרן בילעט, זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. זי האָט אָבער גאָרנישט געזען און נאָר געהאַט דאָס גע־פיל, גלייך ווי נאַטאַליאַ זאָל זיצן אין איר האַרץ און רעדן:

— יהודיתל, איך בין עלנט; דו פעלסט מיר אויס און איך האָב דיך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו ליבן.

ביים פּאָרט איז דער אָמניבוס געבליבן שטיין און יהודית איז אויס־געשטיגן. זי האָט שוין דאָרט געטראָפן הונדערטער מענטשן, וואָס זענען געקומען אַרויסבאַגלייטן זייערע באַקאַנטע און פריינט. זי האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט און זיך ענדלעך דורכגעשלאָגן ביז צו דער גאַלעריע פון צאָל־אמט. דאָרטן האָבן זיך אַרומגעדרייט אייניקע מאַטראָזן און פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן קיינעם נישט צוגעלאָזט צו דיר שיף.

זי האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שווערן פּאַק מיט סחורה און אירע אויגן האָבן געלויערט אין אַלע זייטן. ענדלעך האָט זי ביים בריקל פון שיף דערזען גינערן מיט זיין ווייב און צוויי קינדער. די מיידעלעך זענען געווען אויסגעפּוצט אין ווייסע, דורכזיכטיקע קליידלעך מיט געקליבענע שליאַרקעלעך פון אויבן ביז אַראָפּ איז מיט ראָזעווע סטענגעס אין די שמאָ־לע צעפּעלעך. איסאבעל האָט געטראָגן אַ שוואַרץ געפּאַסט קלייד מיט אַ בלויען טורבאַנט אויפן קאָפּ. זי האָט אויסגעזען העכער און עלעגאַנטער.

אַ געפיל פון קנאה און פאַרשעמונג האָבן אויפגעטויכט אין יהודיתן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פּאַק און זיך געלאָזט גיין צוריק. גינער האָט זי אָבער באַמערקט און איז צו איר צוגעלאָפן, זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און לאַכנדיק פול מיט פרייד זי צוגעפירט צום ווייב:

— און אָט איז כודיט! — האָט ער באַגייסטערט אויסגערופן: — מיר וואַרטן דאָך אויף דיר! באַקאַנט אייך! — האָט ער זי פאַרגעשטעלט פאַר זיינע פאַרערערנס, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים — דאָס איז אַ קאָפּיע פון מיינעם אַ בילד!

די פרויען האָבן איר געדריקט די האַנט און זי באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ.

יהודית האָט זיך פאַררויטלט ווי אַ יונג מיידל פון אַ בחורס קאָמ־פּלימענטן. אַ פאַרשעמטער און ערנסטער שמייכל האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום די קאַרבן פון איר מויל און כדי פון זיך אָפּצוווענדן זייער אויפ־מערקזאַמקייט, האָט זי איבערגעטראָגן די בליקן צו גינערס מיידלעך. זייער גערעאַטנקייט אין אים האָט אין איר אַרויסגערופן באַוווּנדערונג און ס׳איז איר געקומען אויפן זינען: ווען נאַטאַליאַ זאָל זיין מיין מאַן, וואָלטן אויך אונדזערע קינדער געווען גערעאַטן אין אונדז...

און ווידער האָט זי אַרום זיך קיינעם נישט געזען נאָר נאַטאַליאַן, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון איר ווי אַ ווילד געוויקס, וואָס שפּאַרט אַרויס פון אַן ענגן בלומענטאָפּ. אַזוי האָט אויך זיין געדעכעניש אַרויסגעשפּאַרט פון איר און דאָס שוואכע האַרץ איז איר געוואָרן אַלץ אומרויִקער און באַטריבטער.

פּלוצים איז ווי אַ בת־קול פון הימל אַ פּאַל־געטון אויף איר זיין שטים:

— יהודית, יהודיתל!

דאַן האָט עס אין איר אויפגעציטערט. זי האָט געקוקט אויף גינערן מיט זיין ווייב און האָט אַרויסגעזען אַ מאָדנע מיטגעפיל אין זייערע כמעט פאַרטרערטע בליקן... דאַן האָט זי געזוכט מיט די אויגן צווישן הונדערט־קעפּיקן עולם. אויף יעדנס ליפּן האָט זי געזען ציטערן זיין שטים און אין אַלעמענס אויגן האָט זי געזען זיינע, אַזוי מאָדנע, זוכנדיקע אויגן און פולע מיט ליבשאַפט צו איר. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט באַוויזן פריער און נישט געקומען צו איר אַהיים, באַלד ווען ער איז אַוועק פון זיין ווייב. אַ פּלאָנטער פון געפילן און אַן אומרו ווי אַ בינטל שטעכלקעס האָבן זיך צעבונדן אין איר און איר אָפּגעסמט די מינוטן פון פרייד, וואָס גינערס אַוועקפאָרן קיין ישראל האָט איר פאַרשאַפט.

זי האָט אויף זיך געפילט די בליקן פון גינערס פריינט און פאַר־שטאַנען, אַז זיי האָבן שוין געוווּסט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט מיט נאַטאַ־ליאַן. און כדי זיך צו באַפרייען פון דער געדריקטער שטימונג, האָט זי גע־זוכט אָנצוקניפּן אַ שמועס מיט איסאַבעלן. זי איז איר געווען נענטער און מער צום האַרצן פון אַלע פרויען, וואָס זענען געקומען אַרויסבאַגלייטן גינערן. מיט אייניקע פון זיי האָט זי זיך שוין געהאַט באַקאַנט אויף דער אויסשטעלונג:

ווי איך האָב געהערט, באַגלייט איר גינערן ביז אורוגוויי, — האָט זי שטיל אויסגערופן.

איסאבעל האָט זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און אויף איר גע־קוקט מיט אַזוי פיל מיטגעפיל, אַז יהודיתן איז געוואָרן נאָך אומהיימלעכער און אַ שווערער פאַרגעפיל האָט אין איר אָנגעהויבן צו רודערן.

— יאָ, מיר פאָרן! — האָט איסאבעל מער אַרויסגעזיפצט ווי אַרויס־גערעדט און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — און איך, איך בין די גליק־לעכסטע פון אַלע פרויען. מיין גינער האָט זיך אויפגעהויבן אַ סך העכער ווי איך האָב דערוואַרט און די דאָזיקע רייזע וועט אים נאָך מער באַנייען. — האָט איר פּנים אויפגעלויכטן פון פרייד.

— יהודית האָט פאַרלעגן געשמייכלט:

— זענט איר נישט אייפערזיכטיק?

— ניין! — האָט זי גיך אָפּגעענטפערט און דערביי מילד געשמייכלט. — דאָס האַרץ פון אַ פרוי נאַרט זיך נישט. מיין מאַן איז דערוויילף פאַר־ליבט אין זיין אייגן ווייב.

יהודית האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

די שיפסקוימענס האָבן זיך צערעוועט. צווישן עולם איז געוואָרן אַ באַוועגונג. ווייסע טיכלעך ווי פלאַטערנדיקע טויבן האָבן זיך צעווייעט אין דער לופטן און אויך ווילדע, פריידיקע און טרויעריקע אויסרופן:

— אַדיאָס! אַדיאָס!

— צום ווידערזען! צום ווידערזען!

קולות האָבן זיך געטראָגן איבער יהודיתעס קאָפּ און געוועקט אין איר אַ מאָדנעם אומעט. גינער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פאַרערערנס. זיי האָבן אים דערלאַנגט ווייסע און בלויע בלומען־בוקעטלעך. דאָס ווייב מיט די קינדער זענען אַרויף אויפן דעק פון שיף. יהודיתן האָט גינער צוגעדריקט צו זיך, געקושט איר שטערן און אַריינגעקוקט אין אירע שיינע אויגן:

— כודיט, שוין פון שיף וועל איך דיר שרייבן! וועסט ענטפערן אויף מיינע בריוו?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער איז גיך אַרויפגעלאָפן אויפן שיף. ערשט דאַן האָט זיך יהודית דערפילט עלנט און ווי פאַרלוירן. זי האָט זיך אַוועקגעדרייט.

די שיפסקוימענס האָבן זיך ווידער און שטאַרקער צערעוועט, גע־שפיגן מיט דאַמף און מיט רויך. קולות האָבן זיך געטראָגן העט ווייט:

— אַרגענטינע! אַרגענטינע!

— ישראל! ישראל!

— ישראאאאעעעעל! — האָבן ייִדישע יונגעלייט און מיידלעך גע־רופן פון דער שיף. יונגווארג האָט אָנגעהויבן צו זינגען העברעיִשע, ייִדישע

און שפּאַנישע לידער. אַ יונג מיידל האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין און אירע חברות האָבן זי אַרומגענומען און זי שטיל געטרייסט:

— וויין נישט, חוהלע! דו וועסט אויך פאָרן קיין ישראל! צו אים וועסטו פאָרן, צו דיין חתן!

די גרופּע בעסאַראַבער האָט גאָר אָנגעהויבן צו זינגען מאַקס נאָרדויס אַ ליד און דער עולם האָט מיטגעזונגען. זיי זענען אַמאָל געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער היים.

וועד האָט דיך אין דיין וועג געגרייט?
ווער האָט דיך ביים אָפּפאָרן באַגלייט?
— נישט קיין פריינט האָט מיך באַגלייט,
נישט בייזן שכנס שטילע פרייד,
נישט צומאָל געליבטערס טרער,
האָט מיר געמאַכט דאָס פאָרן שווער;
נישט קיין ברכות, נישט קיין בלומען
האָב איך אויפן וועג מיטגענומען.
מיין מאַמע בלויז אין ווייסער הויב,
מיין שוועסטער נאָר, די שטילע טויב,
האָבן מיך באַגלייט אין טרויער פאַראיינס
און מיך געקושט און אויך געוויינט.

יהודיתן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט געטראַכט:

יענע מאַמעס אין דער אַלטער היים האָבן אויף אייביק פאַרלוירן זייערע קינדער, וואָס זענען געלאָפן אין דער וועלט אַריין, און אַ סך זע־נען צוליב פּאָליטישע סיבות אַנטלאָפן אין געהיים און זענען פון קיינעם נישט באַגלייט געוואָרן. אויך איך בין פון קיינעם נישט באַגלייט געוואָרן — האָט עס אין איר שטיל געוויינט און געוויטיקט און זי האָט זיך איבער־געטראָגן מיט איר גאַנצן לייב און לעבן צו יענע יונגע, יידישע וואָגלער און טרוימער, וועלכע זענען אומגעקומען אויפן מזבח פון זוכן דעם אמת און די גערעכטיקייט...

— כודיט, קומט צו מיר זונטיק אויף אַ גאַנצן טאָג! — האָט איסאַבעל אַראָפּגעשריען פון שיף.

יהודית האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ חלום און האָט אויפגעהויבן צו איר די אויגן. אָבער אָנשטאָט איסאַבעלן האָט זי גאָר דערזען נאַטאַליאַן. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים פאָרענטש פון שיף און אַראָפּגעקוקט צו איר. זי האָט אויפגעציטערט און פון איבעראַשונג נישט געקאָנט קומען

צו זיך. די פיס האָבן זיך קעגן איר ווילן אַ טראָג געטון צו דער שיף. אָבער צוויי מאַטראָזן האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג און געקוקט אויף איר מיט אומצוטרוי. זיי האָבן גראָד אָנגעהויבן אָפּצובינדן דאָס בריקל פון דער שיף און זיך צעלאַכט פון יהודיתס פאַרלוירנקייט. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און ווי תמעוואַטע געקוקט צו נאַטאַליאַן. ער האָט צו איר אַ געשריי־געטון:

— יהודיתל, צום ווידערזעהן!

אין דעם האָבן זיך די שיף־סערענעס צערעוועט און די קוימענס האָבן אָנגעהויבן צו שפּייען מיט שוואַרצע וואָלקנס רויך. דער שנאָבל פון שיף האָט אָנגעהויבן דורכשניידן די כוואַליעס. ביסלעכווייז האָט זיך די שיף דערווייטערט און דער ים־ברעג האָט זיך געוואַשן פון די שוימענ־דיקע כוואַליעס.

אויף יהודיתן האָט עס געשלאָגן מיט קילע ים־ריחות און מיט נאַ־טאַליאַס שטים: „צום ווידערזעהן!״.

ווען זי איז אַביסל צו זיך געקומען האָט זי פאַרשטאַנען, אַז נאַטאַליאַ איז אויך אַוועקגעפאָרן. אַ געפיל פון גרעניצלאָזן ווייטיק און באַליידיקונג האָבן איר געשניטן אין האַרץ.

זי האָט נאָכגעקוקט דער שיף און אַלץ אין איר האָט זיך געבראָכן און זי געצויגן צו דער ערד. דאָס באַליידיקטע פרויען־געפיל אין איר האָט ביטער געלאַכט און געחוזקט: אָט זעסטו שוין, אַז דו ביזט פון קינדווייז אָן געווען אַ דאָן קיכאָט! האָסט דיר איינגערעדט, אַז דו ביסט אַנדערש פון אַלע מיידלעך און דורכויס געוואָלט נעמען אַ נישט געוויינטלעכן מאַן. אָבער דאָס לעבן האָט דיך אויסגעלאַכט און אויסגעשפּיגן. נאַטאַליאַ פאָרט אַוועק. ער איז יונג און געלערנט. ער וועט חתונה האָבן מיט אַ צוואַנציקיעריק מיידל און דו וועסט בלייבן אָפּגענאַרט...

גינער האָט דיך געוואָלט באַזיצן: באַזיצן ווי אַלע לייכטזיניקע ווייַ־בער, וואָס זענען אים אַריינגעפאַלן אין די הענט. דו ביסט אַ דאָן קיכאָט! האָסטו אים געזען ערנסט?

יהודית האָט זיך נישט געוועדט קעגן די דאָזיקע געפילן, וואָס האָבן זי געשמיסן ווי מיט פייערדיקע ריטער. אירע בליקן האָבן געברענט איבער די ווייס־בלויע פענער, יידישע און אַרגענטינער, וועלכע האָבן שטאָלץ גע־פלאַטערט אויפן העכסטן שפּיץ פון דער שיף. און דער קאַלטער ים־ווינט האָט געלאַכט: גיי, כודיט, גיי אַהיים אין דיין איינזאַמקייט און היט אָפּ דעם גאָרטן... דו ביסט נישט מער ווי אַ נאַרישע פאַנטאַזיאָרקע.

ווי מיט אייזערנע געוויכטער האָט אַ קלאַפּ־געטון איבער איר קאָפּ דער

מאַמעס חוזק: „מיט וועמען, וויל איך וויסן, דענקסטו חתונה צו האָבן?... וויזעלע, פאַרשוין!״...

גרויער נעפל האָט זיך געשפרייט איבערן ים. יהודית האָט צונויפגענומען אין זיך דאָס לעצטע ביסל כוח און איז אַוועק פון דאָרטן.

אַ מאָדנע הפקרות צום אייגענעם בינטל ביינער האָט זיך אָפּגעזעצט אין איר און אַ שניידנדיקער ווייטיק. זי האָט זיך געפילט צעשטויבט און עלנטער ווי די טויטע..

אייניקע ים־אַרבעטער זענען איר באַלד נאָכגעגאַנגען און איר אַריינגעקוקט טיף אין די בליקן... נאָכדעם אָבער ווי זיי האָבן זיך פון איר אָפּגערוקט, האָט איינער אויסגערופן:

— גאָט זיצט און וויינט אין די וווּנדערלעכע אויגן פון דער דאָזיקער פרוי! — און ער האָט זיך איבערגעצלמט.

יהודית איז אַוועק ווייטער, זיך געלאָזט גיין איבער די שינעס פון אַ זייטיקער אייזנבאַן און שווער געאָטעמט... זי האָט געשלונגען די קילע לופט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון צעוויגטן ים.

און ווידער האָט זי איבערגעלעבט די שיידונג מיט נאַטאַליאַן. זי האָט זיך געזען בלאָנדזשען איינע אַליין איבער די באַלעבטע צענטער־גאַסן פון שטאָט און האָט אים אין איר קרענקלעכער פאַנטאַזיע ווידער געזען אין די אָרעמס פון אַ שיינער פרוי. אָבער דאַן איז זי געווען יינגער מיט גאַנצע צען יאָר און נאָך געהאַט מער גלויבן אין מענטשן און אין דער ליבע. זי איז אויך געווען אַ סך געזינטער און געהאָפט צו אַרבעטן און אַהערצוברענגען איר גאַנצע משפחה. אָבער אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען די שיף האָט אויף אייביק אַוועקגעפירט נאַטאַליאַן, דאַן האָט זיך אַלץ אין איר אויסגעלאָשן. נאָר ערגעץ טיף אין האַרצן האָט זיך דאָך געפּלעמלט אַ פייערל פון גלויבן סיי אין די אייגענע כוחות און סיי אין נאַטאַליאַס האַרץ...

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום טיפן, ווייסבלויען הימל און געבעטן צו אַ גאָט, אין וועמען זי האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו גלייבן:

— האָב רחמנות, גיב מיר כוחות איבערצוטראָגן די לעצטע און ביטערסטע אַנטוישונג.

זי האָט זיך געלאָזט צופוס אין צענטער. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער איינזאַמקייט און פאַרן עלנט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נאַטאַליאַ איז נאָר־וואָס אַנטלאָפן פון איר קליין שטיבעלע און געלאָזט הינטער זיך אַ שרעקלעכע פוסטקייט.

דאַן האָט זי דערפילט אין איר האַנט דאָס פּעקעלע מיט נאַשוואַרג,

וואָס זי האָט געקויפט פאַר מאַרטאַס וועגן און קוקיס חכמהדיקע אויגן האָבן אויף איר פאַרכמורעט געלויערט און געבעטן:

— גיי, כודיט, גיי צו מאַמי, מאַמי איז אַליין.

אַ געפיל פון רחמנות צו מאַרטאַן האָט זיך אין איר צעשר:עט. זי איז צוגעגאַנגען צום ראָג און אָפּגעשטעלט אַן אָמניבוס, אין וועלכן זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטערל. זי איז געווען ווי אַן אַרויסגעריסן, צעטרעטן בלימל. זי האָט מער נישט געטרויערט. אַן איבערמענטשלעכע בענקשאַפט האָט זיך פלוצים צעשר:עט אין איר, אַ בענקשאַפט, וואָס איז געווען שטאַרקער ווי דער טויט און פון אַלע ליבעס, וואָס שרייבער און פּאָעטן האָבן באַזונגען. זי אַליין האָט נישט געקאָנט באַשטימען, נאָך וועמען איר נשמה האָט אַזוי געשרפהעט און זיך געבראָכן ווי אונטער אַ שווערער לאַסט. אַלץ אין איר האָט געיאָמערט:

נאָך וואָס אַזוי פיל ליידן!... נאָך וואָס זיך נאַרן?... קוקין און גומערסינדאָן איז בעסער פון מיר. אויך מאַרטאַ וועט אויסצאַנקען ווי אַ ליכט, ווייל זי האָט קיין כוח נישט אָפּצוקומען נאָר איינמאָל... ווען אַ מענטש איז איבעריק געוואָרן ביי זיך אַליין, דאַרף ער כוח האָבן צו פאַרענדיקן מיט זיין נישטיק, נוצלאָז לעבן...

ניין, ווען אַ מענטש ליגט ביז איבערן האַלדז אין ים, דאַרף ער ווידער און ווידער פּרוּוון אַרויסרייסן זיך פון די נעגל פון טויט! — האָט זי דערהערט אין זיך אַ ווידערקול... דער טויט איז אייביק און וועסט אים נישט אַנטווערן! ער וועט סיי ווי קומען!

די מיטפאָרער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אומצוטרוי. זיי האָבן געמיינט, אַז יהודית איז גערירט פון זינען, ווייל זי האָט גערעדט מיט זיך אַליין. אַ יונג מיידל, וואָס איז געזעסן לעבן איר, האָט זיך אויפגעהויבן, איר צוגעוואָרפן אַן אומצוטרוילעכן בליק און אָפּגעשטעלט דעם אָמניבוס, כדי גיך אַראָפּצוגיין.

יהודית האָט נאָך געזען די שיף, גינערן מיטן ווייב, די קינדערלעך און — נאַטאַליאַן. זי האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אין ליכטיקן עס־זאַל, ווי זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן געמיטלעך. זי האָט געטראַכט:

האָט ער טאַקע קיין איין וואָרט נישט געהאַט פאַר מיינעטוועגן? טאָ פאַרוואָס האָבן זיינע אויגן אַזוי געשיינט, ווען ער האָט צו איר אַראָפּגעקוקט?

— דאָן קיכאָט! — האָט זי זיך דערמאָנט קעשינס קול, — זיין אַלטער דרימפּעטש וועט דיך נאָך יונגערהייט טרייבן אין קבר אַריין...

זי האָט דערפילט אַ מאָדנע ענגשאַפט אין ברוסטקאַסטן און געהאַט דאָס געפיל, גלייך אַלע אירע אָדערן וואָלטן אָנגעפולט געווען מיט געגלי־

ווערט בלוט. זי האָט נישט געקאָנט אָטעמען. און דאָך איז זי געבליבן גלייכגילטיק צו אירע יסורים.

זי האָט אָפּגעשטעלט דעם אָמניבוס און איז אויסגעשטיגן און צופוס זיך געלאָזט גיין צו מאַרטאַן. די אומרו האָט זי געטראָגן ווי דער ווינט טראָגט אַן אָראָפּגעריסן צווייגל. פאַרבייגייער האָבן איר נאָכגעקוקט. זי האָט קיינעם נישט געזען. אַלץ אין איר איז געווען צעבראָכן.

ווען זי איז צוגעקומען צו מאַרטאַס וווינונג, האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. זי האָט אַ קוועטש־געטון די טיר־קנאָפּקע און גערופן מיט אַ קרענקלעכער הייזעריקייט:

— מאַרטאַ, גיכער, גיכער!

מאַרטאַ איז אַרויסגעקומען, זיך געהוידעט אויף די שוואַכע פיס און אויסגעזען ווי אַ שוואַרצע, לעבנסלאָזע מאַסע אין איר אָפּגעטראָגענעם קוי־טיקן כאַלאַט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק, ווי זי וואָלט מורא גע־האָט פאַר עמעצן, און זיך צוגעוואַקלט צום טירל, אויפגעשלאָסן און אַריינ־געלאָזט יהודיתן.

יהודית איז אַריין אין מאַרטאַס שלאָפצימער און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. זי האָט דערשטיקט אין זיך די טרערן און דעם ווייטיק, כדי נישט צו פאַרשאַפן מאַרטאַן קיין צרות.

מאַרטאַ איז איר נאָכגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אויפן זוים פון בעט און געקוקט אויף איר. זי האָט זיך שוין צוגעווינט צו יהודיתעס וויזיטן און געוואַרט אויף איר.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען? — האָט מאַרטאַ נאָך אַ לענ־גערן, ברוגזן שווייגן איבערגעריסן די שטילקייט. — אויך דו, כודיט, הייבסט מיך אָן צו פאַרלאָזן.

יהודית האָט אַ קוק־געטון צום צאַנקנדיקן קנייטל פון לעמפּעלע מיט אייל אונטער דער פאַרשטויבטער און אָפּגעריבענער איקאָנע, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט־טישל און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. זי האָט געוווּסט, אַז מאַרטאַ איז גייסטיק צעבראָכן און אַליין און אַז סיי דער זון און סיי אירע שוועסטער און ברידער האָבן איר נישט פאַרגעבן די ליב־שאַפט צו גומערסינדאָן און באַשולדיקן זי נאָך אַלץ אין טויט פון איר מאַן און קינד. זי האָט אויך געוווּסט, אַז סוסי האָט זיך געפונען איר וועג. זינט זי, יהודית, האָט ווידער אָנגעהויבן צו קומען צו מאַרטאַן, איז יענע זוועק מיט אַ נייעם פריינט, אַן עלטערן, רייכן גוטבאַזיצער, און זי האָט זיך מער נישט געוויזן, אויס מורא, אַז די קראַנקע מאַרטאַ וועט איר נאָך שטערן אין לעבן.

מאַרטאַ האָט געהאַלטן אויף איר די האַלב־בלינדע אויגן און גערעדט מיט אַ קול ווי פון אַ שוואַך, עלנט קינד:

— כודיט, דו שיינסט איצט ווי אַ הייליקע! קומסט פון גאָטס הויז?

— יאָ, פון מיין אייגענער לוויה קום איך! — האָט יהודית ביטער געזיפצט און איצט דאַרף איך מיך זעצן שבעה נאָך מיין אייגענער נשמה.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט די אויגן געזוכט און גענישטערט פלעשער מיט משקה. זי איז געווען זיכער, אַז מאַרטאַ האָט נישט געהאַלטן איר צוזאָג און ווידער געטרונקען; אפשר נישט אַזוי פיל ווי פריער, ווייל זי האָט מסתמא מורא געהאַט, אַז זי, יהודית, וועט דערפאַר אויפֿ־הערן צו קומען. זי איז געווען זיכער, אַז מאַרטאַ וועט אויפהערן צו שיכורן נאָר דאַן, ווען זי וועט האָבן לעבן זיך אַ געטרייען מענטשן. און די איינ־ציקע, וואָס האָט געזאָרגט און געוואָלט, אַז מאַרטאַ זאָל ווידער קומען צו זיך, איז געווען יהודית. און וויפל מאָל זי איז געווען ביי מאַרטאַן האָט זי געבעטן מיט גוטן און מיט בייזן, אַז זי זאָל אָנהייבן קומען צו איר. מאַרטאַ אָבער האָט נישט נאָכגעגעבן.

אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען זי איז געקומען צו איר גלייך פון פאָרט, האָט יהודית נישט פאַרשטאַנען, ווו זי האָט גענומען כוח צוצופאָרן צו מאַרטאַן. זי האָט אַ קוק־געטון אויפן פעקעלע מיט נאַשוואַרג, וואָס זי האָט פריער אַוועקגעלייגט אויף אַ בענקל, און אַ טראַכט געטון: דאָס איז מיין לעצטע מתנה און מיין לעצטער וויזיט ביי מאַרטאַן... און כ׳דאַרף מיך איצט זעצן שבעה נאָך מיין אייגן לעבן, נאָך מיין נשמה, פון וועלכער ס׳איז געבליבן נישט מער ווי אַ באַרג אַש.

— פון וועמען טראַכסטו איצט? — האָט מאַרטאַ איבערגעריסן די שטילקייט און געגלעט יהודיתעס בלייכע הענט.

יהודית האָט אָנגעשטעלט אויף מאַרטאַן דאָס דורכלויכטיק בלייכע פנים, אַ באַהויכטס מיט אַ הייליקער שטומקייט. אַזוי פנימער האָבן גע־האָט יידישע טעכטער, ווען זיי האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייערע אידעאַלן.

מאַרטאַ האָט זיך אַבלדיק צעהוידעט און מיטן פינגער געפירט ביי זיך איבערן אַקסעל.

— טו אַ קוק, ווי עקלדיק מיין לייב איז געוואָרן! צי וואָס דאַרף איך נאָך לעבן?

יהודית האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מאַרטאַ איז געבליבן לעבן, ווייל זי איז פון דער נאַטור אַ געזונטע פרוי. אָבער אויב זי וועט ווידער בלייבן אַליין און ווען זי וועט אויפהערן צו שיכורן, וועט זי משוגע ווערן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און שווער אָפּגעאָטעמט. מאַרטאַ האָט זיך צעווײנט:

— שוין! דו גייסט שוין ווידער אַוועק! און איך בין ווי אַ פויגל אין אַ נעסט אָן פייגעלעך...

יהודית האָט אויף איר אַ זייטיקן קוק־געטון און געזאָגט מיט אַ שוואַך קול:

— אויב דו גייסט איצט נישט מיט מיר וועל איך מער נישט קומען.

זי האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ שוואַרצן, דינעם מאַנטל און אים צוגעוואָרפן צו מאַרטאַן!

— שוין זאָלסטו דיך אָנטון און מיטגיין!

— ניין! ניין! — האָט זיך מאַרטאַ געוועָרט און מיטן זוים פון באַלאַט אָפּגעווישט די טרערן פון פּנים. — פול מיט זינד איז גאָטס ערד און די מענטשן וועלן מיך אומברענגען...

יהודית האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די אברים און זי האָט מורא באַקומען, אַז זי וועט נאָך שטאַרבן אויפן וועג, ווען זי וועט פאָרן צוריק אַהיים. זי האָט זיך אָנגערופן:

— מאַרטאַ, איך בין נישט געזונט, איך פאַל פון די פיס!

— זאָג דאָס נישט, איינציקע פריינדין מיינע! — האָט מאַרטאַ אָנגעהויבן צו קלאָגן און פלוצים דערפילט אין זיך נייע כוחות. זי האָט אָפּירגענומען פון אונטערן בעט אַ פלעשל מיט אַלקאָהאָל און האָט גענומען איינרייבן יהודיתעס שלייפן און דעם האַלדז מיט די הענט. יהודיתן איז בעסער געוואָרן און זי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אויס דאנקבאַרקייט האָט זי אַרומגענומען מאַרטאַן און איר אויסגעקושט די האַלב־בלינדע אויגן. דאַן האָט זי אַ נעם־געטון פון בענקל דעם האַנט־בײטל און איז אַרויס פון צימער.

מאַרטאַ איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט אַריינגעווײנט אין דער באַנאַכטיקער שוואַרצקייט, געוואָיעט ווי אַן איינזאַמער הונט און גערופן יהודיתן:

— קום צוריק, קום צוריק!

ווען יהודית איז פאַרשוווּנדן פון געסל, איז מאַרטאַ צוריק אַריין צו זיך אין צימער. אַ מאָדנע שרעק האָט געברויזט אין איר און אַ געפיל, אַז מיט יהודיתן קען נאָך געשען אַן אומגליק. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ווינקל אַנטקעגן דער איקאָנע, זיך איבערגעצלמט און ווײנענדיק געבעטן: הייליקע מוטער, האָב רחמנות אויף דער אָרימער כודיט!

פון די גרויסע, אומעטיקע ווינקלען, פון צאַנקנדיקן לעמפּעלע לעבן דער איקאָנע, פון די צעווייטע צווייגעלעך הינטערן פענצטער און פון איר

אייגן לייב און לעבן האָט זיך געטראָגן יהודיתעס שטים: „מאַרטאַ, איך פאַל פון די פיס!‟.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט אַרום זיך, עפּעס געזוכט און אַליין נישט געוווּסט וואָס. אָבער אַלץ אין איר האָט אָנגעהויבן צוריקקומען צום לעבן, געשריִען און באַפוילן: לויף, לויף צו כּודיטן, איידער ס׳וועט ווערן צו שפּעט! לויף, לויף!

***

ווען יהודית איז צוגעקומען צו איר גאָרטן, האָט זי גלייך דערזען אַ בריוו, וואָס האָט געשטעקט צווישן די אייזערנע שטאַכעטן פון טירל. זי האָט אים אַרויסגענומען פון דאָרט, אים אויפגעריסן און איז אומניחהדיק אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. ליכטיק געמאַכט, האָט זי אַ קוק געטון אויפן קאָנווערט און דערקאָנט נאַטאַליאַס האַנטשריפט. אַלץ אין איר האָט אויפגעשוידערט. פון די אויגן האָט זיך געריסן אומגלויבן. זי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון קאָנווערט און אָנגעהויבן צו לייענען:

„יהודיתל, איך מיט מיינע צוויי קליינע טעכטערלעך האָבן אויף שטענדיק פאַרלאָזט אַרגענטינע. איך האָב לעצטנס אַ סך געליטן און אויב דיר איז ליב צו הערן פון מיר קענסטו שרייבן „פּאָסט-רעסטאַנט‟ קיין ירושלים.

„זיי געזונט!

„אויף אייביק דיין נאַטאַליאַ!‟.

יהודית האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די פּאָר שורות און נאָך יעדן מאָל איבערלייענען איז זי אינערלעך רויִקער געוואָרן און פריי פון די יסורים, וואָס האָבן זי פריער געוואָרפן פון די פיס. זי האָט דעם בריוו אַוועקגעלייגט צווישן די צוויגלעך פון אַ ביימל, אויפגעהאָנגען דעם האַנטבייטל און איז אַוועק טיפער אין גאָרטן. דאָרט האָט זי אויפגעדרייט דעם קראַן און זיך געוואַשן די הענט מיטן פּנים. נאָכדעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער צעפּאָרענער וויגשטול צווישן די בלומען און זיך אַרומגעקוקט.

אַ קאַלטער שוויס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר דורכלויכטיק, בלייך פּנים און אַ טיפע פאַרטראַכטקייט. זי האָט צום טויזנטסטן מאָל אין געדאַנק ביי זיך איבערגעלייענט נאַטאַליאַס בריוול און צום ערשטן מאָל באַנומען, אַז ער איז געווען און געבליבן אַ מענטש מיט אַ באַגרעניצטן כאַראַקטער און אַ קליינער נשמה. די דאָזיקע ביטערע דערפאַרונג האָבן זיך ווי הייסע פיילן אַריינגעשטאָכן אין איר האַרץ און פון איר געריסן שטיקער.

„ער האָט זיך געשראָקן פאַר מיין אָפּזאָג, — האָט יהודית געטראַכט.

— יאָ, ער האָט זיך געשראָקן, ווייל ער איז אַ פּחדן. אָבער אין אַ פאַרגיי־

טיקונג פאַר אירע ליידן און אין די אַלע יאָרן פון גלויבן האָט ער נישט געטראַכט. גלויבן, אַז ער וועט צוריקקומען? ניין! ער וועט נישט צוריק־קומען, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַר איר אויפשיינען ווי אַ בעל־תשובה, און נישט אַפילו מיט אַ שימער דערפון, כדי כאָטש טיילוויז צוריק גאַנץ צו מאַכן איר גלויבן אין אים, אַ גלויבן, וועלכן ער האָט פאַרשוועכט און צעבראָכן. און אפשר איז ער אַלץ אונטער דעם גוטן איינדרוק פון מיינע אומגליקלעכע געפילן צו אים? ער פאַרשטייט אָבער נישט, אַז ער האָט אַוועקגערויבט מיין פרייד און מיין יוגנט, און זיין אייגענע יוגנט, וואָס איך האָב געזונט געמאַכט, האָט ער אַוועקגעגעבן אַ צווייטער פרוי, וואָס האָט אים געבוירן דריי קינדערלעך. איז וואָס־זשע זאָל איך איצט צו אים לויפן? זיין נשמה און זיין פאַרגאַנגענהייט זענען געבליבן מיט דער מוטער פון זיינע קינדער".

זי האָט פאַרפלאָכטן די פינגער פון די הענט ביי זיך אויפן האַרצן און געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט פלוצים אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפן תהום און איר צעקרישלטער גוף גייט אָפּ אין בלוט. אָבער זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַרן ביטערן אמת, וואָס האָט זיך נאָך יאָרן פון קינדישן גלויבן און חלומען אַזוי גרויזאַם אַנטפּלעקט אין איר.

„ניין, ער איז קיינמאָל נישט געווען דער, נאָך וועמען איך האָב יאָרן לאַנג געבענקט, — האָט יהודית שטיל אין זיך אַריינגעזיפצט. — איך האָב נאָר געבענקט נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל קאָנען זיין אידעלער און דרייסטער פון די דורכשניטס־מענער. און אפשר האָב איך נאָר געבענקט נאָך מיין לעבן און נאָך מיין פרייד, וואָס איז פאַרבליבן אין אים? יאָ, איך בין אַ דאָן קיכאָט! איך האָב געוואַרט אויף אַזאַ איינעם, וואָס זאָל קאָנען אויס־היילן אַלע ווונדן פון מיין נשמה און נישט אויף דעם דאָזיקן קליינלעכן מענטש. מסתמא האָב איך, נאַרישער דאָן קיכאָט, אין מיין בענקשאַפט אויס־געטראַכט און אויסגעוואָרעמט אין מיר אַזעלכע אייגנשאַפטן פאַר זיינעט־וועגן! און ווען איך געפין באמת צוריק יענעם נאַטאַליאָן, וואָלט איך מיך זיכער צו אים אומגעקערט. אָבער דער מאַנספאַרשוין, וועלכער האָט מיר צוגעשיקט די עטלעכע טרוקענע שורות, ער איז מיר פרעמד געוואָרן. נאַטאַליאַ, מיין נאַטאַליאַ, פאַר וועמען איך האָב מקריב געווען מיין יוגנט און מיין גלויבן, ער איז טויט, ער איז פאַר מיר געשטאָרבן! געשטאָרבן אינאיינעם מיט מיין פרייד און מיט מיין גלויבן אין אים"...

„אויך די אַלטע גלויביקע יהודית איז מער נישטאָ! איר האַרץ איז פאַרברענט און פאַר אים אויף אייביק פאַרשטומט!...".

זי איז נאָך לאַנג געזעסן און קיין כוח נישט געהאַט אויפצושטיין. שפּעטער האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום טירל. ווידער

גענומען דעם בריוו פון צווישן די צווייגן און אים ביים ליכט פון עלעק־טרישן לעמפּל נאָכאמאָל און ווידעראמאָל איבערגעלייענט און עס האָט זיך איר אַלץ נישט געוואָלט גלויבן אין דעם וואָס זי האָט מיט עטלעכע מינוטן צוריק געהאַט איבערגעלייענט. און ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז די דאָזיקע עטלעכע טרוקענע ווערטער האָבן געחתמעט אַ טויט־אור־טייל אויף אירע געפילן צו אים, געפילן, וועלכע האָבן אין דער אמתן קיינמאָל נישט עקזיסטירט, האָט זי דאָס בריוול צעפליקט און די קליינע שטיקלעך פּאַפּיר אַריבערגעוואָרפן איבערן צוים אין געסל אַריין און זיך צוגעקוקט, ווי דאָס קילע ווינטעלע האָט זיי פאַרטראָגן און צעווייעט אין פאַרשידענע עקן.

ווען דאָס ווינטל איז שטילער געוואָרן און זי האָט מער נישט געזען קיין זכר פון צעפליקטן בריוול, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט אַ מוראדיקע ליידיקייט אין האַרצן און אַ שטאַרקן באַגער זיך אָפּצוּרוען. איז זי אַריינ־געגאַנגען אין שטיבל, געמאַכט ליכטיק, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט נאַ־טאַליאַס צעבראָכענע פידל און נישט טראַכטנדיק קיין סך זי אַרויסגעוואָרפן דורכן אָפענעם פענצטערל. זי האָט געהערט דעם קלאַנג פון טריקענעם האָלץ, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שטיין און זיך צעפאַלן אויף שטיקער.

זי האָט פאַרפלאָכטן די פינגער ביי זיך אויפן האַרץ און זיך אבלדיק צעהוידעט אַהין און צוריק. שוין! אַלץ האָט זיך געענדיקט! שוין! ס׳איז גאָרנישט געווען! ס׳איז גאָרנישט געבליבן! גאָר נישט! מיינע שיינע חלומות און מיין גוטער גלויבן זענען אַוועק מיטן ווינט און מיטן וואַסער! שוין! אַלץ איז נישט מער ווי אַ שיינער חלום!

ווי אַן אונטערגעבראָכענער צווייג האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און אַ פאַרזונקענע אין אירע געדאַנקען זיך אַלץ נאָך אבלדיק געהוידעט אַהין און אַהער און געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט געזעסן שבעה נאָך אירע פאַרלוירענע יאָרן און נאָך איר פאַרשפּילט לעבן, וואָס זי אַליין האָט אָפּגענאַרט. די צווייגעלעך פון פּאַלמען־ביימל הינטערן אָפענעם פענצטער האָבן צעפלאַ־טערט דאָס פאַרהענגל, געבלאָזן, ווי זיי וואָלטן געפרוווט זי אַרויסרייסן פון איר עלנט, וואָס האָט זיך ווי אַ שווערע מצבה אַוועקגעלייגט אויף איר געמיט.

אַ שאַרפער, שניידנדיקער ווייטיק האָט זיך ווי אויפגעריסן אין איר ברוסט, גלייך עס וואָלט איר ווער אַריינגעשטאָכן אַ מעסער. אַפילו אין יענעם טאָג, ווען נאַטאַליאַ איז פון איר אַוועק, האָט זי אַזאַ שאַרפן ווייטיק נישט געפילט ווי איצט, כאָטש דעמאָלט איז זי אַוועקגעפאַלן אין מיטן גאַס

און מענטשן האָבן זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, אַ קוק געטון אין שפּיגל פון דער שאַפע און זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר דער גרינקייט און בלייכקייט, וואָס האָט זיך געהאַמערט אויף איר איינגעשרומפּן פּנים. זי האָט זיך געפּרוווט אויפהייבן, אָבער זי האָט זיך געפילט שוואַך ווי נאָך אַ לאַנגער, שווערער קרענק. די לעצטע שוואַכע כוחות האָבן זיך געבראָכן אין איר אינאיינעם מיט די פאַרשעמטע, אָפּגע־נאַרטע האָפענונגען... אַרום איר איז געווען אַזוי פּוסט און אויסגעהוילט, גלייך ס׳וואָלט איר נאָר וואָס געווען אָפּגעשטאָרבן אַ טייער וועזן.

אין איר האַרץ און אין אַלע דערשלאָגענע אבֿרים האָט עס מיט אַמאָל אַ ברי־געטון און באַלד האָט זי נאָכאַמאָל דערפילט אַ לאַנגן שניט און צוויי רויטע פּאַסיקלעך וואָרעם בלוט האָבן זיך דורכגעריסן פון די ווינקלען פון איר פאַרשלאָסן מויל. שרעק האָט אויפגעצאַפּלט אין אירע אויפגעריסענע אויגן און אַ שטום געבעט. זי האָט אַ צעפּיר־געטון פאַר זיך מיט די שמאָלע, ציטערנדיקע הענט ווי אַ טרינקנדיקער, וואָס זוכט זיך אָן עפּעס אָנצוכאַפּן. דאַן האָט זי זיך, אַ פאַרמאַטערטע, אַנידערגעלייגט אויפן בעטל מיטן פּנים צו דער וואַנט. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געדרייט שוואַרצע און רויטע רעדער מיט פּונקען און קוקיס אויגן האָבן פון דאָרט אַרויסגעלויערט און גערעדט: מומעלע, איך האָב דיך ליב, און ווען דו וועסט שטאַרבן, וועל איך בעטן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מוטערל, אַז זיי זאָלן דיך ברענגען צו מיר.

יהודית האָט מיט די פינגער אָפּגעווישט די שטראָמלעך בלוט און די אָנגערוקטע פינצטערניש פון די אויגן. באַלד האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט פאַר זיך און מיט די לעצטע צונויפגענומענע כוחות זיך אויפגעהויבן און אַ וואַקלענדיקע ווי אַ שיכור, וואָס ווערט געפירט פון אינסטינקט, זיך אַרויסגעשאַרט פון שטיבל. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו אַ ביימל און געשלונגען די קילע, שמעקנדיקע גאָרטן־לופט.

דאָס קילע ווינטל האָט מחיהדיק געטריקנט דעם קאַלטן שווייס פון איר פּנים. ביסלעכווייז איז זי צו זיך געקומען פון דער פאַרחלשטקייט און געפּרוווט ווידער אין זיך צונויפנעמען אַלע צעבראָכענע כוחות. ווי אַ נאַכט־וואַנדלערן האָט זי אָנגעהויבן זיך צושאַרן צום דרויסנדיקן טירל. אירע פיס זענען אָבער געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער און זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

אין דעם מאָמענט איז מאַרטאַ געקומען צו לויפן, צעפּראַלט דאָס טירל און איידער יהודית האָט זיך אַנידערגעזעצט איז זי, ווי אַן אונטערגעשני־טענער בוים, אַריינגעפאַלן אין מאַרטאַס אָרעמס.

ווען יהודית האָט שפּעטער אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זי זיך אַרומ־

געקוקט ווי אין אַ פרעמדער שטוב. צעמישונג האָט זיך געריסן פון זיי און גרענעצלאָזע שרעק. זי האָט נישט געוווסט, וואָס עס האָט זיך פריער מיט איר געטון און ווער עס האָט זי אויסגעטון און אַוועקגעלייגט אויף איר בעטל. ווען זי האָט אויפגעהויבן די בליקן צום פענצטערל, האָט זי דאָרט דערזען מאַרטאַן, אַן איינגעוויקלטע אין אירע אַלטע, שוואַרצע מל־בושים און אין איר פינצטערן שווייגן. זי האָט זיך געגעבן רעכענונג, אַז מאַרטאַ האָט דאָך נישט געקאָנט ביישטיין דעם שווערן פאַרגעפּיל, וועל־כער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז איר איינציקע פריינדן דאַרף זיך געפינען אין גרויס געפאַר און אַז זי מוז לויפן און איר העלפן.

אַ קוואַל פון גרויסער ליבשאַפט צו מאַרטאַן האָט זיך אין איר צע־עפנט אינאיינעם מיטן באַגער צום לעבן. דאָס שטיבל און איר צעבליטער בלומען־גאָרטן זענען איר מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי ליב און נאָענט, ווי עס וואָלט גאָר אין לעבן קיין גרעסער גליק און פרייד נישט געווען. דאַן האָט זי דערפילט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אַלע אירע פריינט, אַפילו נאָך די, וועלכע האָבן זי אין די טעג, ווען זי האָט געליטן, פאַרלאָזט און ניט גע־וואָלט וויסן פון איר. אָבער מער פון אַלעמען איז מאַרטאַ איר טייער גע־וואָרן. און כאָטש זי האָט זיך געפילט אינגאַנצן צעבראָכן, האָט זי אָנגע־הויבן גלויבן, אַז אויך דאָס מאָל וועלן אירע כוחות געשטאַרקט ווערן. זי וועט אָנהייבן פון דאָסניי צו לעבן און וועט מאַרטאַן אַרויסרייסן פון איר פינצטערן שווייגן און דעם גרויזאַמען עלנט.

יהודית האָט געפּרוווט אויפהייבן צו איר אַ האַנט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט. דאַן האָט זי שטיל, ווי אַ שוואַך, אויסגעהונגערט קינד, אָנגערופן איר נאָמען. אָבער מאַרטאַ איז געבליבן שטיין באַוועגלאָז, ווי זי וואָלט געווען פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ ווייטער, פרעמדער וועלט.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ווען מאַרטאַ האָט אויפגעהויבן יהו־דיתן און שפּעטער ווי אַ געניטע קראַנקנשוועסטער איר געגעבן די ערשטע הילף און איר אַפילו צוגעלייגט אַ פענכער מיט אייז צום ברוסטקאַסטן, זענען אַלע חושים פאַרטון געוואָרן מיט דער קראַנקער. זי האָט פון טיפן האַרצן געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט זיך געלאָזט באַווירקן פון שווערן פאַר־געפיל, אַז יהודית איז פון איר אַוועקגעגאַנגען אַ קראַנקע און אַז אויב זי וועט נישט לויפן צו איר באַצייטנס, קען נאָך אַמאָל ווערן צו שפּעט און זי, מאַרטאַ, וועט באַקומען נאָך אַ פלעק אויפן צעיאָטערטן געוויסן.

די דאָזיקע מורא האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט איר שרעקן זיך פאַר דעם אָרט, וווּ אירע טייערסטע זענען געשטאָרבן, און אויך די מורא פאַר די בייזוויליקע שכנים. ווען אָבער יהודית איז צו זיך געקומען, האָט עס אין איר אויפגערודערט מיט אַ נייעם צער, און אַ בלינדער, בייזער כוח האָט זי

קעגן איר אייגענעם ווילן אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים אין אָפענעם פענצ־טערל. אירע האַלב־בלינדע אויגן האָבן ווי קנויטן פון חלב־ליכט געטריפט מיט טייכן טרערן און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון צימער. זי האָט זיך ווידער געזען אַן אויסגעפּוצטע אין נייעם, בלויען קלייד מיט די קורצינקע אַרבעלעך, מיטן ווייסן, שטייפן קעלנערל אַרום דער טיפער דעקאָלטע און דעם בלויען, פאַרשייטן באַנטיקל אין דער הויך פאַרקעמטער פריזור, ווי זי שטייט אַזוי דאָרטן ביים טישל, הינטער די קלעטערפלאַנצן און טיילט־אויס דאָס עסן דעם מאַן און דער טאָכטער. די קליינע האַלט די הענטלעך אַרום זיין האַלדז און פּיעשטשעט זיך און איז גליקלעך: „פּאַפּוסי זיסער, די גראָבע וואַנצעס האָבן געזאָגט, אַז דו ווערסט מער נישט קומען צוריק און איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט יאָ קומען".

און אָט זעט זי, ווי גומערסינדאַ האָט זיך אַריינגעשאַרט אין גאָרטן, אַזאַ ליכטיקער און זיכערער אין זיך, און ער קוקט אויף איר מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, אַז דאָס האַרץ נעמט שפּרינגען פון דער ברוסט אַרויס און אַ וואַרעמע, זיסע ליבקייט כוואַליעט אויף אין איר בלוט.

שטייענדיק אַזוי ביים אָפענעם פענצטערל, האָט זי גאָר פאַרגעסן, צוליב וואָס זי איז אַהערגעקומען. אַלץ איז איר ווידער געוואָרן אַזוי היי־מיש און נאָענט. האָט זי מיט אַלע אירע חושים אַראָפּגענידערט אַלץ טי־פער און עקשנותדיקער צו איר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און זיך מער נישט געוואָלט אומקערן אַהיים, ווו עס איז נישטאָ קיין זכר פון אירע טייערסטע. און פון די טונקעלע שאָטנס אין גאָרטן, פון יעדן שאָרך פון די צווייגן, האָט גומערסינדאַ צו איר גערעדט און זי געטרייסט:

„נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, זיס הערצעלע מיינס. יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל און זיין שטערן"...

יהודית איז געלעגן אינגאַנצן וואַך און ביים פּולסטן פאַרשטאַנד. אירע חושים זענען אַרומגעקראָכן אין מאַרטאַס מוח און האַרצן און זי האָט אויס־געפונען, וועגן וואָס מאַרטאַ האָט געטראַכט און געליטן. דאַן זענען בייע כוחות אויפגעגאַנגען אין איר, כוחות ווי היישעריקן, וואָס באַפאַלן אַ בליענ־דיקן בוים. אַ שטאַרק געפיל האָט זיך אין איר צעברענט, אַ געפיל פון גע־טריישאַפט צו דער איינזאַמער פרוי, וואָס האָט איר צוגעגעבן מער גלויבן אין אירע כוחות. האָט זי פאַוואָלינקע אויפגעהויבן אַ האַנט און ווען די האַנט איז נישט צוריקגעפאַלן קיין מאָכטלאָזע, האָט עס אין איר געיובלט פון פרייד און זי האָט געפּרוווט אויפהויבן די אַנדערע האַנט און מיט אַ ווילן ווי זי וואָלט באַדאַרפט מאַרטאַן אַרויסצי:ען פון אַ טיפן זומפּ, האָט זי אָנגענומען אירע אַראָפּגעלאָזטע הענט און זי געצויגן צו זיך.

מאַרטאַ האָט געקוקט אויף איר מיט צעמישטע בליקן, ווי זי וואָלט

נאָך אַלץ נישט באַנומען אין וואָס פאַר אַ וועלט זי געפינט זיך. באַלד אָבער איז זי צוגעפאַלן צו יהודיתן, זיך געקלאַמערט אָן איר ווי אַ טרינקענדיקע אָן אַ רעטונגס־גאַרטל און געיאָמערט אויפן הויכן קול:

— כודיט, מיין קינד, איינציקע מיינע! דו ביסט נאָר וואָס אופגעשטאַנען פון טויט! כודיט, כודיט!

זי האָט פון זיך אַרויסגעשטורעמט איר גאַנצן פריידיקן יאָמער. נאָך דעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פרום, באַהאַרצט תפילה געטון און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט יהודיתן צוריקגעבראַכט צו לעבן און הייס געבעטן, אַז ער זאָל זיי ווייטער נישט פאַרלאָזן.

ווען זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, האָט עס פון איר געווייעט מיט שטילקייט און מיט בושה. ביידע פרויען האָבן זיך שטיל אָנגעקוקט און אין זייער שטומקייט איז געלעגן אַ שבועה און צוזאָג זיך מער נישט צו צעשיידן.

דאַן האָט זיך מאַרטאַ צוגעבויגן צו יהודיתן און מיט געטרייקייט אין קול געפרעגט:

— זאָל איך גיין אַרויסרופן די גיכע הילף?

יהודית האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל איר געוויזן אויפן האַנט־בייטל, ווו ס׳האָט זיך געפונען די וויזיט־קאַרטע פון איר דאָקטאָר. האָט מאַרטאַ אויפגעמאַכט דעם האַנט־בייטל, אַרויסגענומען די וויזיט־קאַרטע און איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון צימערל. זי איז גיך פאַרבייגעלאָפן דאָס צימער, ווו זי האָט פריִער געוווינט, אַזוי אימהדיק און אויף די שפּיצן פון די פינגער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר עמעצן, וואָס לויערט און וואַרט אויף איר נקמה צו נעמען פאַר די באַגאַנגענע זינד.

די קורצע פּיס האָבן זי ווי מעכאַניש אָוועקגעפירט אין קלייטל צו ברונאָ דעם איטאַליענער. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן דעם איינציקן, אייזענעם שטאָר איבערן פענצטער, ווען ער האָט זי דערזען אַריינקומען און צולויפן צום טעלעפאָן. ער האָט זיך דערשראָקן און געהאַט דאָס געפיל, גלייך עס וואָלט זיך ביי אים פלוצים באַוויזן אַ שוואַרץ געשפענסט, וועגן וועלכן ער האָט נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן געהערט רעדן. זיינע גרויסע, גוטע אויגן האָבן זיך ווי איבערגעדרייט אין די אויגנלעכער און שטיקער פחד האָבן זיך געריסן פון זיי און געפאַלן אויף מאַרטאַן און איר פאַרשעמטן, אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אונטערן שוואַרצן טוך.

זי האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען און ענדלעך אַרויסגערופן יהודיתעס דאָקטאָר, גערופן צודרינגלעך און דורך טרערן:

— קומט שוין, ווייל כודיט איז אין געפאַר.

ברונאַ האָט, אַן איבעראַשטער פון מאַרטאַס פלוצימדיקן באַווייזן זיך, געלאָזט דעם אייזערנעם שטאָר הענגען אויף דער העלפט פון פענצטער, זיך נישט גערירט פון אָרט און אַלץ געקוקט אויף איר מיט זיינע גרויסע, דער־שראָקענע אויגן. מאַרטאַ האָט אים גאָרנישט באַמערקט. זי האָט צוריק אויפ־געהאנגען דאָס טרייבל און איז ווידער אַרויסגעגאַנגען, לאָזנדיק הינטער זיך דעם דומפיקן ריח פון אירע אַלטע, שוואַרצע מלבושים און דעם אומהיימ־לעכן געקלימפער פון די צלמים צווישן די פאַלדן פון איר ברייט קלייד.

דער דאָקטאָר איז געקומען אַ סך פריִער ווי יהודית און מאַרטאַ האָבן דערוואַרט. ער איז געווען אויפגערוימט און רויִק, אַוועקגעשטעלט אויפן טישל דאָס רענצל מיט די דאָקטערשע מכשירים און איז צוגעגאַנגען צום בעטל ווי אַ געטרייער ברודער. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף יהו־דיתעס שטערן און איר לאַנג און שוויַיגנדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן. ערנסט און איינפאַל האָבן זיך אָפגעזעצט אַרום זיין מויל. דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל, איר געפרוווט דעם פולס און דערביי אַנגעשטרענגט געקוקט אויף די וויַיזערלעך פון זיין האַנט־זייגערל. ער האָט נאָר אויף אַ רגע אַ קוק־געטון אויף מאַרטאַן, ווי ער וואָלט זי עפּעס געוואָלט פרעגן, און באַלד זיך ווידער פאַרטיפט ביים אָפציילן די סעקונדעס.

דאָקטאָר מאַיער איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע פערציק און אַ געניטער האַרץ־ספעציאַליסט. זיינע שלעפן זענען שוין געווען גרוי און שיטער, אָבער אַ פיגור האָט ער נאָך געהאַט אַ שלאַנקע ווי פון אַ יונגן בחור, מיט ווייכע, הימלבלויע און עטוואָס פאַרחלומטע אויגן און מיט אַן אײדל פנים ווי פון אַ יונג רבילע. ער איז געווען אַ שטילער איז אַ ביז גאָר באַשיידענער. אין שפּיטאָל, ווו ער האָט געאַרבעט, פלעגן אים תמיד אָפּוואַרטן באַערדלטע ייִדן, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אויפ־נעם־צימער, און זיי פלעגן אים אָפּשטעלן און רעדן מיט אים וועגן תורה און געטלעכקייט. דערפון האָבן די אַלטע לייט אָנגעקוואָלן און אים אָנגע־ווונטשן טויזנט ברכות. ביי זיי איז דער דאָזיקער דאָקטאָר געווען עפּעס ווי אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטער שוין נישט מער עקזיסטירנדיקער ייִדישער וועלט.

צו זיינע קראַנקע האָט ער זיך באַצויגן דעליקאַט און געהאַט אויף זיי רחמנות און פאַרשטענדעניש. ער האָט טאַקע דערפאַר געהאַט אַ שלל מיט פאַציענטן, פון וועלכע ער האָט אַ סך באַהאַנדלט אומזיסט. אַמערסטן האָבן זיך גאָר צוגעבונדן צו אים עלטערע ייִדן און ווייבער, געוועזענע יחסנים, וועלכע האָבן דאָ נישט באַוויזן צו ווערן רייך. זיי האָבן ביטער און שווער געהאָרעוועט און אויף דער וועלט געבראַכט און גוט דערצויגן

לייטישע זין און טעכטער. אויף דער עלטער זענען זיי, די אַלטע לייט, פאַרבליבן עלנטע און פאַרלאָזטע פון די קינדער, וועלכע זענען געווען צופיל פאַרטון אין זייערע געשעפטן און פאַבריקן, און מיט זייער אייגן לעבן; אין פראַווען יום־טובים פאַר אייגענע פריינט און אין אַרומפאָרן אויף דאַ־טשע. האָבן זיך ביי די אַלטע לייט אָנגעקליבן בערג מיט נישט אַרויסגע־זאָגטע טענות צו די נישט געטרייע קינדער און זיי האָבן זיך ביסלעכווייז צוריקגעצויגן, מיינענדיק אַזוי אַרום אָנצולערנען די פאַרדאַרבענע קינדער... אָבער די אַלטע לייט זענען שוין אַזוי געבליבן אָפּגענאַרט אין זייער וואַרטן, אַז די קינדער זאָלן זיך בעסערן און זיי דערלייכטערן די לעצטע פאַר יאָר פון זייער לעבן.

אָט די דאָזיקע פאַרלאָזטע, עלנטע עלטערן האָבן געהערט צום רוב פאַציענטן פון דאָקטאָר מאַיער. ער איז צו זיי געגאַנגען ביי אַלע וועטערן, אַפילו אין די קעלטסטע ווינטער־נעכט. ער פלעגט ביי זיי בלייבן שעהן־לאַנג, קויפן פאַר זיי די רפואות און מיט זיי פאַרברענגען, רעדן פון די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ייִדן זענען געווען ייִדן און טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט אַ ווערט ביי זייערע קינדער...

אויך וועגן די נביאים און גרויסע ייִדישע גייסטער פלעגט דאָקטאָר מאַיער זיי דערציילן און די עלנטע ייִדן האָבן אים דערפאַר באַשיט מיט די בעסטע ברכות און מיט אַ סך אומזיסטיקע וויזיטן.

צו יהודיתן האָט דאָקטאָר מאַיער געהאַט אַ באַזונדערס וואַרעמע באַ־ציִונג.

ער האָט זי געדענקט פון איר אַלטער היים, פונקט ווי ער האָט גע־דענקט די רחבותדיקע סעדער מיט די שווערע באַלאַדענע עפל־, פלוימען־ און קאַרשן־ביימער, ווי ער האָט געדענקט די גאָלדענע, שווערע און זאַפ־טיקע זאַנגען קאָרן און ווייץ און ווי ער האָט געדענקט דאָס סודותפולע רוישן פון סאָסנעס אין טונקל־גרינעם וועלדל וואָס ביים וועג פונעם דערפל.

געשטאַמט האָט דער איצטיקער דאָקטער פון אַ גרויסער שטאָט אין אוקראַינע. אין צייט פון בירגער־קריג איז ער אַנטלאָפן פון די פאָגראָמען און איז אָנגעקומען אַלס העברעישער לערער צו דער יוגנט פון יהודיתס דערפל. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פופצן. אַ שמאָל בחורל מיט ווייכע פאַרחלומטע אויגן, אַ פאַרזיכטיק און אָפּגעהיטער פון זינד, ווי אַ גוט־דערצויגן מיידל. ער איז געווען פילבאַר און נייגעריק. ער האָט ליב באַ־קומען די געזונטע, אַרבעטזאַמע ייִדישע יוגנט און איז געווען אַנטציקט פון דער דאָרפישער שיינקייט, וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין יונג לעבן דערזען.

אויך די קליינע יהודית האָט אים באַגייסטערט. ער האָט דערזען ־עם

טרויער אין אירע אויגן און באַמערקט, אַז די קליינע איז ווי אַן איבער־ריקע אויף דער וועלט. בשעת ער האָט געגעבן לעקציעס אירע עלטערע שוועסטער, פלעגט זי אַריינקומען אין דעם נידעריקן פויערים־שטיבל מיטן שטרויענעם דעכל, האַלטנדיק אַ פינגערל אין מויל, געקוקט אויף אים און שטומערהייט ווי עפּעס געבעטן און געמאָנט:

האָט ער זי גענומען אויף די הענט און אַריינגעשמייכלט אין איר בליק, מאָגער פנימל:

— ווילסט, איך זאָל דיך לערנען שרייבן, יהודיתל?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און פאַרלוירן געשמייכלט.

— נו, און אין וואַלד ווערסטו גיין מיטן לערער? רעד עפּעס!

דאַן האָט זי אַרומגעוויקלט אירע דינע, בלייכע הענטלעך אַרום זיין האַלדז, אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף זיין אַקסל און פלעגט אָפּזיפצן שווער און טיף, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן אויף זיך אַ שווערע מאַסע.

אַ סך מאָל, ווען ער פלעגט ליגן אין סאָד אונטער די צעוואַקסענע צוויט־ און קאַרשן־ביימער, האָט זיך די קליינע צוגעשאַרט צו אים, אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף זיין קני און אויפמערקזאַם געהערט אים לייענען. און ווען ער האָט איר נישט געשענקט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט, פלעגט זי אַ זיפץ־טון און אים רופן:

— מייעלעלע! (אַנשטאַט מייערלע, ווי אירע שוועסטער פלעגן אים רופן).

דאַן פלעגט ער זיך אויפהייבן, נעמען דאָס בוך אונטערן אָרעם און אַרויפזעצנדיק די קליינע ביי זיך אויף די אַקסלען, פלעגט ער אַוועק מיט איר אין וועלדל אָדער זיך אַראָפּלאָזן אין גרינעם טאָל צווישן ייִדישע פּלאַנטאַציע־פעלדער און זי דאָרטן, צווישן די הויכע, באַרייזלטע גראָזן, איינשלעפערן. אַרום זיי האָט שימערירט אַ גלאַטע, צעוויגטע גרינקייט און אַ רויטע, ברענענדיקע זון האָט זיך מעסערדיק געבראָכן, זיך צעשפּליטערט און געפאַלן אויף זיי ווי גאָלדענע קאָרעלן.

אין די בלויע, שטילע פאַרנאַכטן האָט זיך דאָס דערפל געטונקען אין די ריחות פון צוויט־ און וויינשל־ביימער, און די זאַפטן פון פריש־געוואַרעמטן קעז מיט סמעטענע און פריש־געמעלקטער מילך זענען געקראָכן אין די ביינער און זיי געקרעפטיקט און געזעטיקט.

די געזונטע ברייטפּלייציקע יונגען און מיידן מיט שטייפע ברוסטן, ווי צייטיקע עפּל, אונטער זייערע דינע געבלימלטע קאַפּטעלעך און מיט בלויען פלאַם און ליידנשאַפט אין די מיידלשע אויגן, — זיי האָבן אָפּגענומען דעם לוין פאַרן שווערן אַרבעטס־טאָג אויף טאַטנס פעלדער. אַ פרייד און אַ גלוסטונג האָט זיך געריסן פון געזונטן בחורדיקן בלוט און אויך אַ באַגער

נאָך וויסן. האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן אין די הויכע, פּויערישע וועגענער, אויסגעבעטע מיט פריש־געשניטן היי, און זינגענדיק פריילעכע לידער איז מען, אינאיינעם מיטן לערער און מיט יהודיתלען אַוועקגעפאָרן אין וואַלד. דאָרט האָט דער איצטיקער דאָקטאָר דיסקוטירט מיט זיי איבער אַרציבאַ־שעווס סאַנין און אַנדערע ווערק, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט נייע שטי־מונגען צווישן דער דאָרפישער יוגנט און געצונדן אין זיי דאָס קאָכעדיקע בלוט און מיט געוואַלד געהאַמעוועטע ליידנשאַפטן.

די קליינע יהודית פלעגט זיצן אויפן גראָז לעבן לערער און מיט אַ מינע פון אַ דערוואַקסענער קוקן און שלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

אָט יענע צייט, יענע פרייד, האָט זיך ווי מיט גאָלדענע אותיות איינגעקריצט אין זיין נשמה. אין יהודיתן האָט ער נאָך אַלץ געזען יענץ שמאָלע, שטילע מיידעלע מיט די גרויסע אומעטיקע אויגן און מיטן קרענק־לעכן שמייכל אַרום איר געשלאָסענעם מויל.

אין אַרגענטינע איז ער געוואָרן אַ דאָקטער, אַ ספּעציאַליסט אין האַרץ־קראַנקייטן. ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן דער קאָמפּליצירטער האַרץ־מאַשינעריע, אָבער זיין וויסן און בילדונג האָבן מיט גאָרנישט גע־ענדערט זיין אַמאָליקע באַשיידנקייט און גוטן כאַראַקטער.

אויך זיין אַמאָליקער ייִדישער סענטימענט איז געבליבן גאַנץ, פּונקט ווי פריִער. ער האָט גערעדט מיט זיינע פּאַציענטן נאָר אין ייִדיש און ווען ער האָט געזען, אַז דער קראַנקער צאַפּלט אין שרעק פאַרן טויט און וויל אַרויסרייסן ביי אים, דעם דאָקטער, דעם אמת וועגן זיין צושטאַנד, כאָטש ער, דער קראַנקער, שרעקט זיך געוויינלעך, פאַרן ריינעם אמת, — דאַן איז ער געבליבן אויסערלעך רויִק און גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט גאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס אין קראַנקנס נשמה קומט פאָר. ער האָט אָנגע־הויבן רעדן מיט אים וועגן פאַרשידענע ייִדישע ענינים און אַ סך מאָל, כדי איינגאַנצן צו פאַרווישן דעם קראַנקנס שרעק, פלעגט ער אָנהייבן אונטער־ברומען אַ חסידיש ניגונדל און אויף אַזאַ אופן איז אים אַ סך מאָל גע־לונגען אָפּצושוואַכן אין קראַנקן די מורא פאַרן טויט.

נאָר פון יהודיתן האָט ער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן דעם אמת וועגן איר קלאָגעדיקן געזונטצושטאַנד. ווען זי האָט אים באַזוכט, פלעגן זיי רעדן וועגן היימישן לעבן, וועגן די דאָרפס־ייִדן, וועלכע היימישע פּויע־רים האָבן אויסגעקוילעט און צוגעהאָלפן די דייטשע גזלנים אין זייער בלוטיקן שפּיל.

טיילמאָל פלעגט זיך זיין רויִקייט אויך איבערטראָגן אויף איר. אָבער זי האָט סיי־ווי געוווסט, אַז איר לעבן איז אין שטענדיקער געפאַר.

ווען נאַטאַליאַ איז פון איר אַוועק, האָט עס דעם דאָקטאָר ווי־געטון

פון גאַנצן האַרצן. ער האָט געהאַלטן אַז זיין יונגער קאָלעגע האָט זיך אויפגעפירט לייכטזיניק און אומרחמנותדיק. יהודיתן האָט ער באַוואונדערט, ווייל זי האָט זיך ווי עס איז באַרויקט און האָט זיך נישט געלאָזט אויף קיין לייכטע וועגן צו זוכן פאַרגעסונג... ער האָט געזען אין איר אַ מענטש מיט אַ טאַקט־געפיל, אַ פרוי, וואָס קען זיך אָפּזאָגן פון יעדער לייכטער פרייד, אַבי אין זיך צו דערהאַלטן די ווירדע.

ווען יהודית איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זי באַהאַנדלט ווי אַן אייגענע שוועסטער. זי האָט אַ סך מאָל געטראַכט מער נישט גיין צו אים און אים אויך נישט רופן, ווען זי וועט קראַנק ווערן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען ביי איר קיין האָנאָראַר פאַר די וויזיטן. זי האָט געוווּסט, אַז צוליב זיין גוטסקייט און רחמנות צו די קראַנקע איז ער נישט קיין רייכער דאָקטאָר. אָבער ווען איר לעבן איז געווען אין געפאַר, האָט זי זיך נישט געוואָלט אָנטרויען קיין אַנדערן און אים געלאָזט רופן. און ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס איז איר אַביסל גרינגער געוואָרן און אַז מאָרגן וועט זי שוין קענען אויפשטיין און זיך ווידער קענען אָפּגעבן מיט איר אַרבעט אין גאָרטן און מיט אירע אויס־נייעכצער.

אָבער דער דאָקטער מאַיער האָט געוווּסט, אַז איר לעבן איז אין גע־פאַר. זיין האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות און מיט באַגער זי ווידער געזונט צו מאַכן.

לאַנג און געטריי האָט ער געהאַלטן זיין צאַרטע האַנט אויף איר שטערן און איר שוויגנדיק אַריינגעקוקט אין די צעשראָקענע אויגן. און ווען זי האָט אַ באַוועג־געטון מיט די ליפּן אים עפּעס צו פרעגן, האָט ער ווי עפּעס אַראָפּגעשלונגען, ווי עס וואָלט אים ענג געוואָרן אין האַלדז און זי מיטן ווייזפינגער געוואָרנט:

— ששש! קיין איין וואָרט נישט! קיין איין וואָרט! רויק!

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו מאַרטאַן:

— אונטער וועלכע אומשטענדן איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען?

זי האָט פאַרלוירן געשטאַמלט:

— איך האָב זי אויפגעהויבן אַ פאַרחלשטע.

ער האָט אַ מאַך־געטון מיט אַ האַנט און זיין איידל פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט דער קראַנקער געמאַכט אַן איינשפּריצונג, צוריק באַ־האַלטן אין רענצל דעם אַפּאַראַט און זיך ווידער אַוועקגעזעצט לעבן איר; אַריינגענומען אירע קליינע הענטלעך אין זיינע און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אַ פאַרטועטער אין דער זאָרג וועגן איר, געדולדיק געוואַרט ביז ס'וועט קומען אַן ענדערונג, ווייל ער האָט זי מורא געהאַט איבערצולאָזן אין

אַזאַ דעליקאַטן צושטאַנד. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז יהודית האָט איבער־געלעבט אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג און די איבערנאַטירלעכע ליידן האָבן גורם געווען דאָס פּלאַצן פון אַ האַרץ־אָדערל.

ווען יהודית האָט פאַרמאַכט די אויגן און שפּעטער אַביסל אַנגעהויבן שטיל צו שנאָרכן, האָט זיך מאַרטאַ אַרויסגערוקט פון ווינקל לעבן בעטל, זיך צוגעבויגן צום דאָקטאָר און געפרעגט מיט אַ הייליקן ציטער אין דער שטים:

— דאָקטאָר, איז נאָך פאַראַן האָפענונג?...

—יאָ, זי איז שטאַרק אין גייסט! — האָט ער איר שטיל געענטפערט

— אָבער מיר וועלן איר מוזן צוהעלפן בייצוקומען די קרענק.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ באַזאָרגטן קוק־געטון צו דער קראַנ־קער. פאַרצױענדיק זיין קלאָרן, ברייטן שטערן האָט ער זיך פאַרטראַכט. נאָך אַ לענגערן שוויגן האָט ער ווידער איבערגעריסן די שטילקייט:

— אויב איר זענט יהודיתעס אַ פריינדין, טאָרט איר זי נישט לאָזן אַליין.

מאַרטאַס פּנים האָט זיך געקרימט אין אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע. עס האָט פון איר אַרויסגעזיפּצט:

— איך נייטיק זיך אין איר אַ סך מער ווי זי אין מיר...

— איז דאָך גוט! — האָט אַ פונק פון רויִקייט אויפגעשיינט אין זיין פּנים. — עס איז אַ חוב און אויך אַ פרייד צו העלפן אַ פריינד, צו העלפן יעדן, וועלכער נייטיקט זיך אין אונדזער הילף, — האָט ער שטיל גערעדט צו איר.

מאַרטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. זי האָט אויך גוט געקאָנט דעם דאָקטאָר פון די וויזיטן, וואָס זי מיט יהודיתן האָבן ביי אים געמאַכט.

דאָקטאָר מאַיער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין טראַכטן און נישט אַראָפּגענומען די באַזאָרגטע בליקן פון דער קראַנקער. דאַן האָט זיך מאַרטאַ קעגן איר אייגענעם ווילן אַרויסגעשאַרט פון שטיבל און די פיס האָבן זי געטראָגן ביז צום אַרויסגאַנגס־טירל. אַלץ אין איר האָט זיך צעהאַמערט און געריסן אין דער וועלט אַריין. אירע בליקן האָבן שרפהדיק געקוקט צום שוואַרצן, אייזערנעם פאַבריק־טויער און זיי האָבן געוואָלט אַרויסרייסן פון דאָרטן גומערסינדאָן.

אָבער אַ קאַלטע פרעמדקייט איז איר פון דאָרטן אַנטקעגנגעקומען און דער ריח פון זיין געזונטן, ריינעם קערפּער. האָט זי זיך דערשראָקן פאַר עפּעס אַן אומהיימלעכן און זינדיקן געדאַנק, וועלכער איז ווי אַ שטראָם

וואַרעם בלוט געפּלאָסן פון איר קאָפּ ביז אַראָפּ צו די שפּיצן פון די פינגער און זי אָנגעפילט מיט אַ לאַנג, לאַנג פאַרגעסענער און פאַרשטומטער אומרו.

— ניין, ניין! — האָט זיך איר איידעלער, געבראָכענער פרויען־געפיל געבונטעוועט קעגן דעם פּלוצים ווידער אָנגעצונדענעם בלוט, וואָס איז קעגן איר ווילן אַרויפגעשטיגן אין קאָפּ אַריין און איר געבריט דעם גאַנצן קערפּער. און זי האָט פאַריסן דעם קאָפּ, פאַרביסן די ליפּן און דאָס פּנים איז איר געוואָרן נאָך פינצטערער, ווי עס איז געווען פון זינט דעם טאָג פון אומגליק. דער הייסער, קרענקלעכער גלאַנץ אין די אויגן און די טרו־קענע קינבאַקן האָבן זיך געשפּיצט קעגן אייזערנעם פאַבריק־טויער און אַזוי שטומערהייט האָט זי אָפּגעענטפערט און געשטילט דעם בלינדן כוח, וואָס האָט זי דערמאָנט אָן גומערסינדאָן און אין זיינע צערטלעכקייטן; זי דערמאָנט אָן איין איינציקער נאַכט פון קערפּערלעכן געניוס; אַ ביסעלע פרייד, וואָס האָט איר שפּעטער אַזוי פיל אומגליק געבראַכט און זי אויפן גאַנצן לעבן איינגעהילט אין טיפן טרויער.

ווען זי האָט שוין געפילט, אַז זי האָט דערשטיקט אין זיך די חוצפּה פון בלוט, איז אַ ניי געלייטערט געפיל אין איר אויפגעגאַנגען און זי האָט זיך דערפילט דערלייכטערט און גרינג אויף די פיס, וואָס האָבן זי ווי מע־כאַניש אַריינגעפירט אין דעם צימער, ווו זי האָט פריער געוווינט. אָבער איר גרויער, געבויגענער קאָפּ און דאָס געפייניקטע האַרץ זענען אַלץ נאָך געווען באַליידיקט און באַלאָדן מיט טיפער בושה, אַ בושה און אַ מורא פאַר דער נאַכטיקער שווארצקייט, פאַר גאָט און אויך פאַר די שכנים אין די בעטן. זי האָט מורא געהאַט פאַרן געדאַנק, אַז די שכנים קענען שוין וויסן, וואָס אַזוינס עס איז ווידער פאַרגעקומען אין איר לייב...

אין צימער זענען איר אַנטקעגנגעקומען די ריחות פון פאַרגאָסענעם מענטשלעכן בלוט און אין איר פאַנטאַזיע זענען אויפגעשוווּמען ביידע מע־נער: דאָן פילקע און גומערסינדאָ, אָנגעלאָדענע מיט צאָרן און מיט צע־שטערערישן כוח, און הינטער זיי די בלייכע קוקי אינעם ווייסן טויטן־קלייד. און זי ציט זיך אַזוי צו דער מאַמען און דאָס איינגעפאַלענע פּנימל פול מיט רחמנות, און די טרוקענע הענטלעך ציטערן און ציטערן. די שוואַרצע אָפּגרונטן פון אירע אויגן ברענען איבער איר און זיי וויינען און שטראָפן:

„איך ווייס, מאַמי, אַז איך בין דיר אַ שטערונג... הלוואי, מאַמי, זאָל איך שטאַרבן און דו וועסט דיר קענען אָוועקגיין מיט די גראָבע וואָנצעס"...

מאַרטאַן איז ענג געוואָרן אין האַרצן; אַ קעלט איז אין איר אַרומ־געלאָפן און ווי אַ שפּיציקער וואַסער־שטראָם געגליוערט אירע מידע אברים. זי האָט אויסגעשטרעקט די אויף פאָרויס צענומענע הענט און גע־

זוכט אין פינצטערן חלל איר ווייס־אָנגעטוענע טאָכטער. די ווייסקייט האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און מאַרטאַ איז איר ווי אַ נאַכטוואַנדלערן נאָכ־געגאַנגען און אירע שפּיציקע קינבאַקן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ קאַלטן גליוער און מיט טויטלעכן שווייס. אירע האַלב בלינדע אויגן און אַלץ אין איר האָבן זיך געריסן פאַראויס ווי צום דורכבויערן אַן אייזערנע וואַנט, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון קינד.

אין ווינקל איז זי צוגעפאַלן צום קינדס בעטל, וואָס איז נאָך דאָרט געשטאַנען אַ ריינס און אַ פאַרבעטס און מיט דער שיינער, אויסגעפּוצטער ליאַלקע. האָט זי זיך מיט אַלע אויפגעצאַפּלטע אברים, מיט אירע באַצוויינ־גערישע און נישט נאָכגעביקע הענט און מיט נעגל ווי די צוואַנגען איינגע־קלאַמערט אין בעטל און עס צוגעדריקט צו זיך מיט אַן איבערמענטשלעכן, קרענקלעכן כּוח און מיט אַזאַ ווילן, גלייך זי וואָלט געוואָלט אויפרייסן איר ברוסט און אויף אייביק באַהאַלטן דאָרט דעם לעצטן זכר פון דעם, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט איר קינד.

— קוקי, קינד מיינס, — האָט עס פון איר אַ ריס־געטון מיט ריטש־קעס טרערן און אירע ציין אין מויל האָבן געקלאַפּט ווי אַ בינטל שליסלען.

— ווי איז צו מיר! — האָט זי אין איר אויסברוך פון בענקשאַפט נאָכן קינד געוויינט און אַרומגעשמעקט די ליאַלקע פון אַלע זייטן ווי אַ פרומער ייִד דאָס בשמים־ביקסל ביי דער הבדלה, און זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון דעם פּאַרפיום, וואָס קוקי האָט גענוצט און פון די לעצטע, נאָך שטיינגעבליבענע רפואות.

אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. איר געוויין איז געוואָרן האַסטיק און אומגעצוימט ווי אַ שלאַקס רעגן. ס'האָט אויסגעזען, גלייך זי אַליין וואָלט געווען ווי אַ שוואַרצער וואָלקן, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אי־בערגעבראָכן און ס'רייסן זיך פון זיין אינגעווייד די אָנגעזאַמלטע וואַסער־מאַסן.

אירע אברים האָבן זיך געקאָרטשעט אין ווייען און דאָס יאָמערן האָט אָנגעפילט דאָס צימער און דעם גאָרטן און איז אויך אַריינגעפאַלן צו יהו־דיתן אין צימער. האָט זיך יהודית אויפגעכאַפּט פון לייכטן, קרענקלעכן שלאָף. איר דורכלויכטיק בלייך פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן אויבערשטן טייל קערפּער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויפהייבן.

דער דאָקטער, וואָס איז נאָך געזעסן לעבן בעטל, האָט זיך דערשראָקן פאַר דער האַסטיקער באַוועגונג. ער איז געוואָרן בלייך און אין זיין שלונג איז עפּעס ענג געוואָרן, ווי תמיד, ווען ער ווערט מיטגעריסן פון אַ קראַנקנס

לײדן. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך צוגעבויגן צו איר פּנים און מיטן פינגער געוואָרנט:

— נאָר רויק, פולשטענדיק רויק! דאַן וועט אַלץ ווערן גוט.

— מאַרטאַאַאַ! — האָבן זיך אירע בלייכע ליפּן אַ קרום־געטון און די קאַרבן אַרום זיי זענען געוואָרן טיפער און מאָגענדיקער.

דער דאָקטער האָט ווידער אַ ווײז־געטון מיטן פינגער און מיט אַ מינע פון צושטימונג איז ער גיך אַוועק צו מאַרטאַן.

— וואָס טוט זיך מיט אײך? — האָט ער אַרײנגערעדט אין ווינקל צו דער שוואַרצער ווײנענדיקער מאַסע, וואָס האָט דאָרט געקניט אַנטקעגן דער איקאָנע — נעמט אײך אַרײן אין די הענט, ווײל די קראַנקע אין דערבײיאיקן צימער טאָר זיך נישט אויפרעגן!

כאָטש זײן שטים איז געווען ווייך און פול מיט באַדויערן, האָט זי אָבער געווירקט אויפן שטורעם פון איר געוויין. מאַרטאַ האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן און מיט געוואַלד דערשטיקט אין זיך דעם אויסברוך פון היסטעריע. דאַן איז ער צו איר צוגעגאַנגען און איר געהאָלפן אויפשטיין. ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קלײן זיפצעלע און האָט רויק צוגעוואָרט, ביז זי וועט זיך אײנגאַנצן אײנשטילן, ווײל ער האָט געוווּסט וועגן אַלע אירע איבערלעבונגען און אַן איבערמענטשלעך מיטגעפיל האָט פאַרפלייצט זײן האַרץ.

אין צימער איז געשטאַנען אַן אָנגערוקטע פינצטערניש. די קלעטער־פלאַנצן אַרום דעם גאַניקל האָבן זיך געוואַשן אין קילן ווינטל און פון ערגעץ נאָענט האָט זיך דערטראָגן אַ געוויין פון אַ קינד, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אַ מאָדנע, אומעטיק שמייכעלע האָט אויפגעציטערט אַרום זײן מויל און זאָרג פאַר יהודיתן. ער האָט אַ טראַכט־געטון: די קראַנקע קען מען איצט נישט רירן פון אָרט. זי מוז האָבן פולשטענדיקע רו. איז ווער וועט אויף איר אַ קוק טון? און ווי לאָזט מען זי ווידער איבער אין אַזאַ עלנט?

מאַרטאַ האָט אַרויסגעפּילט זײן זאָרג. האָט זי דערשטיקט אין זיך די לעצטע זיפצן און מיטן זוים פון שוואַרצן שאַל אָפּגעווישט די ריטשקעס טרערן פון פּנים.

זי האָט איבערגעריסן די שטילקײט:

— סעניאָר דאָקטאָר, כּודיט איז נישט אַלײן. איך דאַרף צו איר אַ סך מער ווי זי צו מיר. איך האָב דאָס אײך שוין אײן מאָל געזאָגט!...

אין אים האָט עס אַ שלאָג־געטון מיט פרייד און מיט דערלײכטערונג און ער האָט זי געפרעגט מיט אַ ווייכער, פרײנטלעכער שטים:

— וועט איר זי אָפּהיטן ביז זי וועט ווידער קומען צו זיך?

— יאָ, יאָ! — האָט עס פון איר אַרויסגעשלאָגן ווי מיט אַ שבֿועה, — זאָגט מיר נאָר, סעניאָר דאָקטאָר, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג?

— אַז מיר וועלן איר העלפן, וועט זי ווידער קומען צו זיך.

דאַן האָט מאַרטאַ אַ דערלייכטערטן זיפץ געטון און איז די ערשטע אַרויס פון צימער.

די ריחות פון איר קינדס קליידער און פון די רפואות, וואָס זי האָט יאָרן-לאַנג גענומען, זענען איר נאָכגעגאַנגען און זענען ווי שטעקן-געבליבן אין אירע חושים.

דער דאָקטאָר איז איר איילנדיק פאַרלאָפן דעם וועג און איז דער ערשטער אַריין צו יהודיתן אין צימערל. ער איז שטיין געבליבן פון דער ווייטנס און מיטן פינגער געוואָרנט יהודיתן צו זיין רויק.

אַ טיף מיטגעפיל צו די צוויי אָרעמע, צעבראָכענע פרויען האָט אַרויס־געקוקט פון זיינע ווייכע בליקן און דערוואַרטונג.

ווען מאַרטאַ איז אַריינגעקומען איז איר פנים געווען צעפייניקט און אויסגעזען ווי געהייליקט.

יהודית האָט איר אַנטקעגנגעשטרעקט אַ בלייכע, שמאָלע, כמעט קינ־דישע האַנט און מיט צוויי שוואַכע פינגער אָנגענומען מאַרטאַס קליין פינ־גערל און זי געצויגן צו זיך אַלץ נענטער און נענטער.

מאַרטאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און איר אַ קוש-געטון אין שטערן. דאַן האָט זי זיך ווידער אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דאָס פנים צו דער בלויער, פאַרטאָגיקער שיין הינטערן אָפענעם פענצטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך איבערגעצלמט און פרום געמורמלט און געבעטן:

— פאַרגיב מיר, גאָטס הייליקע מוטער, וואָס איך האָב „זיי" געהאַסט, די דאָזיקע נשמהדיקע מענטשן. איך האָב זיי געהאַלטן פאַר טייוולאָנים און זיי זענען דאָך אַזוי אַנדערש, ווי די אונדזעריקע מיינען! פאַרגיב מיר...

יהודית האָט געהאַלטן אויף איר די ברייטע, אויפגעריסענע אויגן, פולע מיט ליבשאַפט און מיט פאַרגעבונג. געריסן האָבן זיך פון זיי אויך גאָלדיקע פונקען, ווי תמיד, ווען אין איר איז אויפגעגאַנגען אַ געפיל פון פרייד און ווען זי איז בייגעקומען אין זיך אַלע קרענקלעכע אָנפאַלן.

דאַן האָט זיך מאַרטאַ ווידער אָנגעבויגן איבער איר און זייערע בלייכע פנימער האָבן זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון דעם זעלטענעם שיין פון באַגינען...

פון זייערע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט זייערע נשמות, געהייליקטע פון די ליידן און באַלאָדענע מיט בענקשאַפטן און ליבשאַפט איינער צו דער

אַנדערער און מיט שבֿועות, צו בלייבן זיך געטריי און זיך מער נישט צו שיידן ביז צום לעצטן טאָג פון זייער לעבן...

די רירנדע פריינטשאַפט צווישן די צוויי פרויען האָט דעם דאָקטער גערירט ביז טרערן. אַ מאָדנע הייליק געפיל האָט אויפגעבליצט אין זיינע פייכטע בליקן און אַ געוואַלדיקער געפיל צו זיי. ער האָט געוווּסט, אַז יהודיתס נאַיִווע ראָמאַנטיק איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. איר גלויבן אין נאַטאַליאַס האַרץ, וואָס האָט זי יאָרן־לאַנג גענאַרט און איר פאַרשאַפט איבערמענטשלעכע יסורים, — איז געשטאָרבן.

דעריבער איז דער דאָקטער געווען צופרידן מיט נאַטאַליאַס אַוועקפאָרן. און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז יהודיתס צושטאַנד איז אַ געפערלעכער, האָט ער דאָך געהאָפט און געגלויבט, אַז איר ווילנסקראַפט וועט אויך דאָס מאָל בייקומען די געפאַר.

אַזוי פאַרטון אין די געדאַנקען איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום בעטל. פונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך מאַרטאַ אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך איבערגעצלמט, בעטנדיק שטיל און דורך דערשטיקטע טרערן:

— הייליקע מוטערל, שיק איר אַ רפֿואה, דער גוטער נשמה! טו גערעכטיקייט צו די אומגליקלעכע!

יהודית האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געפילט; שוין כמעט מער נישט געליטן. זי האָט געהאַלטן די עטוואָס־צעשראָקענע אויגן אָנגעשטעלט אויפן דאָקטער און געדאַכט האָט זיך איר, אַז זי איז ווידער אין איר דערפל און זיצט ביי אים אויפן שויס, צווישן די זינגעוודיקע מיידן מיט די לעבעדיקע בחורים אינעם טיפן פויערישן וואָגן. אַ שמעקעדיקע לופט הייבט זיך אויף פונעם בלויען טייכל, אַ לופט, וועלכע איז אַזוי שטאַרק און קיל, אַז דאָס האַרץ אירס קאָן זי גאָר נישט אויסהאַלטן. זי פילט זיך שוואַכער און שוואַכער און די לופט שטיקט און האַקט איר איבער דעם אָטעם און זי האָט דעם איינדרוק, גלייך ווי זי זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט.

און באַלד זעט זי די שיף מיט נאַטאַליאַן און גינערן מיט זיין פאַמיליע... די שיף וויגט זיך אויפן צעשוימטן געלבלעכן וואַסער און איבער די כוואַליעס קייקלט זיך נאַטאַליאַס שטים:

— יהודית! יהודית!...

אַ קאַלטער שמייכל האָט זיך איינגעשניטן אַרום די קאַרבן פון איר מויל און די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן פון קאָפּ. דאַן האָט זי אָפּ־

געקערט דאָס פּנים אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר די ווענט פון איר זויבער שטיבעלע, די איינציקע עדות פון אירע יסורים און זינ־לאָזן וואַרטן אויף נאַטאַליאָן. צוויי גרויסע טרערן זענען שטעקן געבליבן אין די ווינקלען פון אירע ברייטע אויפגעריסענע אויגן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלאָשן און אויף אייביק פאַרשלאָסן.

(סוף)

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק אַלע לאַנדס־
לייט און פריינט אין סאַנטיאַגאָ — טשילע,
וועלכע האָבן מיטגעשטייערט צום אַרויסגעבן
דאָס דאָזיקע בוך.

די מחברן

פון דער זעלבער מחבר

צווישן קראַנקע (שפּיטאָל־רעפּאָרטאַזשן)

וואָס מיין פריינט האָט דערציילט (דערציילונגען)

בעסאַראַביע 1918 (ראָמאַן)

מיין שטעטל יעדינעץ (ראָמאַן אין 2 בענד)

צווישן בערג (דערציילונגען)

מלחמה־יאָרן 1914־1918 (ראָמאַן)

די מוטער רחל (ראָמאַן אין 2 בענד)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 10 DE NO-
VIEMBRE DE 1954 EN LOS
TALLS. GRAF. "ZLOTOPIORO
HNOS." CALLE GASCON 1231.
BS. AIRES., REP. ARGENTINA

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
Golde Gutman (Krimer)
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

GOLDE GUTMAN (KRIMER)

BAJO LOS CIELOS AZULES ARGENTINOS

(UNTER DI BLOE ARGENTINER HIMLEN)

TOMO II

*

BUENOS AIRES
1954